STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03869

FRISHMAN'S YUBILEUM-BUKH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרישמאנ'ס יובילעאום-בוך.

צו זיין פופציג-יאהריגען געבורטס-טאג.

(תרכ"ה — תרע"ה)

ווארשא, תרע"ד.

דרוק אוניווערסאל, לעשנא 31.

Тип. „Универсаль", Варшава, Лешно 31.

ד. פרישמאן.

אינהאלט.

I

דוד פרישמאַן — ד"ר מאַקס נאָרדוי . . . 7

דוד פרישמאַן — ד"ר י. ל. קאַנטאָר . . . 9

דער יונגער פרישמאַן — בעל-מחשבות . . 21

דוד פרישמאַן — ה. ד. נאָמבערג 28

דוד פרישמאַן (געדאַנקען און שטריכען)—יצחק קאַצענעלסאָן 32

דער לירישער קעמפפער — אַ. שטיינמאַן . . 40

דער פאָהן-טרעגער (נאָטיצען) — אַ. ריקלים . . 43

דוד פרישמאַן (שטריכען) — ידידיה מרגלית . . 49

תוהו ובוהו (אַ שטריך) — דוד דרוק . . . 55

די ערשטע בעקאַנטשאַפט — מ. ספעקטאָר . . 62

פרישמאַן צוגאַסט ביי שלום-עליכם'ן—שלום-עליכם . 67

II

גאָט האָט געוויינט — ז. שניאור 75

געדיכטען: I אין דער רוישענדער גאַס, II די ערשטע
גרויע האָר — אַברהם רייזען . . 82

אַ חלום (ערצעהלונג) — י. מ. וויסענבערג . . . 84

אויפ'ן ים (געדיכט) — מנחם 89

יולקע (אַ קאַפּיטעל פון אַן ע־צעהלונג) —אפרים קאַנאַנאָווסקי 90

לירישע פראַגמענטען (געדיכטען)— ז. סעגאַלאָוויטש . 104

די נקמה פון דער ליעבע (ערצעהלונג)—ידידיה מרגלית . 108

*** (געדיכט) — משה טייטש 127

מיניאַטורען — א. שטיינמאַן 129

אין מדבר (געדיכט) — מ. מ. הורוויץ 137
דער וואונדער־קוואל (א מעשה׳לע) — רחל פייגענבערג . 138
עלענד (געדיכט) — יעקב לערנער 146
לילית — ב. קארליניום 148
* * * (געדיכט) — פאולא ר. 167
אוים די כתבים פון א שטילען מענשען — דוד קאסעל . 170
אריענטאלישע מאטיוועז: I ביים האפען, II דאס
ליעד פון שקלאף (געדיכטען) — לייב נײדוס . 184
א חלום פון פערעלעס יאהרען (א מעשה) — י. מאסטבוים 188
דער ערשטער פריהלינגס־טאג (געדיכט) — שרה רייזען 203
פאלקס־ליעדער — געזאמעלט פ. גראוובארד און
ש. לעהמאן 205

I

ד״ר מאקס נארדוי.

דוד פרישמאן.*)

פרישמאן איז אין מיינע אויגען א מין וואונדער-ערשיינונג. איך בין ווייניג גענייגט צו גלויבען אין מיסטיק, אבער ווען איך טראכט וועגען פרישמאנ׳ען, ווערט מיר אליין, צו מיין גרויסער פערוואונדערונג, קלאר, אז דער גייסט פון מיינע געדאנקען איז גענייגט צו מיסטיציזמוס. ווירקליך, ווי אזוי קאן מען ערקלערען דעם פאקט, וואס נאך טויזענדער יאהרען, ווען די העברעאישע שפראך האט אויפגעהערט בענוצט ווערען אין גאס און אין שטוב, זאל זיך געפינען א מענש, וואס זאל אפהיטען די נשמה פון העברעאיש און דאס געפיהל פון דער העברעאישער שפראך אויף אזא לעבעדיגען און ממשות׳דיגען אופן, און זאל זיין מסוגל צו ענטוויקלען אזא לעבעדיגען סטיל, אז ישעיהו הנביא וואלט איהם געדארפט אנרופען: „ברודער מיינער!“ און דער מחבר פון איוב וואלט איהם געדארפט זאגען: „מייסטער!“. צי דארף מען טראכטען, אז דער צופאל בעווייזט, אז עס עקזיסטירט א וואונדערבארע טראדיציע, א אינערליכע גייסט-פערבינדונג מיט די אבות פון טויזענדער יאהרען צוריק? אדער דאס איז נור א ירושה, וואס ווערט איבערגעגעבען דורך די דורות פון דער פערגאנגענהייט?

*) געשריבען (דייטש) ספעציעל פאר דעם „יובילעום-בוך“.

נאר א פאקט איז, אז פרישמאן טראכט און פיהלט אויף העברעאיש, אז אין דער שפראך בעשאפט ער זיינע ווערטער און אויסדריקען, אז פון בעהאלטענע קוואלען שטראמען צו איהם די אלטע חוואליעס פון דער שפראך. צי זעהט עס נישט אויס, ווי זיין מוטער זאל איהם האבען געזונגען ביי זיין וויעג-בעטעל ליעדלעך אין העברעאיש? צי האט ער נישט שוין, בשעת ער איז א קינד געוועזען, זיינע ערשטע קינדערשע ווערטער אין העברעאיש גערעדט?

זיין רייכע שפראך פלעגט מיך שטענדיג פערבלענדען מיט איהרע שענע פארבען און האט מיך אזוי פיעל בעהערשט, אז איך בין שפעטער כמעט געווען אונגערעכט צום אינהאלט פון זיינע ווערק. אבער די דאזיגע ווערק דארפען בעזונדערס גערימט ווערען אלס ליטעראַרישע שעפּונגען, אלס א רעזולטאט פון א שטארקען און אנגענעהמען טאלענט און פון א טיעפער און פיעלזייטיגער מחשבה פון א גרויסער פערזענליכקייט.

און מיר רעדט נישט בלויז די דאנקבארקייט, אלס דער מחבר פון די „לעגענדען“, וועלכע פרישמאן האט איבערזעצט אויף א אונפערגלייכליכען העברעאיש און זיי מיר געוויזען אין א נייער וואונדערבארער פארם, וואס פילט-אן מיין הארץ מיט געפיהלען פון כבוד צו מיינע אייגענע שעפּונגען; — נאך פאר דעם בין איך געווען פיל מיט התפעלות פאר פרישמאנ'ען אלס איינער פון די וויכטיגסטע לעהרער פון זיין פאלק. דוד פרישמאן איז איינער פון די, וואס גיסען אריין אין הארץ פונ'ם יוד שטראמען פון ליעבע צו אונזער אלטער שפראך. א דאנק דעם איז ער געווען איינער פון די, וואס וועקען די נשמה פון פאלק, איינער פון די, וואס שאפען און ענטוויקלען דעם יודישען פאלקס-בעוואוסטזיין.

אין דער העברעאישער ליטעראטור איז נישטא נאך אזא נאמען, וואס זאל אזוי לייכטען, ווי דער נאמען פון דוד פרישמאן. זאל גאט געבען, אז נאך פיעל יאהרען זאל ער בערייכערן די דאזיגע ליטעראטור מיט זיינע ווערק.

פאריז, 6 מאי 1914.

ד"ר י. ל. קאַנטאָר.

דָוִד פְרִישמאַן*).

ווען אַ פאָרשער פון דער דעמאָלט נאָך יונגער פעלקער־פּסי־כאָלאָגיע וואָלט מיט אַ יאָהר פיערציג צוריק וועלען געפינען אַ מאַס־שטאַב אויף צו מעסטען די פּסיכיק פון דעם יודען פון מזרח־איראָפּאַ און די פּסיכיק פון דעם מערב־איראָפּעער, וואָלט ער דאָס בעסטע געטהון, ווען ער שטעלט אַוועק פון איין זייט דעם יודישען בעל־הבתישען סוחר, וואָס לייענט יעדען פרייטאָג דעם „המגיד", און פון דער צווייטער זייט דעם דייטשען סוחר, וואָס לייענט די „אויגסבורגער אַללגעמיינע צייטונג", אָדער דעם פראַנצויזישען, וואָס לויפט דורך דעם „טאַן". ווען דער פראַנצויז, למשל, וואָלט אַ קוק געטהון אין „המגיד", וואָלט ער אויסגערופען: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין קמיע? אין וועלכען יאָהרהונדערט איז עס געדרוקט געוואָרען? די פּאָליטישע אַרטיקלען האָבען עפּיס כלומרשט אַ שייכות צו דער איצטיגער צייט; אָבער ווער האָט דאָ אַריינגעבראַכט די עקזע־געטיק און די אַרכעאָלאָגיע פון מיטעלאַלטער? און ווער לייענט עס די דאָזיגע משונה'דיגע חקירות?

וואָלט־זשע ווידער, פערקעהרט, דער יודישער בעל־הבית אַ קוק

---

*) אויס'ן העבּרעאישען. פערקירצט.

געטהון אין דער פראנצויזישער צייטונג, וואלט ער געקוועטשט מיט די פלייצעס און זיך געוואונדערט: נישט שוין-זשע זענען פארהאן אזעלכע שוטים, וואס לייענען אזא צייטונג? פאליטיק אהן חקירות און פשטלעך; ליצנות און פלוידערייען; א אבטיילונג וועגען פרויען-טואלעטען; א אבטיילונג וועגען אקטיארשיקעס און טענצערינס און וועגען פערד, וואס קענען גוט לויפען; א טיפע חקירה וועגען צוויי חצופות, וואס פערשטעלען-זיך און שפילען טעאטער, צו דערווייזען, מיט וואס איינע שיידט זיך אונטער פון דער אנדערער; א שניידער דערצעהלט, וואס ער האט געזעהן אויף זיין לעבען—איהר פערשטעהט דאך שוין, וואס א שניידער זעהט!—א שיסער דערצעהלט באריכות און מיט אלע פיטשעווקעס, ווי אזוי ער האט געשאסען צוויי האזען פאר איין מאל—אין אזעלכע שטותים לייענען מענשען מיט פערשטאנד, און דאס איז עס א קלוג, געבילדעט פאלק!

עס פערשטעהט זיך, אז יעדער איינער פון די דאזיגע „לעזער" וואלט זיין פאר זיך גערעכט. יעדערער פון זיי האט זיך אינטערעסירט דערמיט, וואס ער האט געזעהן אין זיין געזעלשאפט, אין זיין סביבה. און אט דער אונטערשייד, וואס איז געווען אזוי קענטיג און בולט צווישען די ביידע לעזער, האט געהערשט נישט בלויז אין דער בעציהונג צו די ביידע צייטונגען,—דער העברעאישער אין ליטא און דער פראנצויזישער אין פראנקרייך—נאר אויך אין דער בעציהונג צו אלע צווייגען פון ליטעראטור,—אויב מ'קאן בכלל רעדען וועגען אזא בעשעפעניש ביי די רוסישע יודען פון יענער צייט. אויך נאכ'ן „המגיד", אפילו אין די 70-גער יאהרען פון דעם יאהרהונדערט, ווען מיר האבען שוין געהאט אזעלכע פעריאדישע אויסגאבען ווי דעם „הכרמל", דעם „המליץ" און דעם „השחר" און עטליכע כלומר'שט מאדערנע ווערק,—אפילו דעמאלט האט נאך אויך זיך געשפירט דער איינענער מרחק צווישען דעם יודישען און דעם אייראפעאישען לעזער, דער מרחק צווישען בטלנות, נארישע חקירות און פוסטע מליצות פון איין זייט און קלארע בעשטימטע געדאנקען וועגען לעבעדיגע פראגען—פון דער צווייטער.

אמת, די בעסערע פערשטעהער פון דעם יונגען דור, די, וואס האבען שוין איינגעזאפט אין זיך דעם אייראפעאישען גייסט און די אייראפעאישע וועלטליכקייט, זענען געבליבען נישט גלייכגילטיג צו דער ערשיינונג. עטליכע פון זיי האבען גענומען שיטען פעך און שוועבעל אויף די שרייבער, וואס האבען אריינגעבראכט

דאָס בטלנות אין אונזער ליטעראַטור, און אַ צווייטער טייל האָט אַליין, מיט זיין שרייבען און שאַפען, זיך געוואָלט שטעלען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע און אויף אַזאַ אופן קעמפּפען געגען דעם בית־מדרש־גייסט און געגען די בית־מדרש־מנהגים. די האָבען זיך געזאָגט: „זאָלען די לעזער זעהן און אורטיילען. זאָל דעם לעזער אַליין פריהער אַנהויבען עקלען פון דער בטלנות׳דיגער שרייבעריי און נאָך איהם וועט שוין דער שרייבער אויך מוזען אַנדערש ווערען“. יענע צייט איז אַלזאָ געווען אַ מלחמה־צייט אין אונזער ליטעראַטור. עס זענען געשטאַנען צוויי מחנות בעוואָפענט איינע געגען דער צווייטער, יעדע מחנה מיט איהר פאָהן; אויף איין פאָהן איז געווען אויפגעשריבען: „אייראָפּעאישער גייסט, אייראָפּעאישער געשמאַק“, און אויף דער צווייטער—„בית־מדרש, בטלנות און ישיבה־בחור׳שער געשמאַק“.

און אָט אין יענער צייט האָט זיך פּלוצלונג דערהערט דער נאָמען פון אַ שרייבער, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער ערשטער רייהע פון די קעמפּפער פאַר דעם נייעם גייסט אין אונזער ליטעראַטור,—עס האָט זיך דערהערט דער נאָמען דוד פּרישמאַן. מיט שטורם און ברען איז דער דאָזיגער שרייבער אַרויסגעטרעטען דאָס ערשטע מאָל פאַר די העברעאישע לעזער; מיט אַ פערביטערטען כעס, מיט אַ גאַליגער ביסענדער סאַטירע, וואָס האָט צו יענער צייט קיין גלייכען נישט געהאַט צו זיך אין אונזער ליטעראַטור. האָט ער גענומען באָמבאַרדירען איינעם פון די רעדאַקטאָרען און איהם אַראָבזעצען פון דער טריבונע, וואָס ער האָט זיך אַליין אויסגעבויט. די ווערטער זענען נישט געווען געוואויגען אין געמאָסטען און אין זיי האָט זיך נאָך נישט געפיהלט די געלאַסענקייט און דער רוהיגער גייסט, וואָס דרינגט דורך אַלע שפּעטערדיגע שאַפונגען פון דעם שריפטשטעלער; פון זיין אַרויסטריט האָט אָבער שוין געאָטעמט מיט אַ שאַרפער קריטיק און דער בעסערער לעזער האָט זיך גלייך געחאַפּט: „מיר האָבען אַ נייע יונגע קראַפט אין אונזער ליטעראַטור, פון וועלכער מ׳קאָן אַ סך ערוואַרטען“. פון דעם נייעם קריטיקער האָט מען געזעהן, אַז ער האָט אָרגאַניש פיינט די אָנגעבלאָזענע מליצות, וואָס האָבען נישט קיין געדאַנק און קיין גייסט און קיין לעבעדיגען געפיהל; אַז ער קאָן נישט איבערטראָגען קיין צביעות און קיין חניפה און—אַז ער האָט אַ סך געלערנט און געלייענט אין אַנדערע שפּראַכען.

און אַזעלכע שרייבער האָבען מיר דעמאָלט געדאַרפט. פּריש־

מאַן מיט זײַן גלוטיגער יוגענד; מיט זײַן שאַרפער פערביטערונג געגען פאַלשע געמאַכטע געפיהלען, וואָס קומען נישט פון האַרצען, נאָר פון פעדער; מיט זײַן שטורמישען צאָרן געגען ווערטער, וואָס זעהען-אויס ווי מליצות, און זענען באמת נישט מעהר ווי פוסטע רעדערײַען,—דער איז געווען אַממעהרסטען צוגעפּאַסט פאַר דעם, זיך אַוועקצושטעלען צווישען די ערשטע קעמפפער געגען אונזערע אָבגעלעבטע ליטעראַרישע פאָרמען און טראַדיציעס.

פרישמאַן איז נישט פון בית-מדרש געקומען אין דער ליטעראַטור; ער איז אויך נישט געבאָרען געוואָרען אין איינעם פון יענע יודישע שטעדטלעך, וועלכע האָבען נישט מעהר ווי שוהלען און בתי-מדרשים און ישיבות און חדרים און מלמדים און „אויפגעקלערטע" אײַדעמס אויף קעסט, וואָס פון גרויס בטלנות הויבען זיי אָן שרײַבען מליצות. זײַן וויגעל איז געשטאַנען אין לאָדז, אַ שטאָדט מיט סוחרים און פאַבריקען און געשעפטען און וועבערײַען און וועקסלען, אַ שטאָדט מיט אַ געוואַלטיג טומעלדיגען האַנדעלס-לעבען, און דאָס האָט אויף איהם אויך געהאַט אַ געוויסע ווירקונג. לודוויג באָמבערגער, דער גרויסער מענש, וואָס איז אַרויס פון אוניווערזיטעט, אום צו „מאַכען פּאָליטיק" אין די גאַסען און פון דאָרטען איז ער אַוועק אַרבײַטען צו אַ לאָנדאָנער באַנקיר, האָט שפּעטער געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל קיין חרטה נישט געהאַט אויף די יאָהרען, וואָס ער האָט אָבגעגעבען אויף צו שטודירען דעם האַנדעל, ווײַל ער האָט פון די יאָהרען אַ סך געלערנט. „דער קאָפּ פון אַ אינטעליגענטען סוחר—זאָגט באָמבערגער—קאָן זײַן פערנומען מיט הויכע געדאַנקען נישט ווייניגער, ווי דער קאָפּ פון אַ פּראָפעסיאָנעלען געלעהרטען, און געלעהרטע פשוט'ע בעלי-מלאכות זענען אין אוניווערזיטעט אויך פאַרהאַן גענוג".

אַ מענש מיט אַ סוחרישען גײַסט וועט קיינמאָל זיך נישט אַרומטראָגען מיט קיין פאַנטאַסטישע חלומות, וועט קיינמאָל נישט בויען קיין טורעמס אין-דער-לופטען, נישט שיקען קיין שיפען אויף דער יבשה און נישט וועלען דורכפאָהרען מיט קיין וואָגען דעם ים-הגדול. אַ סוחרישער מענש איז געוועהנט צו שפּאָרען ווערטער, צו רעדען אָדער צו שרײַבען זאַכליך און קלאָר, אָהן מליצות און אָהן הקדמות. ער מוז אַזוי שרײַבען, אויב ער וויל נישט, אַז יענער זאָל איהם שיקען לײַוועגט אָנשטאָט סאַמעט און ניס אָנשטאָט ווײַנטרויבען.

ווי אַ זוהן פון אַ אָנגעזעהענער סוחרישער פאַמיליע, האָט פריש-

מאן אין דער יוגענד שוין געלערנט פרעמדע שפראכען פון ספעציעלע לעהרער אין לעהרערינס, ער האט אבער דערביי געלערנט א סך אויך תלמוד אין העברעאיש. און אזוי איז ער געזעסען דא איבער געטהע'ן און דא איבער בבא־מציעא, דא איבער וויקטאר הוגא און דא איבער ר' יהודה־הלוי, און דאס האט איהם אין די יונגסטע יאהרען שוין געהאלפען זיך בעקענען מיט דער אלטער וועלט און איהר כאראקטער, מיט די צייטען פון מיטעלאלטער און זייער געדאנקען־גאנג און מיט דעם גייסט פון דער נייער צייט.

ווען פרישמאן איז ארויסגעטרעטען פון חדר, האבען די עלטערן איהם געוואלט מאכען פאר א סוחר, און ער האט גע'מסחר'ט און געקויפט און פערקויפט און געהאט צו טהון מיט גארן און וואל. צי איז פרישמאן געבארען געווארען אויף צו בלייבען א סוחר—איך צווייפעל אין דעם. דען נאך אלס יונגעל האט ער שוין געהאט א בעזונדער שוואכקייט צו ליטעראטור, אלס יונגעל נאך האט ער שוין א סך געלייענט אין דער פרייער צייט און אויך געפרובט שרייבען אין העברעאיש און דייטש, וואס איז געווען פאר איהם ווי א מוטער־שפראך.

מיט עטליכע יאהר שפעטער זעהען מיר שוין פרישמאנ'ען פערלאזענדיג אינגאנצען דעם מסחר—ער גיט זיך איבער דער ליטעראטור. און פון לאדז פאהרט מען מיט דער באהן נור פיער שעה קיין ווארשא, די שטאדט פון דרוקערייען און גרויסע יודישע בוכהאנדלונגען, די שטאדט, וואס דיענט שוין אזוי פיעל יאהרען פאר א צענטער פון ארויסגעבען ווערק און פעריאדישע אויסגאבען און וואו עס זענען זיך צונויפגעפאהרען א סך ליטווישע „משכילים“, א סך שרייבער און דיכטער, א סך העברעאישע לעהרער און העברעאישע ליעבהאבער און פערעהרער. דא האט פרישמאן פון איין זייט געפונען, וואס ער האט געזוכט און צו וואס ער האט געשטרעבט: ביכער אין פערשיעדענע שפראכען, א סך צייטונגען און א שטארקע בעוועגונג אויף אלע געביעטען פון לעבען און שאפען. פון דער צווייטער זייט ווידער, האט דא זיין קריטישער גייסט און זיין קריטיש אויג געפונען א ברייטען אפענעם פעלד, ווארום דער גרעסטער טהייל פון די העברעאישע ווערק, וואס זענען דא ערשיענען, זענען געווען נישט מעהר ווי א „סחורה“ פאר'ן ביכער־מארק, און דער גרעסטער טהייל פון די שרייבער אין די משכילים—נישט מעהר ווי בטלנ'ישע בית־מדרש־מענשען, וואס הא־

בען נור עטוואס אראבגעווארפען פון זיך די אויסערליכע שאלעכץ. דאס איז געווען א גרופע פון דאן־קיכאטישע נאטורען מיט פוסטע קעפ און אנגעבלאזענע מליצות, וואס האבען נור געוואוסט צו קעמפפען מיט ווינט־מיהלען און געמאכט דעם איינדרוק פון יענעם טיפ, פאר וועלכען באלזאק האט געפונען דעם נאמען באהעמע.

אין ווארשא האט פרישמאן זיך בעקענט אויך מיט דעם העברעאישען לעזער, דאס הייסט: מיט דעם בעל־הבית און זיינע אידעמס, וואס שרייבען־אויס א העברעאישען זשורנאל און קויפען אמאל אויך א העברעאיש ביכעל. דא האט ער געזעהן, ווער און וואס עס זענען דאס רוב פון די, וועלכע שרייבען אין די זשורנאלען „מאמרים" וועגען ערציהונג, וועגען השכלה, וועגען די פינסטערע פאנאטיקער („מורדי־אור"), וועגען נאציאנאליזמוס און אסימילאציע און וועגען די אלע איבריגע פראגען מיט קלינגענדע נעמען. דא האט פרישמאן קלאר געזעהן די פיזיאנאמיע פון דעם „העברעאישען שריפטשטעלער", וואס האט נישט מעהר ווי א ביסעל תמימות אדער א ביסעל איבריגע חוצפה, און ער דארף ניט נישט קיין קענטענישען און נישט קיין טאלענט, נישט קיין שפראך און נישט קיין סטיל, נישט קיין בעשטימטע געדאנקען און נישט קיין בעשטימטע איבערצייגונג, נאר בלויז דעם גוטען ווילען, זיך אוועקצוזעצען און אנצושרייבען א „מאמר". און האט ער אט דעם ווילען, זעצט ער זיך און שרייבט און חזר'ט־איבער הונדערט מאל, וואס אנדערע האבען שוין לאנג געזאגט פאר איהם — געזאגט אויך אהן געשמאק און אהן זין און אהן ארדנונג, נור מיט פסוקים און האלבע פסוקים, מיט פראגע־ און אויסרופס־צייכענס. מ'קאן זיך אלזא לייכט פארשטעלען דעם איינדרוק, וואס די דאזיגע „שרייבער" האבען געמוזט מאכען אויף דעם יונגען פרישמאן, אויף דעם יונגען מאן מיט דעם שארפען קריטישען גייסט, מיט דעם לעבעדיגען טעמפעראמענט און מיט דעם ראפינירטען געשולטען געשמאק.

און פרישמאן האט זיין גייסט נישט בעהאלטען. שוין די ערשטע בראשורע, וואס ער האט ארויסגעלאזען, איז געווען פול מיט שטורם און פערביטערונג. פרישמאנ'ס אמת'ען גאן מיט זיין געשמאק און זיינע נייגונגען און זיין שארפזין האבען מיר אבער געזעהן אין די ערשטע ביכער פון „האסיף", אין די יאהרען תרמ"ה און תרמ"ו. אין די דאזיגע זאמלונגען זענען געדרוקט געווען פרישמאנ'ס אכט קליינע ערצעהלונגען אונטער'ן נאמען „אותיות פורחות".

און אויסער דעם איז דארט געווען אויך זיינער א מין פעליעטאן „בכל-מכל-כל". די ערצעהלונגען בעריהרען אנ'אנדער ווינקעל פון פרישמאנ'ס טאלענט, צו וועלכען איך וועל מיך נאך אומקעהרען. וואס ס'געהערט אבער צו דעם פעליעטאן, האט פרישמאן דא אין קורצע ווערטער און מיט א בייסענדען געלעכטער געוויזען די גאנצע בטלנות און טומעלדיגקייט, דעם גאנצען תוהו-ובוהו, וואס הערשט אין דעם קאפ פונ'ם „קורא נכבד". פרישמאן האט אונז געוויזען דעם דאזיגען חשוב'ען בעל-הבית, וואס איז געבליבען בירושה פון די צייטען פון „המגיד",—פון די צייטען, ווען דאס גאנצע מין לייענען איז געווען א ענין אויף פרייטאג פארנאכט, צווישען דעם לכבוד-שבת'דיגען מרחץ און דאס שטיקעל געפילטע פיש; ער האט געוויזען דעם גאנצען מישמאש אין די גאנצע פוסטקייט, וואס הערשט אין די מוחות פון די דאזיגע לעזער, וועלכע זענען פעסט איבערצייגט, אז ווייל זיי זענען חשוב'ע בעלי-בתים אין שטעדטעל, איז דער גאנצער בית-מדרש זייערער—דער בית-מדרש מיט'ן חזן מיט'ן שמש מיט די ספרים— און ווייל דער בית-מדרש איז זייערער, זענען דאך אלע ענינים פון יודישען כלל נור פאר זיי געשאפען געווארען, און די העברעאישע ליטעראטור דארף נור זיי בעדינען, און דער רעדאקטאר זיצט און ווארט אויף זיי מיט זייערע מאמרים, עצות און גזרות. אין זיין פעליעטאן אונטער'ן נאמען „בכל-מכל-כל" האט פרישמאן פאר אונז געעפענט א בעזונדער וועלטעל, א וועלטעל פון בטלנים און קעכט-אידעמס און חצופים און עזות-פנימ'ער אין האלבע משכילים, וועלכע זענען אלע צוזאמען נישט מעהר, ווי קלויזניקעס, וואס האבען קיין שייכות און קיין בעציהונג נישט צום מאדערנעם לעבען און צו די ארדנונגען און בעגריפען פון דער איראפעאישער געזעלשאפט.

צו די משכילים-בטלנים האט זיך פרישמאן דערנאך אומגעקעהרט אויך אין די פעליעטאנען, וואס ער האט געדרוקט אין „היום" און אין אנדערע אויסגאבען, אין ביי יעדען ארויסטריט האט ער זיי געווידמעט זיינע שארפסטע סאטירישע פיילען, ווארום ער האט געזעהן, אז זיי זענען די הויפטשולדיגע אין דער פוסטקייט און ארימקייט פון דער ליטעראטור, אז זיי פילען זי אן מיט בטלנות און פלוידערייען און פערדארבען דעם געשמאק פון פובליקום, און קוים ווערט ערגעץ יא ארויסגעזאגט א שטיקעל געדאנק און אנ'עהרליך ווארט, ווארפען זיי זיך ארויף אויף דעם און צוקייען דעם געדאנק און חזר'ן-איבער דאס ווארט אזוי לאנג, ביז

עס הויבט־אָן עקלען דערפון און מענשען מיט געשמאַק קאָנען דערצו נישט צוגעהן און ווילען זיך צו דעם נישט צוריהרען. און נישט בלויז די פוסטקייט און די אָרימקייט פון געדאַנק—אויך די שפּראַך פון די דאָזיגע „שרייבער" האָט פרישמאַנ׳ען אויפגעקאָכט, און ער האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט זיין בייסענדער איראָניע און שאַרפען וויץ, וואו עס איז איהם נור אויסגעקומען צו רעדען וועגען דעם, סיי אין די פעליעטאָנען, סיי אין די פיעל קריטישע אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבען. ער האָט איינעם נאָכ׳ן אַנדערען אַרונטערגעריסען די אַלע פיינע בריות, וואָס האָבען דעמאָלט אָנגעפילט אונזער ליטעראַטור.

פרישמאַן איז אָבער נישט בלויז אַ קריטיקער, נאָר אויך אַ שרייבער, אַ שרייבער מיט אַ פיינעם געשמאַק, מיט אַ פיינעם סטיל. מ׳קאָן אָהן אַ גוזמא זאָגען, אַז פרישמאַן איז געווען איינער פון די ערשטע שעפער פון דעם העברעאישען פעליעטאָן. ביז י. ל. גאָרדאָן זענען קיין פעליעטאָניסטען אין העברעאיש אינגאַנצען נישט געווען. אַלס אויסנאַהם, האָבען זיך דורכגעוואָרפען אין די העברעאישע זשורנאַלען געצעהלטע עטליכע פעליעטאָנען, וואָס זענען אָנגעשריבען געוואָרען מיט זין און געשמאַק; פעליעטאָניסטען אָבער, פעליעטאָניסטען־שרייבער, וואָס קענען רעדען וועגען לעבען און לעבענס־ערשיינונגען, ווי עס רעדט וועגען דעם דער אייראָפּעאישער פעליעטאָניסט, אָהן קנייטשען אוי׳ן שטערן, אָהן רמזים און גמטריות, נאָר מיט אַ לייכטען און פליסענדען טאָן, מיט אַ שאַרפער און קורצער שפּראַך, וואָס איז פול מיט לעבען און בעוועגליכקייט און געדאַנק און וויץ; לייכטע אָנגענעהמע געשפּרעכען, וואָס הייטערען אַ ביסעל אויף אין טרעפען דערווייל אין דער זיבעטער ריפּ, וואָס רעגען אין וועקען דעם געדאַנק מיט׳ן געפיהל צוזאַמען,—אַזעלכע פעליעטאָניסטען און אַזעלכע פעליעטאָנען האָבען מיר ביז גאָרדאָנ׳ען נישט געהאַט. גאָרדאָן אַליין איז אָבער אויך נישט אימשטאַנד געווען אַריינצובריינגען דעם אייראָפּעאישען פעליעטאָן אין העברעאיש. גאָרדאָנ׳ס שפּראַך איז געווען שאַרף און בייסענד, נאָר נישט יעדערער האָט געקאָנט פערטראָגען די פעפּערדיגע ביטערניש, וואָס האָט געשמעקט פון אַלע זיינע וויצען און שטעכווערטלעך, וועלכע זענען לכתחילה געשאַפען געוואָרען פאַר „געהאַפּטע" קעסט־אידעמלעך. אַ ביסעל נבול־פּה, אַ ביסעל ציניש בילינגע אַפּיקורסות, אַ ביסעל רמזים אויף געוויסע תפילות, אויף געוויסע פיוטים, אויף גע-

ווײסע מדרשים, און דאָס אַלץ אײנגעהילט אין אַ צוגעפּוצטער, שטאַרקער און געקינסטעלטער שפּראַך — דאָס זענען געווען גאָרדאָנ'ס פעליעטאָנען אין „המליץ“, וואָס דער נאָמען „צלוחית של פוליטון“ כאַראַקטעריזירט שוין זײער גײסט און זײער כאַראַקטער. די געוועזענע קלויזניקעס, וואָס האָבען זיך אַ ביסעל „אָנגעשמעקט“ און זענען געוואָרען משכילים, האָבען זיך געקוויקט מיט די פעליעטאָנען און געפונען אין זײ דעם בעזונדער טעם, וואָס עס געפינען די אַסימילירטע יודען, למשל, אין אַ יודיש שטיקעל געפעפערטע פיש. און גאָרדאָן האָט פערשטאַנען דעם דאָזיגען געשמאַק (וואָס איז אײגענטליך געווען אויך זײנער) און געגעבען זײנע לעזער, וואָס זײ האָבען פון איהם פערלאַנגט.

ווי אַנדערש אָבער פון די זענען געווען פרישמאַנ'ס פעליעטאָנען! אין זײנע ערשטע אַרויסטרעטונגען איז ער אויך מעהר אָדער ווייניגער נכשל געוואָרען מיט געווײסע לײכטזיניגקײטען; וואָס מעהר אָבער ער שרײבט, אַלץ מעהר ווערען זײנע פעליעטאָנען לויטערער און פײנער. ער ערוועבט זיך ביסלעכווייז די אמת'ע מאָס פון אַ פעליעטאָנען-שרײבער, דאָס רוהיגע אויג, די געלאַסענקײט פון דעם אָבוועגענדען פערשטאַנד, די שאַרפע בעטראַכטונג, די פאַסענדע שפּראַך, די געהעריגע ווענדונג און דעם ריכטיגען געשמאַק אַרויסצוגעפינען דעם זאַכליכען קערן פון דעם בעהאַנדעלטען ענין. פרישמאַנ'ס פעליעטאָנען האָבען בעקומען דעם אמת'ען כאַראַקטער פון אָנגענעהמע לײכטע געשפּרעכען צווישען דעם שרײבער און דעם לעזער — געשפּרעכען, וואָס אַ טײל פון זײ האָט אויך אין אַ לאַנגער צײט אַרום נישט פערלאָרען זײן ליטעראַרישען ווערטה.

פרישמאַן געהט נישט ווײט זוכען אַ טעמע פאַר זײנע פעליעטאָנען, ער בעווײזט נישט קײן קונץ, צו נעהמען אַ פערז פון פיוט און איהם צוקריפּלען און צוהויקערן און דערנאָך צופּאַסען צו איהם עפּיס אַ פּיקאַנטע געשיכטע, נאָר ער געהט-צו דירעקט צום לעבען, קוקט-זיך-צו צו דעם, וואָס מענשען טהוען (בעזונדער צו דעם, וואָס יודען טהוען), און זאָגט אײך וועגען דעם, וואָס ער האָט צו זאָגען. און דערבײ איז די שפּראַך פון די פעליעטאָנען שײן, לײכט, ווײך און רײך צוזאַמען. דער סטיל איז אַנ'אײראָפּעאישער, דאָס לשון — רײן-העבּרעאיש, אָהן פרעמדע זאַצען, אָהן באַרבאַריזמען. פרישמאַן שרײבט-אָן צוויי דרײ שורות, און שוין איז אין זײ דאָ עטוואָס, וואָס ציהט-צו די אויפמערקזאַמקײט פון דעם בעסערען לעזער; זײן פעדער האָט אַרויסגעבראַכט נור עטליכע ווערטער און זײ האָ-

בּען שוין אַ שאַרפקייט און אַ גלאַנץ און אַ בּעשטימטען בּעזונדערען חן. פרישמאַן, ווי אַ מענש מיט אַ פיינעם געשמאַק, האָט נישט ליעב צו פערבּלענדען די אויגען מיט שרייענדע פאַרבּען, ער טרייבּט נישט איבּער די געפיהלען, שרייט נישט בּראַוואָ, ווען ער איז צופריעדען, און קלאָגט נישט, ווען דאָס האַרץ איז ביי איהם פערוועהטאָגט, דערפאַר קען ער רעדען צום לעזער און איהם איבּערגעבּען זיינע עמפּפינדונגען אין פשוט'ע געוואויגע'ע, אָבּער דורכגעלעבּטע, דורכגעפיהלטע ווערטער. פרישמאַן דאַרף אויך נישט אָנקומען צו קיין זידלערייען און זלזולים און גראָבּער בדחנות, ווען ער וויל וואָס-ס'איז אויסלאַכען; מיט עטליכע פונקען און בּליצען פון אַ לייכטען פיינעם הומאָר דרינגט ער אַריין אין דעם מהות פון דער זאַך, שיילט-אָבּ די שאָלעכץ פון איבּען און ווייזט דעם הוילען אמת'ען קערן איהרען, אַזוי אַז דער לעזער דערזעהט פּלוצלונג פשוט'ע פלוידעריי דאָרט, וואו ער האָט געגלויבּט צו געפינען טיעפע און הויכע געדאַנקען, און מאוס'ע צביעות דאָרט, וואו עס שטעהט אויף דער שאָלעכץ: „געטליכער בּרען, קנאת ה' צבאות". אויף פרישמאַנ'ס פעליעטאָנען ליעגט אויסגעגאָסען אַ חנ'עוודיגקייט און אַ געלאַסענקייט,—די געלאַסענקייט פון אַ שרייבּער, וואָס יאָגט נישט און איילט זיך נישט און צאַפּעלט זיך נישט און שפּרינגט נישט איבּער פּלוצלונג פון איין זאַך צו דער צווייטער, נאָר ער ווייס, וואָס ער וויל זאָגען, אין ווייס, ווי און אין וועלכער אָרדנונג ער וויל דאָס זאָגען, און ווייס זיינע כחות און איז זיכער און פעסט, אַז ער וועט זאָגען, וואָס ער האָט צו זאָגען, און וועט מאַכען דעם איינדרוק, וואָס ער וויל מאַכען אויף זיינע לעזער.

פרישמאַן פיהלט, אַז זיין טאָן איז נישט צוגעפּאַסט צו דעם גייסט פון דער יודישער גאַס; ער זעהט אָבּער אין דעם אַ גרויסע ערציהערישע בּעדייטונג פאַר'ן לעזער, און ער קריגט זיך מיט זיינע חברים-שרייבּער און טענ'עט:

„דער יודישער שרייבּער, זאָגט איהר, דאַרף שטענדיג וויסען און געדענקען, אַז ער שרייבּט פאַר יודען, דאָס הייסט: נישט פאַר מענשען, וועם זייער געשמאַק איז דער געשמאַק פון דער איראָפּעאישער ליטעראַטור, וואָס וויסען צו שעצען דאָס שענע, ווייל עס איז שען, און צו פעראוּנווירדיגען דאָס העסליכע, ווייל עס איז העסליך, נאָר פאַר מענשען, וואָס געהערען גאָר נישט צו דער מאָדערנער געזעלשאַפט, וואָס האָבּען אַ בּעזונדער געזעץ און אַ

בעזונדער געשמאַק און אַ בעזונדער חן אין אַ שכל אַ בעזונדערען... דער יודישער שרייבער, זאָגט איהר, זעהט נישט פאַר זיך די בעסערע פון זיינע לעזער, נאָר די ערגערע פון זיי, די ישיבה־בחורים און פּרושים און מלמדים און די „משכּילים" פון דעם בעשטימטען טיפּ, און אין דעם יודישען גייסט שרייבט ער, און אַט די משונה'דיגע בעשעפענישען זעהט ער פאַר זיך, ווען ער זעצט זיך שרייבען"...

„דאָס וועט נישט זיין! ביי מיין לעבען שווער איך, אויב איך וועל נישט מיט געוואַלט אייך צווינגען, אָבצוטהון פון זיך דעם גומען און דעם געשמאַק און דעם חן און דעם שכל דעם בעזונדערען, וואָס איהר האָט, און איינפליסען אין אייך דעם גוטען געשמאַק; נישט קיין בעזונדער געשמאַק און בעזונדערע טראָפּ, נאָר דעם געשמאַק און די טראָפּ, מיט וועלכע עס לעבען אַלע מערב־לענדער".

אַזוי רעדט און אַזוי טהוט פרישמאַן שטענדיג. שטענדיג זעהען מיר, ווי ער אַרבייט און בעמיהט זיך, איינצופלאַנצען דעם פיינעם געשמאַק און דעם ראַפינירטען גייסט אין אונזער ליטעראַטור.

פרישמאַן איז אָבער נישט בלויז אַ קריטיקער און אַ פעליעטאָניסט, ער איז אויך אַ דיכטער, אַ נאָוועליסט און אַ גלענצענדער איבערזעצער. לידער האָט פרישמאַן ווייניג געדרוקט; אויף אַלע ליעגט אָבער אויסגעגאָסען אַ חן און אַ ווייכקייט, און אָפּט דערהויבט זיך דער דיכטער אין זיי ביז צו דער הויך פון אמת'ער און טיעפער פּאָעזיע. דער שטאַרקסטער עלעמענט אין פרישמאַנ'ס לידער איז אַ לירישער, און אין זיי פיהלט זיך שטאַרק דער איינפלוס פון דער איראָפּעאישער דיכטונג, בעזונדערס פון היינריך היינע. ער האָט אָבער אויך אָריגינעלע יודישע דיכטונגען, פון וועלכע עס צייכענט זיך בעזונדער אויס דער שענער שיר „המשיח".

און אַזוי ווי פרישמאַן האָט פיינט די שרייענדע פאַרבען, דעם פּאַטאָס, די איבערטרייבונג און די געשרייען, וואָס אונזערע שרייבער האָבען שטענדיג ליעב געהאַט מיט זיי צו פערדונקעלן די ריינקייט פון געדאַנק און די קלאָרקייט פון דער שפּראַך, אַזוי האָט ער אויך נישט קיין שטורמדיגע דראַמאַטישע האַנדלונגען אין זיינע נאָוועלען. נישטאָ אין זיי קיין פערפּלאָנטערטע געשעהענישען, קיין שרעקליכע געשיכטעס, קיין בני־מלכים און בת־מלכּה'ס. זיינע העלדען שרייען נישט, שיסען זיך נישט און טרינקען קיין סם

ניִשט דערפֿאַר פֿיִהלט זיִך איִן זיִי דער טיִעפֿער בּעאָבּאַכטער, וואָס דריִנגט אַריַין איִן די טיִעפֿסטע בּעהעלטעניִשען פֿיִן דער מענשליִכער נשמה. פֿאַר פֿריִשמאַנ'ען איִז גענוג איַין שטאַרק קאָנצענטריִרט מענשליִך געפֿיִהל, אום צו מאַכען דערפֿון אַ שיִינע נאָוועלע, וואָס שיִלדערט נור דעם פּראָצעס פֿון אָט דעם געפֿיִהל און פֿיִהרט איִהם צו בּיִז'ן העכסטען פּונקט,— בּיִז דעם מאָמענט, ווען עס בּעהערשט און פֿערשקלאַפּט דעם גאַנצען מענשען און ער פֿאַלט אַניִדער אַ בּעזיִעגטער, אַ דערשלאָגענער.

איִך האָבּ נאָך ניִשט ערפֿיִלט מיַין פֿליִכט איִנגאַנצען געגען פֿריִשמאַנ'ס איִבּריִגע שאַפֿונגען און זיַינע מיַיסטערהאַפֿטע איִבּערזעצונגען; איִך בּיִן אָבּער ענטשולדיִגט דערמיִט, וואָס זיִך מאַך איִצט, אַ דאַנק גאָט, ניִשט קיִין „סך=הכל“ פֿון פֿריִשמאַנ'ס גאַנצער טעטיִגקיַיט אויף דעם געבּיִעט פֿון אונזער ליִטעראַטור. פֿריִשמאַן איִז נאָך פֿול מיִט קראַפֿט און טאַלענט און ער איִז איִמשטאַנד אוּנז נאָך אַ סך צו געבּען.

איִינס איִז קלאָר און אָנערקענט: אויבּ עס האָט זיִך געענדערט צום גוטען דער געשמאַק פֿון אונזערע שריַיבּער און פֿון אונזערע לעזער; אויבּ מיִר זעהען, ווי עס געהט אַליץ מעהר פֿערשוואונדען פֿון אונזער גאַס דער טיִפּ פֿון דעם אַמאָליִגען ערבּ=שבּת'דיִגען לעזער, וואָס פֿלעגט זיִך אַוועקזעצען מיִט'ן בּלאַט=ציַיטונג „צוויִשען דעם לכּבוד=שבּת'דיִגען מרחץ און דעם שטיִקעל געפֿיִלטע פֿיִש“,—איִז עס פֿריִשמאַן געוועזען איִינער פֿון די ערשטע, וואָס האָבּען אַרויסגערופֿען אָט די פֿערבּעסערונג איִן דער בּעוואוּסטער וועלט, וואָס מיִר רופֿען „העבּרעאיִשע ליִטעראַטור“.

בעל־מחשבות.

דער יונגער פרישמאַן*).

I

דער יונגער... דער ערשטער, וואָס וועט אונצופריעדען אַ קוועטש טהון מיט די פּלייצעס, דערזעהענדיג דעם וואָרט „יונגער“, וועט מן־הסתם זיין פרישמאַן אַליין. פרישמאַן האָט פיינט די צוויי ווערטער „יונג“ און „אַלט“, ווען מען רעדט וועגען ליטעראַטור, ליטעראַטען און ליטעראַרישע טאַלענטען. ביי איהם איז טאַלענט — יוגענד, און טאַלענטלאָזיגקייט — אַלטקייט. לויט זיין מיינונג איז איטליכער מענש טאַלענטפול כּל־זמן ער איז פיזיש יונג. נאָר אַזוי ווי זיין פיזישע יוגענד געדויערט נישט לאַנג, אַ יאָהר פינף־זעקס, ווערט ער באַלד אויסגעוועבט און גיסט זיך צונויף מיט די אַנדערע מיליאַרדען טאַלענטלאָזיגקייטען. דער געבאָרענער טאַלענט דאַגעגען איז אייביג יונג. טאַלענט — איז די פעהיגקייט צו בלייבען יונג נישט נור אין די גרינגע צייט פון פיזישען לעבען, נאָר צו בלייבען אייביג יונג כּל־זמן עס ריהרט זיך נאָך אַנ׳אָדער, צו בלייבען פריש ביז צו זיבעציג יאָהר.

פרישמאַן זאָגט: „אויף אַ מענשען, וואָס האָט אַנ׳עכטען טאַלענט, קאָן מען בשום אופן נישט זאָגען, אַז ער איז אַלט געוואָרען. און ווען מיר זעהען, אַז אַ טאַלענטפולער מענש איז מיט־אַמאָל

*) די ערשטע דריי קאַפּיטלען פון אַ גרעסערער אַרבייט וועגען דוד פרישמאַן. ב.־מ.

געוואָרען אַ זקן, איז דאָס אַנ'אויסערע קראַנקהייט, ווי טויזענדער אַנדערע קראַנקהייטען, וואָס בעפאַלען אַ מענשען צופעליג. יוגענד — דאָס איז טאַלענט אויף עטליכע יאָהר. טאַלענט איז אייביגע יוגענד". (כל כתבי דוד פרישמאַן, באַנד I, ז. 205).

איך וויל חלילה וחס נישט פוגע-בכבוד-זיין ד. פרישמאַן. איך ווינש איהם, אַז ער זאָל בלייבען אינערליך יונג ביז זיין צווייטען גאָלדענעם יובילעאום. פונדעסטוועגען קאָן איך זיך נישט בעשליעסען אויסצומעקען די בעגריפען יונג און אַלט ביי דער בעטראַכטונג פון אַנ'אמת'ען ליטעראַרישען טאַלענט.

גוט, לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ טאַלענט איז בנוגע צו טאַלענטלאָזיגקייטען אייביג יונג. דערפון איז אָבער נאָך נישט געדרונגען, אַז אַנ'אַלטער טאַלענט בנוגע צו נייע טאַלענטען איז אויך כסדר יונג. וויקטאָר הוגאָ איז אָהן צווייפעל געווען אַ גרויסער טאַלענט, אָבער פלאָבער, דאָדע, זאָלאַ זענען אויך געווען גרויסע טאַלענטען, און זיי זענען אַוודאי געווען יונגער פאַר איהם.

פרישמאַן איז גערעכט, ווען ער וויל זיך נישט מעסטען אין יוגענדליכע קראַפט מיט טאַלענטלאָזיגקייטען, אָבער מען קאָן מיט איהם נישט זיין איינפערשטאַנען, ווען ער מעקט-אויס די בעגריפען יונג און אַלט בנוגע צו אַ גרופּע מענשען, וואָס צייכענען זיך איטליכער אויס מיט אַ געוויסען אָנגעבאָרענעם טאַלענט.

דער בעסטער בעווייז דערצו איז דער יונגער טאַלענטפולער פרישמאַן אַליין, וואָס האָט אָנגעהויבען שרייבען נאָך אַ. ל. גאָרדאָן, ליליענבלום און אַנד. אַוודאי וועט פרישמאַן נישט אָבלייקענען, אַז יל"ג איז געווען צו זיין צייט דער „ארי שבחבורה", אַז אַלס העברעאישער שפּראַך-קענער האָט ער צו זיך קיין גלייכען נישט געהאַט, אַז ער איז געווען אַ גענִיאַלער רעפאָרמאַטאָר פון דער שפּראַך, אַז נור אַ דאַנק גאָרדאָנ'ען האָט זיך געקאָנט ענטוויקלען אַ טאָג-טעגליכער וואָכענדיגער העברעאיש, אַז יל"ג האָט אויפגעדעקט שפּראַך-קוואַלען, פון וואַנען עס האָבען געשעפּט דערנאָך אַזעלכע לייט ווי אַבראַמאָוויטש און אַנד. און פונדעסטוועגען האָט זיך פרישמאַן נישט דערשראָקען פאַר'ן „ארי שבחבורה" און האָט זיך מיט איהם אָבגערעכענט אין זיינע צוויי בעקאַנטע אַרטיקלען „בחצר סוסה". (כל כתבי ד. פרישמאַן, באַנד V). ער האָט דאַמאָלסט נישט געקלערט וועגען די השגות יונג און אַלט. דער טאַלענט, וואָס איז געזעסען אין אַ פיזיש-יונגען האַרצען, האָט אויסגעשפּרייט די אוילענבויגענס און געמאַכט פאַר זיך וואַרע. זיין וואָרט, וואָס ער

האָט געהאַט צו זאָגן, איז איהם בעת־מעשה וויכטיגער געווען, ווי אַלע היסטאָרישע מעלות פון יל״ג׳ן, און ער האָט אָבגעשטויסען דעם אַלטען גדול, וואָס האָט פערצוימט זיין וועג, דעם וועג פון אַ יונגען טאַלענט. אמת, פּרישמאַן בעשולדיגט נישט גאָרדאָנ׳ען אין אַלטקייט. ער בלייבט זיך טריי און זאָגט: „שקר, לא העתים נשתנו, כי־אם האדם“. גאָרדאָן איז נישט אַלט געוואָרען, נאָר דער גאָרדאָנשער מענש איז געוואָרען אַנ׳אַנדערער. אָבער סוף־כל־סוף האָט דאָך דער יונגער פּרישמאַן געהאַט די איינציגע טענה צו גאָרדאָנ׳ען: דו ביסט נישט דער, וואָס דו ביסט אַמאָל געווען. און דאָס איז דאָך שטענדיג די אידעלע שפּראַך פון יונגען טאַלענט, ווען ער וויל נישט שטאַרק פּוגע־בכבוד־זיין דעם אַלטען גדול.

II

דער יונגער פּרישמאַן איז נישט נור געווען טאַלענטפול, נאָר ער האָט אויך געהאַט די העזה צו זיין יונג—אַקוראַט קאַפּויר, ווי זיינע צייט־חברים די ליטעראַטען.

דער אַמאָליגער ליטעראַט פלעגט אַריין אין דער ליטעראַטור מיט אַלע סימנים פון אַלטקייט. מען דערמאָהנט זיך נישט־ווילענדיג אָן אַבראַמאָוויטש׳עס ווערטער: „גלופּסקער יונגעלעך זענען אַלטינקע יודעלעך אין אַלע הינזיכטען,—סיי אין דער קליידונג, סיי אין די פערזאָרגטע פּנים׳לעך, סיי אין זייער פּתרנות און פּאָרזיכטיגקייט. נישט מעהר וואָס זיי זענען קליינוואוקסיגע, האָבען נישט קיין בערד און פּרוכפּערען זיך נישט“.

צי יאָ טאַלענט, צי נישט, נאָר פון אַלע שרייבער, וואָס האָבען פול געמאַכט די דעמאָלטיגע ליטעראַטור, האָט געשמעקט מיט די זויערקייט פון אַ נאַסער אַלטקייט. אַ יודיש בחור׳ל האָט נישט געהאַט קיין אַנדער עסק, ווי באַלד נאָך בר־מצוה צו קומען אין „המליץ“ ראַטעווען דעם כלל ישראל. די שענסטע מתנה פון גאָט האָט זיך דאַמאָלסט גערעכענט דאָס טאַלענט פון אַ ימים־נוראים־חזן, ד. ה. צו קענען זיין אַ געשמאַקער בעל־בכי. דער גרעסטער חכם איז געווען דאַמאָלסט יענער, וואָס האָט זיך מליצות׳דיג געצייקעלט מכח די פראַגען „העומדות ברומו של־עולם“. עס איז געווען אַ מאָדע צוצוגעהן צום לעזער מיט דעם געמאַכטען ערנסט פון אַנ׳אַלטען מאַן. איינער פון די אַמאָליגע שרייבער האָט מיר אַמאָל דערצעהלט

וועגן איינעם אַ ליטעראַט אין זיין צייט, וואָס איז אין דעם טאָג, ווען מען האָט איהם צום ערשטען מאָל געדרוקט, זיך געגאַנגען קויפען אַ פּאָר בריליען. דער ליטעראַט איז דאַמאָלסט אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג און געזעהן האָט ער אויסגעצייכענט אי נאָהענט אי וויט, נאָר ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַ מענש, וואָס שרייבט מאמרים וועגען ענינים „העומדים ברומו של־עולם“, דאַרף דורכאויס טראָגען אַ פּאָר שטאָהלענע בריליען. וואָרום די סימנים פון אַלט־קייט זענען די קרוין פון איטליכען שרייבער.

פרישמאַן דאַגעגען האָט נישט פערמאַסקירט זיין יוגענד: אַדרבה, ער האָט זי נאָך אַרויסגעשטעלט מיט אַזאַ ברייטקייט, מיט אַזאַ העזה, אַז די לייט מיט די בריליען זענען שטאַרק אין כעס געוואָרען. דער יונגער סאָקאָלאָוו אין בריליען (פרישמאַן דערצעהלט, אַז סאָקאָלאָוו האָט יוגענדוויז געטראָגען בריליען, דערנאָך איז ער אַריבער צום פּענסנע—און היינט געהט ער אינגאַנצען אָהן גלעזער, וויל זיין ראיה איז הלואי אויף אַנדערע געזאָגט געוואָרען!) האָט צו יענער צייט פערדונערט דעם עולם מיט זיין מאמר וועגען האַסימילאַציע, העמאַנסיפּאַציע, הפּראָלעטאַריזאַציע, הנאַציאָנאַליזאַציע, הפּעדעריזאַציע, הדאַרוויניזאַציע, — זאַציע־פּאַציע, זאַציע־פּאַציע־זאַציע א. א. וו. ד״ר בערנפעלד, וואָס האָט מן־הסתם אויך געטראָגען בריליען, האָט צוזאַמען מיט ש״י איש הורוויץ און אַנדערע געגעבען יודען עצות און געזוכט פאַר זיי ישועות. נור איין פרישמאַן האָט פיינט געהאַט בריליען, און האָט זיך נישט געקליבען צו געבען דעם כלל־ישראל עצות. ווען בערנפעלד איז אַרויס געגען יונגען פרישמאַנ׳ען און האָט איהם אויסגעזידעלט פון אויבען ביז אַראָב דערפאַר, וואָס ער האָט אַ העזה צו פּוגע־בכבוד־זיין גאָרדאָנ׳ען, ער, דער יונגאַטש, וואָס האָט קיינמאָל נאָך קיין ספר נישט אַרויסגעגעבען און וואָס איז קיינמאָל נישט געקומען צום כלל־ישראל מיט אַנ׳עצה,—האָט פרישמאַן געענטפערט מיט אַ לאַכענדיגער העזה פון אַ יוגענד: „וואָס וויל פון מיר בערנפעלד? ער בייזערט זיך אויף מיר, אַז איך בין פון די לייט, „וואָס האָבען נאָך נישט אַרויסגעוויזען קיין פעהיגקייט צו שרייבען אַ גוטען בוך אָדער צו געבען אַ גוטע עצה“. אָי, רבונו־של־עולם, שטאַרקער פאָטער מיינער! צי דאָס, מיט וואָס איך שטאָלציר, איז ביי זיי אַ חרפה? מיר נאָלע ווייבען, וואָס האָבען אויפגעטהון אַלע אונזערע ליטעראַטען, שרייבער און קריצלער מיט אַלע זייערע ספרים און עצות אין דער בהלה־צייט פון די פּאָגראָם־יאָהרען, אַז זיי האָבען זייער אונגליקליך פאָלק נאָך

אונגליקליכער געמאַכט,—און דער יוד קומט נאָך צו מיר מיט אַ טענה, פאַרוואָס בין איך אויך נישט געווען צווישן די עצות-געבער? מיין ליעבער יוד! אויב איך וועל היינט שטאַרבען, בעט איך נור איין זאַך, אַז מען זאָל אויסקריצען אויף מיין מצבה דעם איינציגען שבח, דעם שבח, אַז צווישען די גוטע און קלוגע עצות-געבער בין איך קיינמאָל נישט געווען קיין יועץ לעמי. און איך בין בטוח, אַז די צוקונפטיגע דורות וועלען אַ ברכה מאַכען, ווען מען וועט דערמאָהנען מיין נאָמען". (כל כתבי ד. פרישמאַן, באַנד V, ז. 167).

און שוין דאָס אַליין, וואָס פרישמאַן האָט געהאַט די *העזה צו זיין יונג* צווישען די אַלטע יודעלעך אָהן בערד, איז געווען אַזאַ וואונדערליכע ערשיינונג אין דער דעמאָלטיגער ליטעראַטור, אַז מען קאָן דאָס נור ריכטיג אָבשאַצען, ווען מען האָט אַ שאַרפען רעטראָספּעקטיווען (צוריקבליקענדיגען) בליק. צו יענער צייט האָט מען געדאַרפט האָבען מוט צו זיין יונג. די מעשה מיט ר' עזריה, וואָס איז צו פינפאונצוואַנציג יאָהר גרוי געוואָרען, איז צו יענער עפּאָכע נישט נור געווען אַ בבא-מעשה. ביי היינטיגע צייטען פאַרבט מען די גרויע האָר אויף שוואַרץ, בלאָנד. דענסטמאָל האָט מען געטראָגען אַ גרויען פּאַרוק אויף די געדיכטע שוואַרצע האָר. פרישמאַן האָט געהאַט די העזה צו קומען אין אַ בעפּאַרוקטער געזעלשאַפט אָהן אַ פּאַרוק, מיט זיינע נאַטירליכע שוואַרצע האָר,—און דאָס האָט אָנגעמאַכט אַ טומעל אין דעם וועלטעל, וואו מען האָט זיך געשפּיעלט אין אַלטקייט, אין טאַטע-מאַמע, זיידע-באָבע.

III

ד. פרישמאַן האָט זיין יוגענד נישט בעהאַלטען, זיך נעהמענדיג צו דער פעדער. און דאָס דאַרף מען פערשטעהן אָבצושעצען, ווי געזאָגט, פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט. עס איז אָבער צו זיין יוגענד צוגעקומען נאָך עפּיס, וואָס האָט פרישמאַנ'ס ווירקונג אויף צעהן מאָל מעהר פערשטאַרקט. ער האָט נישט אַריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור די נאַטירליכע יוגענד פון אַ קליינשטעדטעלשען בחור'ל, וואָס זיין יוגענד איז אַזוי ענג, ווי דער האָריזאָנט פון שטעדטעל. ער האָט נישט מיטגעבראַכט די צוקנייטשטע, צוגעשטיקטע יוגענד פון פינסטערען יודישען שטעדטעל מיט'ן מאַרק אין מיטען גאַס, דעם בית-מדרש אין געסעל און דעם בית-עולם ביים

זייט שטאָדט. ער איז געקומען מיט דער יוגענד פון אַ גרויסשטעדטישען, וואָס איז שוין געווען בעשמעקט מיט די פערפומען פון אַנ׳אייראָפּעאישען לעבען. פרישמאַן איז נישט נור געווען דער יונגער דעמאָלט, נאָר ער איז געווען יונג גאָר אויף אַנ׳אַנדערען אופן ווי זיינע צייט-חברים אין דער ליטעראַטור.

ווען ש״י איש הורוויץ און בערנפעלד האָבען פאַר 30 יאָהר בײַ זיך אין שלאָף-צימער אויסגעטהון זייערע פּאַרוקען, מיט וואָס די יודישע צייט-מאָדע האָט זיי בעפוצט, זענען זיי ווידער געוואָרען יונגע לײַט. זייערע שוואַרצע האָר האָבען געפלאַטערט, און זייער האַרץ האָט אויך געקלאַפּט ווי בײַ יונגע. אָבער די ברייטע יוגענד, וואָס פרישמאַן האָט געהאַט, האָט זיי געפעהלט. און דערום איז פרישמאַנ׳ס ווירקונג געווען אַ דאָפּעלטע. ערשטענס, האָט ער געהאַט די העזה אַ שליידער צו טהון דעם מאָדע-פּאַרוק אין מיסט-קאַסטען (געוואַלט, וואָס טהוט ער!— האָט געשריען בערנפעלד), און צווייטענס, איז ער געקומען מיט אַ יוגענד, וואָס האַלט מעהר פון אייראָפּעאישען חן, ווי פון שטעדטעלישען, און קומט צום לעזער אַ געקעמטער און אַ פריזירטער.

און עס איז לײַכט זיך פאָרצושטעלען די ווירקונג פון אַזאַ ליטעראַרישער ערשיינונג, וואָס מיט יעדען יוגענדליכען קאַפּריז, מיט איטליכער יוגענדליכער גראַציע צייגט זי אַ מוכטער פון עפּיס אַזוינס, פון וואָס קאָלעגען און לעזער האָט זיך קיינמאָל נישט געחלומ׳ט. די ווירקונג האָט געמוזט זיין שטאַרק. דער נייער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געקומען אויפ׳ן העברעאישען אַלטמאָדישען שיף, איז געווען אַזאַ אויסנאַהם, אַז ער האָט געמוזט אַריין אין די פאַנטאַזיע פון לעזער און שרייבער, ווי איטליכע נייע מוטיגע און קרעפטיגע לעבענס-ערשיינונג.

דער יונגער פרישמאַן אָבער, וואָס איז געווען די ווירקונג, די השפעה, וואָס האָט אָבער אַליין וועניג זאַפּט בעקומען פון דער אַלטפּעטערליכער סביבה פאַר זיין נשמה, האָט זיך נישט געפיהלט גלייכליך אין דער ראָלע, וואָס ס׳איז אויסגעקומען צו שפּיעלען. און ווען מיר לייענען איינעם פון זיינע עלטעסטע שירים „לא אלך עמם“, זעהען מיר, ווי שווער עס איז געווען דעם נייעם, איינעם פון די ערשטע יונגע אין אונזער העברעאישער ליטעראַטור, צו לעבען צווישען אַ מחנה לײַט אין יאַרמאָלקעס און פּאַרוקען.

דער פּאָעט פּראָטעסטירט מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין יונגען מאָדערנעם געמיט:

„איך וועל נישט געהן מיט זיי, איך וועל נישט געהן! זיי=
ער וועג איז נישט מיינער, און איך קאן נישט פערטראגען זייער
שפּאט, זייער שפּראך, זייערע רייד און זייער פּלאפּלען. איך קאן
נישט פערטראגען זייערע גענג און מחלוקות'ען און אלץ, וואס
זיי טראכטען. זייערע נביאים זענען נישט מיינע, זייערע מלאכים
זענען נישט מיינע מלאכים. און עס עקעלט מיר פון געדאנקען,
וואס זענען געדאנקען אהן קעפּ. און עס עקעלט מיר פון געפיהלען,
וואס זענען געפיהלען אהן הערצער, און איך קאן נישט אויסשטעהן
דעם „ברען", וואס האט אין זיך נישט קיין פונק פייער. איך קאן
נישט, פריינד מיינער... איך קאן נישט טרינקען דעם וואסער, וואס
ביי זיי איז דאס וויין...

— — — — — — — — —

ניין, איך וועל נישט געהן מיט זיי! פאר קיין פאל אין דער וועלט
געה איך נישט מיט דעם ערב=רב אויף דעם כלל'ישען אויסגעטרא=
טענעם וועג. אליין, אליין וועל איך געהן, שטיל און שטום, אהן ווערטער
וועל איך ווייט=ווייט אוועק—ביז איך וועל שוין נישט הערען זייער
שטימע"...

ה. ד. נאָמבערג.

דָוִד פרישמאַן.

(צו זיין 50־יעהריגען יובילעאום).

דוד פרישמאַן האָט זעהר אַ שאַרף אויג אויפצוכאַפּען די לעכערליכע זייטען פון מענשען און ביכער. אַ פאָטאָגראַפישען אַפּאַראַט, וואָס כאַפּט לעכער אַנשטאָט אויגען, קלעצער אַנשטאָט הענד, משונה׳דיגע קאַריקאַטורען אַנשטאָט פּנים׳ער, פערמאָגט ער, און ער אַרבייט מיט איהם מייסטערהאַפט. אָט איז אַ לעבען־לאַנג דער אַפּאַראַט געווען אָנגעשטעלט געגען אינזערע (ביידע) ליטעראַטורען און אונזערע ליטעראַטען. אַלט און יונג, נייע און אַלטע, האָבען מיר זיך דאָרט געזעהן, ווי אין אַ קרומען שפּיעגעל: מאָדנע חוזק־פיגורען...

אָבער דוד פרישמאַן האָט נישט געטריבען קיין קאַטאָוועס. אונטער דעם אַפּאַראַט איז געשטאַנען דער מענש — אַ קעמפּפער, טראָציגער שטרייטער. ווער האָט דאָס געזאָגט, אַז ער איז אַ וויצלינג, וואָס האָט בטבע ליעב צו לאַכען, ווייל לאַכען איז געזונד, אַזוי ווי שלום־עליכם זאָגט? — דוד פרישמאַן איז ערנסט, צו ערנסט. מיט גיפט און גאַל האָט ער צוגעטייט מיט די פינגער אויף די חוזק־פיגורען, ער האָט געטופּעט מיט די פיס און טילמאָל געקריצט מיט די צייהן: איהר אַזוינע און אַזוינע! חמת־עליכם! מיין כעס וועל איך אויסגיסען צו אייערע קעפּ... נו, איצט וועלען מיר פרובען איהם צו מאַכען אַ יובילעאום.

מיר וועלען זאָגען: איהר האָט פון אונז קאַריקאַטורען גע־

מאָלט, אַח, ווי גרויסאַרטיק! איהר האָט געשלאָגען, געביסען, אַח, ווי מייסטערהאַפט! אַ יישר-כח...

מיר וועלען אײַנבויגען די קעפּ, און ווי די אויסגעוואַקסענע קינדער, וואָס זענען ענדליך פערנונפטיג געוואָרען, וועלען מיר זאָגען: עס איז צונויץ געקומען. אַ שענעם דאַנק אײַך, דוד פרישמאַן, פאַר אײַערע ערציהערישע קלעפּ.

עס וואָלט אויסגעקומען זעהר סענטימענטאַל און זעהר זיס.

נאָר דוד פרישמאַן איז אַנ'עסטעט. דער נאַרישסטער טאָג אין לעבען פון אַ מענש איז געוויס דער טאָג, ווען מען מאַכט איהם אַ יוביליעאום. און דאָך בין איך זיכער, אַז אפילו אין דעם טאָג וועט בײַ פרישמאַנ'ען בלײַבען נאָך גענוג פון זײַן גוטען געשמאַק, און זײַן ניכטערער קאָפּ וועט נישט וועלען פער'שכור'ט ווערען פון לאַקרעצנע רייד און זיסע דרשות, אָהן האַרץ און ערהרליכקייט.

מיר וועלען דעריבער פערשפּאָרען די פאַלשקייט.

לאָ'מיר זאָגען אָפען: די געטין מיט די פערבינדענע אויגען וועלען מיר נישט רופען אויף אונזער ליטעראַרישער שמחה. דוד פרישמאַן איז נישט שטענדיג געווען גערעכט.

איבריגענס, לעבט דער עסטעט גאָר אין אַנ'אַנדער פאַטערלאַנד, ווי די גערעכטיגקייט. ערהרליך אָדער פאַלש-זײַן איז נישט דאָס איינענע, וואָס גערעכט אָדער נישט גערעכט-זײַן. דער עסטעט ליעבט די ערהרליכקייט, ווײַל זי האָט ליכטיגע אויגען, ווײַל זי איז שען און זאַפטיג און שאַפענדיג אין לעבען; ער האָט פײַנט די פאַלשקייט, ווײַל זי קאָן נישט פרײַ זיך בעוועגען, נאָר היפּען אין קריכען, אָדער בלאָזען זיך אָדער קלעטערן אויף די גלײַכע ווענד. זי איז — מאוס. מאָראַליסטען און געזעצגעבער היטען די וואָג-שאָל פון גערעכטיגקייט.

פרישמאַן האָט אַ מאָל געקאָנט זײַן נישט-גערעכט, קיינמאָל נישט פאַלש.

מיר וועלען דעריבער אויסקומען אָהן דער שטרענגער געטין, און מיר וועלען זיך פונדעסטוועגען נישט לאָזען שטערען אונזער שמחה.

אַזאַ אמת-פערדיענטער יוביליעאום איז אַ זעלטענהייט. פון דעם גאַנצען דור שרײַבער, צו וועלכען דוד פרישמאַן געהערט, איז ער אפשר דער איינציגער, וואָס האָט עס זעהר ערנסט געמיינט מיט דער ליטעראַטור, וואָס איז געווען ליטעראַט אינגאַנצען — ביז צום לעצטען אונטערגעדאַנק אין זײַן קאָפּ, — וואָס האָט געלעבט און געקעמפפט פאַר דער ליטעראַטור.

הערט ווי דוד פרישמאן רעדט וועגען ליטעראטור. איהר, נידריגע, קליינליכע, פערדארבענע מענשעלעך מיט אייערע גראשענדיגע אינטערעסען, מיט אייערע לעכערליך־אויפגעבלאזענע געפיהלען — איהר, בלינדע! א ליכט איז פאראהאן אויף דער וועלט, און איהר ווייסט נישט פון איהם; א גרויסע גאטהייט, און איהר האט קיינמאל פון איהר גנאד נישט פערזוכט — ליטעראטור, קונסט! דוד פרישמאן, דער סאטיריקער, ווערט פאטעטיש, ווען ער רעדט וועגען ליטעראטור, וועגען עכטער ליטעראטור.

דאס איז ביי איהם נישט קיין פראזע. ער איז א פרומער מענש בעצם, דער דאזיגער גלענצענדער שרייבער, וואס נאראנים האבען איהם פערשריבען פאר א לץ; ער איז א מענש, וואס האט א גאט אין הארצען.

ער איז עס געווען אין זיין יוגענד צווישען דעם דור פון משכילים, ראציאנאליסטען מיט א פערדארבענעם ציניזם, א פערשלעפטער פון דער ישיבה. מען האט געשריבען לשון־הקודש, און זעלטען האט איינער ערנסט גענומען די זאך. מען האט איינער דעם אנדערען געחנפ׳עט, א יוד א שטיקעל עושר האט געהאט א גרייטען פאטענט אויף דעם כבוד פון סופר און משורר עברי, שרייבענדיג אפילו די גרעסטע נארישקייט. די נאראנים האבען געגלויבט, די קלוגע האבען געלאכט אין די פויסטען און געטראכט: א דאגה... ציניזם האט געקלעקט.

ערשט דוד פרישמאן האט געמאכט דאס גרויסע גוואלד.

דער געקרוינטער „משורר“ האט קיין טאלענט נישט. — איז נישט. דער אלטער משכיל האט זיך דאס וועניג גענומען צום הארצען. א סברא, אז דאס הארץ איז געווען פיסט דורך־און־דורך. ביי דוד פרישמאן האט אלץ פראטעסטירט דאגעגען, איהם האט עס אויפגעבראכט, זיין גאנצע יוגענדליכע פערזענליכקייט האט אויפגעקאכט: א חזיר האבען זיי איהם געשאכטען אויף זיין מזבח! די טאלענטלאזיגקייט האבען זיי אריינגעפיהרט אין זיין בית־המקדש!

דוד פרישמאן איז געווען דער פרומסטער אין זיין דור, דער ערנסטער צווישען א כת ליצנים און פיסטעפאסניקעס.

ער איז עס געווען און איז עס געבליבען ביז היינט—א כהן, אויף דעם לשון פון אחד־העם, א קעמפפער פאר ליטעראטור.

קיין שום פראבלעם פון יודישען לעבען האט איהם אזוי טיעף נישט בעריהרט, ווי די פראגע פון א ליטעראטור—איהר ווילט בויען א פאלק, זייט וויסען, אהן ליטעראטור איז קיין פאלק נישט;

איהר ווילט אויפלעבען די אַלטע העברעאישע שפּראַך, ווייס וויסען, אָהן ליטעראַטור איז קיין שפּראַך נישט.

סקעפּטיקער האָבען זיי איהם גערופען, די, וואָס דאַרפען אַ „פּרינציפּ“ צו פערדעקען זייער גייסטיגע נאַקעטיגקייט! ביי דוד פרישמאַן הייסט אַזאַ „פּרינציפּ“ — מאַסקע, פאַלשקייט, און די פּרינציפּיעלע זענען זיינע טויט-פיינד. און דאָך איז ער אַליין געוועזען דער פּרינציפּיעלער, דער אויסגעהאַלטענער, דער ערנסטער אין דער גאַנצער צייט פון זיין רייכער, גלענצענדער, טאַלענטירטער ליטעראַרישער טעטיגקייט. ער האָט געהאַט איין-איינציגע ליידענשאַפט: ליטעראַטור, ער האָט געהאַט איין-איינציגע אָבשאַצונג פאַר אַלערליי זאַכען: טאַלענט און טאַלענטלאָזיגקייט. מיר דוכט זיך, אַז דאָס לעבען האָט פאַר איהם אינטערעס ניר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל דער גוטער געשמאַק בערעכטיגט עס. און נישט קיין מאַסקע איז עס ביי איהם געוועזען. עס איז געוועזען (עס קאָן זיין, ער האָט עס אַליין נישט געוואוסט) דער אינהאַלט פון זיין לעבען.

דאָס מאַכט אויס זיין פערזענליכקייט און זיין סטיל — דער גרויסער טיעפער רעספּעקט פאַר דעם הייליגטום פון דורות און פעלקער — די ליטעראַטור. ווען איך לייען דעם אונפערגלייכליכען, פיינעם, געטאָקטען און אַזוי איינפאַכען העברעאישען סטיל פון פרישמאַן, בעקום איך אַליין מעהר רעספּעקט צו דער מלאכה פון שרייבערייי און שרייבער. האָבען טינט און פעדער און פּאַפּיער און אַ פּאָר געדאַנקעלעך אין קאָפּ — דערמיט קאָנסט דו נאָך אַליין נישט שרייבען. דו בלייבסט נאָך אַלץ אַ טינטלער. שרייבען הייסט — ערהאַבען זיין, פיין זיין. פרישמאַן בעגעהט זיך מיט דער ליטעראַטור ווי אַ פערליעבטער. און אַלץ איינס, וואָס ער שרייבט, צי אַ פּראַכטפולע נאָוועלע, צי אַ קריטיק, צי אַ פלוידעריי, — ער איז אומעטום פערליעבט אין דער ליטעראַטור ווי צום ערשטען טאָג. ער איז געבליבען געטריי זיין יוגענד-ליעבע.

ער האָט פאַר דער ליטעראַטור געאַרבייט אַ לעבען-לאַנג, פיעל נחת האָט זי איהם (מסתמא!) נישט געגעבען, און דאָך איז עס געבליבען זיין איינציגע ליידענשאַפט.

אַזאַ ליידענשאַפט און אַזאַ ליעבע איז פרוכטבאַר. מיר האָבען איהר פיעל צו פערדאַנקען.

מיר וועלען האָבען אַנ'אָמת'ען און אַנ'אמת-פערדיענטען ליטעראַרישען יום-טוב.

יצחק קאַצענעלסאָן.

דוד פרישמאַן.

— (געדאַנקען און שטריכען). —

I

ווען איז עס געווען? נעכטען? פאַר-אַ-יאָהרען? צי מיט צעהן יאָהר צוריק?

ווען איז עס געווען?

איהר האָט זיך עפּיס דערמאָהנט איינמאָל אָוונד-צייט, איהר זענט אַליין געבליבען אין דער דונקעל מיט גאָלד בעזוימט, מענ-ליך צופעליג, צי אייערע פריינד האָבען אייך פערלאָזען... ווי שייך בלייבט עס אַ מענש קיינמאָל ניט אַליין? מען פערליהרט דאָך זיי אַמאָל, די פריינד, אין לעבען אויך... און ס'איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, וואָס מען פערליהרט זיי; — פּלוצלונג האָסטו עס דערפיהלט, דאָס גרויסע גליק פון פערליהרען די פריינד, און עס ווערט דיר אַזוי אומעטיג, שווער און פיינליך — גוט אויפ'ן געמיט — זאָל עס נור דויערן לענגער.

— אָה, טייערער פריינד, ס'איז מיר גוט געווען מיט דיר, נאָר אָהן דיר איז מיר נאָך בעסער!

II

ווען איז עס געווען?

איהר האָט זיך אָן עפּיס דערמאָהנט, אַ קלייניגקייט דוקא...

זאָלען זיי נור קיין טעות ניט האָבען, אונזערע „פריינד“: וועגען „זיי“ דערמאָהנט מען זיך ניט אַליינבלייבענדיג.

גאַנץ גענוי קאָנט איהר עס גאָר ניט אויסטייטשען. אויטרערענדיג עס, אויפברענגענדיג די ערינערונג אויף די ליפּען, ווערט עס צעשוואומען און עס בלייבט גאָרניט איבער —...וואָס קאָן דען איבערבלייבען פון עטליכע אַקאָרדען, וואָס דו האָסט אַמאָל שפּעט ביינאַכט געהערט פאַרבייגעהענדיג אַן׳אונבעקאַנט הויז? אין דער לעדיגער גאַס איז טאַקי טויט־שטיל געווען און די פענסטער פון יענעם אונבעקאַנטען הויז זענען אָפען געווען... איז עס דען אַזוי וויכטיג געווען, וואָס דיינער אַ צוג, מיט וועלכען דו ביסט געפאָהרען, העט... האָט זיך ערגעץ אויף אַ פרעמדער סטאַנציע געטראָפען מיט נאָך אַ צוג. דיין וואַגאָן האָט זיך ערשט אָבגעשטעלט און דער ענטקעגענדיגער האָט שוין אָנגעהויבען אָבצוגעהן, און מיט איהם צוזאַמען דאָס פענסטער מיט׳ן בלאַסען פרויען־געזיכט, וועלכעס דו וועסט שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן און וועלכעס דו געדענקסט אַזוי גוט?

ווען איז עס געווען? נעכטען? פאַר־אַ־יאָהרען? צי מיט צעהן יאָהר צוריק?

די ערינערונגען זענען, דאַכט זיך, דאָ ניט דער עיקר. פון די פראַגען אַליין וועהט אַן׳אונפערגעסליכער אומעט.

III

ווער שרייבט ביי אונז אַזוי? — אָדער, איך וועל בעסער דאָס רעטעניש אַנדערש שטעלען: ווער פרעגט ביי אונז אַזוי? ווער פון אונז האָט דאָס גליק צו בלייבען אָפט אַליין און פרעגט אַזוי פראָסט און האַרציג און שוידערט קוים פרעגענדיג: „ווען איז עס געווען?“

IV

איך קאָן ניט זאָגען, אַז איך האָב פרישמאַנ׳ען גאָר אַ סך מאָל אין דעם צושטאַנד געטראָפען, — מיר האָבען זיך דאָך פריהער דערוואוסט, אַז מען פערלירט די גוטע פריינד בשעת מעשה... פרישמאַן איז אָבער צייטענווייז דער טרויעריגסטער מענש ביי אונז און אָהן אַ „פאַרוואָס?“. פריש און געזונד און טרויעריג... דאַכט זיך

אַ קלוגער מענש, קוקט דיך אַזוי אָן איבער די ברילען, מיט דער שפּיציגער פעדער צווישע די ליפּען אין — „ווייס ניכט, וואָס זאָלל עס בעדייטען דאַסס ער זאָ טרויריג איזט!“

אַסך ווייסען ניט פיעל מאָל די ריכטיגע סבה פון דעם אומעט, וואָס בעפאַלט אונז אָפּט, מיר פיהלען זיך דערפאַר דאָפּעלט אונגליקליך; „אָ, ווען מיר זאָלען וויסען די סבה, די ריכטיגע סבה! פרישמאַן איז פון די ווינציגע שווערע הערצער, וועלכע עס בעהערשט אָפּטמאָל אַנ'אונברחמנות'דיגער טרויער און זיי זוכען ניט די סבה.

ווייל וואָס איז דען פאַר אַ מענשען מיט געמיט ניט קיין סבה? אַ ווייט, אָבגעשניטען פעלד; עטליכע טעג און אָוענדען נאָכאַנאַנד, וועלכע זענען ענליך איינס צום אַנדערען; צי אַ פרישער מאַי מיט בלומען, מיט בוימער, מיט שוואַלבען, מיט טייכען. מיט — מיט דער גאַנצער פראָצעדור פון פאַראַיאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען.

מאַלע פון וואָס עס בעפאַלט אַמאָל אַ מרה־שחורה.

V

איך דערמאָהן יעצט ניר פרישמאַנ'ען אַליין. וועגען זיין שרייבען, וואָס דריקט אויס אין וואַרפט געניג ליכט אויף זיין פערזענליכקייט, וויל איך דאָס מאָל ניט רעדען. ס'איז שווער צו רעדען פאַר'ן יעצטיגען לעזער וועגען דער ליטעראַרישער טעטיגקייט פון אַ בעסערען שריפטשטעלער. דער יעצטיגער דורכשניטליכער לעזער קען די „שרייבער“ פון צייטונג און אַנדערע ביליגע אויסגאַבען. די צייטונג האָט אַריינגעצויגען די בעסערע צוזאַמען מיט אַנדערע, זעהר ניט וויכטיגע מיטאַרבייטער. דער פאַרביילויפענדער גאַס־מענש פערבראָכט אַלעמען אין איין יויך — און אַזוי ווי ער ווייס נישט, אַזוי זאָל עס איהם נישט שאַדען.

פרישמאַן איז איינער פון די ווייניגע, איבער וועלכע עס גלוסט זיך די לעצטע עטליכע יאָהר נישט רעדען פאַר אַ גרעסערען עולם; אמת, זיין צייטונגס־פעליעטאָן האָט זיך קונה־שם געווען, אָבער... פרישמאַנ'ס צייטונגס־פעליעטאָן איז דאָך נישט איינגאַנצען פרישמאַן... און גוט, וואָס ער איז ניט איינגאַנצען פרישמאַן! אַ גאַנצען פרישמאַן פאַר צוויי קאָפּיקעס איז צו ביליג... אַסך מאָל

חאַפּט זיך אַרײַן אין זײַן פעליעטאָן אַ צו װאַרימער אינטימער טאָן
און עס פערדריסט, עס האָט דאָך ניט געלוינט!

VI

עס האָט ניט געלוינט... אָט, אָט, דאַכט זיך, און דאָס בע-
האַרצטע וואָרט פאַלט צוזאַמען מיט דער כראָניק! מיט דער כראָ-
ניק וואָלט נאָך אַזוי פיעל ניט געשאַדט, נאָר אָט איז פרישמאַן
און אָט איז דער כראָניק-מאַכער! און אָט מאַכען איהם אָן ניט
וויכטיגע ציטונגס-מענשען אַ ביסעל שלעכט בלוט,—מיט צוויי-דריי
יאָהר צוריק איז עס געוועזען. האָט מען איהם אויף דער גאַס אַרויס-
געשלעפּט, מיט דער סיגאַר אין מויל. עטליכע לצים פון ביליגען
סאָרט מיט דינע פאַפּיראָסלעך צווישען די ציין האָבען געהערט
וויגען זיך אַ פּאָר אמת'ע ווערטער,—נאָר... ס'האָט אויך ניט גע-
לוינט!

VII

ווען איז עס געוועזען?

דאָס מאָל פרעגט ניט פרישמאַן, נאָר יעדער „ליעבער לעזער", וועלכער האָט זיך אויך דערמאָהנט אָן אַ קלייניגקייט:

ווען איז עס געוועזען? די צייט פונ'ם „הדור"? פון דעם ערשטען, דערנאָך פון דעם צווייטען?

מיר דאַכט, אַז דער „ליעבער לעזער" בענקט ניט אַזוי נאָכ'ן פרישמאַנ'ישען זשורנאַל, וועלכער איז אַגב געוועזען גוט רעדאַגירט, נאָר וועגען עפּיס אַנדערש... מיט יעדען העפטעל, וואָס פלעגט דעם יונגענמאַן יעדע וואָך אָנקומען, איז עפּיס פערבונדען. יעדער „הדור" האָט אויסער דעם געדיכט, דער ערצעהלונג און אַ ריינעם אַרטי-קעל אויך מיטגעבראַכט נאָך עפּיס... ווער ווייס עס יעצט? ווער לעבט עס יעצט איבער? און ס'קומט עפּיס אויס אַזוי מאָדנע, וואָס פרישמאַן, דערועלבער דוד פרישמאַנן, מיט בײדע נונ'ען און מיט'ן דוד פאָראויס, איז יעצט דאָרטען, מיט זיי אַלעמען.

VIII

וואו זענען די עס, יענע ווענִיגע טרײַע לעזער? און וואו זענען זײ עס די שרײַבער? מיר בעגעגענען אַפּילו צײַטענווײַז זײערע נעמען, זײ זענען דאָך אַלע מיט עטליכע יאָהר צוריק נאָך גאָר יונג געווען און קײן אומגליק ווי מיט גנעסינ'ען האָט דאָך חס וחלילה מיט זײ אַלעמען ניט געטראָפען. זײ בעווײַזען זיך נאָך אַמאָל פאַר'ן בעסערען עולם, אײַנציגווײַז, צוואָרפּען, ס'איז אָבער ניט דאָס: פאַר פרישמאַנ'ען פלעגט מען בעסער שרײַבען... טאַקי דיזעלבע ליעדער, סקיצען און ערצעהלונגען ווי יעצט, נאָר אַ קלײן ביסעלע שענער, אַ קלײן ביסעלע געפײַלטער און אָבגעטאָקטער, דער־צו נאָך אַ ביסעלע מעהר גײַסט און האַרץ—און שוין! דען טאָמער מאַכסטו אַ מיאוס'ען גאַנג אין שאַך און פערלירסט די הילצערנע מלכה, וועט דיר פרישמאַן מוחל זײַן, טאָמער דערצעהלסטו איהם אַ שלעכטען וויץ—וועט ער עס דיר שענקען; מילא אַ וויץ, אַמאָל געראָט עס, אַמאָל ניט... טאָמער האָסטו אָבער אַ שוואַכקײט צו פּאָעזיע—טהו איהם אַ טובה און שרײַב גוט, האָב רחמנות מיט דעם מענשען און זײַ אַ קינסטלער.

IX

קאַמגאַרן, שטרײַכגאַרן און ליטעראַטור.

קאַמגאַרן און שטרײַכגאַרן אויב דו קענסט, פּערבײַט, לי־טעראַטור—ניט!

נאָך שלום אַש'ס פּיעסע „דער גאָט פון נקמה" איז עס גע־ווען. די דאָזיגע פּיעסע מיט דער תורה און מיט'ן מײדעל, להבדיל, האָט געהאַט „סוקסעס" און ס'האָט עמיצער באַלד דערויף, צו אַ בי־סעל פרידער, אַ שאָט געטהון מיט אַ פופצעהן—צוואַנציג דראַמעס און דראַמעלעך. אײדער פרישמאַן האָט בעוויזען איבערצולעזען אײן פּיעסעלע פון דעם דאָזיגען שרײַבער, האָט פרץ מיט'ן שענעם גרוי־ען קאָפּ האָר געהאַלטען פאָרלעזונגען איבער די דאָזיגע 15—20 דראַמעלעך. אין עטליכע וואָכען אַרום, פערשטעהט זיך, אַז דער „סוקסעס" פון „גאָט און נקמה" האָט זיך שוין נישט געלאָזט הערען, האָט פּ ר ץ נישט מעהר געהאַט וואָס צו זאָגען איבער די 15—20 דראַ־מעס און דראַמעלעך, דאָס וואַסער איז איהם פון צווישען די פינ־גער אויסגערונען... אָ ליעבער, טײַערער פרץ, וועט איהר דען דאָס

זעלבע פארלעזען אויך היינט? פרץ האט ליעב אפט א צו־להכעיס און ס׳קאן זיין, אז ער זאל נאך אמאל ווייזען דעם קונץ... זאל איהם אבער גאט אבהיטען — אויב יא האלטען פארלעזונגען איבער דראמען — איז שוין בעסער הערען נאכאמאל איבער „ביינאכט אויפ׳ן אלטען מארק״. אנגענעהמער, אינטערעסאנטער און פערשטענדליכער.

פרישמאן אבער איז א לאדזער, און האט, דאכט זיך, אמאל פאבריצירט אויך. גלויבט איהם נישט, סוחרים: אז מען וועט דארפען, וועט זיין מייסטער פערבייטען קאמגארן אויף שטרייכגארן, נאר ליטעראטור — ניט.

בנוגע ליטעראטור — ווייס פרישמאן פון קיין פאליטיקעס ניט, האט ניט קיין קאפריזען און טרייבט ניט קיין קאטאוועס. פרישמאנ׳ס גוט־זאגען און שלעכט־זאגען איבער׳ן שרייבער און איבער זיין ווערק — איז די עכטע פראבע.

X

די ערשטע יעצט ארויסגעזאגטע ווערטער איבער פרישמאנ׳ען זענען פאר קיינעם קיין נייעס ניט. פרישמאן איז דער פיינפיהלענדיגער מענש צווישען אונז; זיצט ווער ביים טיש און זיין ווייט שטערטעל און שרייבט א שלעכט ליעדעל, גרילצט עס פרישמאנ׳ען אזש אין ווארשא אין די אויערען.

מיר האט עמיצער אמאל געבראכט אנ׳ערצעהלונג, א גרויסע ערצעהלונג, גאר א גרויסע ערצעהלונג, און זי האט ניט געטויגט, די ערצעהלונג. דער בחור דארט האט ניט געטויגט, דאס מיידעל אודאי ניט, דאס פערליעבעניש איז קיין פערליעבעניש ניט געווען, נאר געלייענט האט ער עס לאנג, ס׳האט זיך געצויגען ווי פון פעך. איבעריג שלעכט האב איך זיך אבער ניט געפיהלט, געשעמט האב איך זיך אויך ניט; דען וואס בין איך שולדיג? איך האב דאך די ניט־געלונגענע ערצעהלונג ניט אנגעשריבען, נאר ער!

אויף מארגען, אריינקומענדיג צו פרישמאנ׳ען האב איך דעמזעלבען חברה־מאן דארט געטראפען און איך בין רויט געווארען און איך האב זיך געשעמט —: ווי ברענגט מען עס אזא שמאטע פרישמאנ׳ען! אז דער בחור איז אוועק, האט פרישמאן אויפגעהויבען א שפאר פעקעלע פון טיש, געוואויגען עס אויפ׳ן האנד: ווי געפעלט אייך דאס מאנוסקריפטעלע? אזוי האט ער מיר געזאגט דער

יונגערמאַן: „איך זאָל אַזוי גוט זײַן און איבערלייענען דאָס מאַ-נוסקריפּטעלע“.

— לייענט עס ניט! — בין איך בעפאַלען פּרישמאַנ׳ען אין גע-פּרובט עס ביי איהם צונעהמען — ווי גאָט איז אייך ליעב, לייענט עס ניט!

— פאַרוואָס?

— עס איז זעהר ניט קיין גוטע ערצעהלונג! — האָב איך אויס-געשריען און האָב זיך ווידער פערשעמט.

XI

איינער אַ בערימטער נאַר האָט פּרישמאַנ׳ען אויפגעוואָרפען, אַז ער איז אַ „שענגייסט“, און האָט דעם שענגייסט איינ-געפּאַסט אין היהנער-פּיסלעך. פּרישמאַן איז אָבער אַ שענגייסט אָהן היהנער-פּיסלעך. זענט איהר שען, קויפט איהר איהם אָב; זאָגט אָבער ניט, אַז איהר זענט אויך קלוג — טאָמער זענט איהר עס ניט... ער קאָן עס ניט ליידען, איהר דאַרפט אין דעם פאַל באמת קלוג זיין, און אויב איהר זענט אין ענין פון שכל אַ ביסעל moio cъ, איז שלעכט... איהר מעגט קלינגען אויף דער גאַנצער וועלט פאַר אַ שלמה החכם!...

דער עולם האָט אָנגעהויבען צעהלען אונזערע נביאים אויף די פינגער און אין איין אָטעם: ישעיה, ירמיה, יחזקאל, ביאַליק —

פּרישמאַן האַפּט אייך פאַר׳ן לעצטען קליין פינגערל, וואָס איהר האָט פערבויגען ביי ביאַליק, און קוועטשט איהם אייך ווי איהר זענט עס ווערטה: — וואָס? אַ נביא?...

אין אינזער ליטעראַטור האָט איין פּרישמאַן געשריבען וועגען ביאַליק׳ען אַ לעבעדיג וואָרט.

— רבונו של עולם, די נביאים זענען דאָך פול מיט גרייזען און ביאַליק איז דאָך איין שטיק דקדוק, ער איז אַזוי גאַנץ, מ׳זאָל ביי איהם צומאָל אַ קרי און אַ כתיב געפינען! ביאַליק איז דאָך בערוהט געזעסען און געצאַצקעט יעדע שורה, געקינסטעלט יעדעס וואָרט — ס׳איז טאַקי ביי איהם אויסטערליש! ביי די נביאים אָבער איז דאָך דאָ דאָס גרויסע אינגעהויערע ווילדקייט. עס גראַמט זיך ביי זיי גאָר ניט און קלינגט אַזוי מאָדנע אָב אין אונזערע אויערען און אין אונזערע הערצער. אַז יחזקאל נעהמט זיך צו די אויסגעלאַסענע

טעכטער פון יהודה און ישראל, פערהאפט עס איך דעם אטעם.

און אז פרישמאן שרייבט וועגען ביאליק'ען, זאגט ער ניט בפירוש דעם אמת, אז ביאליק איז קיין נביא ניט, סאיז א ביסעל צו ריזיקאליש, די שוואכע קעגנער פון העברעאיש, די חובבי שפת עבר, וואלטען דאך אזא מענשען קורע-בדג זיין. פרישמאן זאגט במעט גארניט: ער גיט דאס לע-בעדיגסטע בילד פון יחזקאל'ן, ווי אזוי עס האט זיך ביי איהם גענביא'עט, און מען זעהט, אז ביאליק איז א קינד פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט, אז ער וואוינט אין אדעס, אין דעמזעלבען אדעס, וואו עס וואוינט דער ד"ר יוסף קלויזנער, און איז דאך א גרויסער יודישער דיכטער, א דיכטער פון צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

XII

איך פערענדיג דאסמאל מיינע קורצע שטריכען איבער פרישמאנ'ען, איבערלאזענדיג די גרעסטע העלפט אויף א צווייטען מאל. דא האב איך מעהר וועגען איהם פערפעהלט ווי געשריבען. איך האב נור אויפגעחאפט דאס לייכטעסטע, וואס פאלט אונז איין מיט'ן נאמען פרישמאן. דערזעלבער פרישמאן, וואס האט נאך די מעלה, ניט שפיעלען קיין ראלע פון א רבי, און דערפאר ווערט מען ביי איהם ניט טרעפען דעם ערב-רב „תלמידים", וואו עס ווארפען זיך הורך א שפאר ביסעל פוסט-אין-פאסניקעם, האלבע אי-דיאטען און גלאט אזוי מענשען פון גאס.

דאס עדעלסטע און דאס אויסדערוועהלטע זוכט ביי און נע-בען פרישמאנ'ען.

א. שטיינמאַן.

דער לירישער קעמפּפער.

דוד פרישמאַן איז צו אַלער=ערשט אַ דיכטער, אַ מיטגליעד פון יענעם קליינעם געזינדעל, וואָס אַז צוויי פון זיי טרעפען=זיך צוזאַמען, לאָזען זיי באַלד, ביים ערשטען בליק, אַראָב די אויגען און שווייגען: מ'האָט זיך דערקענט. נאָר זעלטען ווען פרישמאַן שאַפט אַ געדיכט. זאָגען וויל ער שטענדיג עפּיס אַנדערש, און ס'קומט אַרויס אַ געדיכט. ער פערצעהלט, קריטיקירט, לאַכט=אָב אין דערוויַיל ווערט אַ קונסט=ווערק געשאַפען. ער מאָלט נישט קיין בילדער — דער קינסטלער זעהט, דער דיכטער אָבער איז אַממעהרסטענס בלינד, וויל ווערען געזעהן — נאָר יעדערע זיינע אַ שורה איז בילדשען, געטאָקט, אָנגעטהון אין אַ כתונת=פּסים, פערמאָגט שטאַלט, קלאַנג, גראַציע, טראָגט אויף זיך איהר שעפער'ס אייגענאַרטיגען שטעמפּעל, ווי נור זי וואָלט ער האָבען געמיינט. פרישמאַן איז ליריקער, נאָר שטרענג זאַכליך. זיין וואָרט איז טהאַט און איבערלעבעניש. און דאָס האָט איהם פאַר'ן קעמפּפער געמאַכט. וויַיל ער איז אַ מענש נישט פון בלויז געפיהל און אינטעלעקט, נאָר אויך אַ מענש פון גייסט. ער איז נישט פון די, וועלכע וויסען פיעל, נאָר פון די, וועלכע עס וויסען דאָס וויכטיגערע, דאָס עכטע, —

פונקט דאָס, וואָס ווערט אַממײַסטען פאַרשוויגען. אַ ביכער־ליבהאָבער, נאָר די ביכער האָבען נישט געלעגט זיך ווי אַ פלאַסטער אויף זײַן מהות, נישט געוואָרפען קיין שפּרענקעלע אויף זײַן „איך". ער איז אַ סקעפּטיקער אין די מיטלען, ווײַל ער גלויבט אינ'ם ווײַטען ציעל. סובּיעקטיוו דורך־און־דורך — און דאָך איז ער שטענדיג פאַרבּונדען מיט'ן כּלל, איז געזעלשאַפטליך. ער האָט שטענדיג טענות צום פּובּליקום, ווײַל ער אַכטעט עס; איז אין כּעס, ווײַל ער ליעבּט; איז צוריקגעהאַלטען־פאַרדריסען, ווײַל ער איז צאַרט; זאָגט: ס'איז נישט שיין, און מיינט דערבּײַ: מ'טאָר נישט. ער איז פאַרשכּור'ט — אין זײַן אייבּיגוואַכענדער בּליק איז ניכטער. זײַן פּראָגראַם: דער מ ע נ ש; ענדציעל: ל י ע ב ע; דאָס מיטעל: ה אַ ס.

אַראָבּגעקומען איז ער צו אונז אונטער אַ מאַסקע פון אַ קעמפּפער, אַ צושטערער, ווײַל אַזוי האָט די השגחה געוואָלט, אַז ער זאָל געבּאָרען ווערען אין אַ דור פון משכּילים, מליצים און ווערטער־שפּיעלער. פון דאַן אָן איז זײַן שאַפען געוואָרען אַ מסירות־נפש פון פרישמאַן דעם דיכטער פאַר פרישמאַן דעם קעמפּפער, דעם מאָראַליסט. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך. אַרויסקוקענדיג אויף דאָס גרויסע, האָט ער געמוזט דערווײַל בּעקעמפּפען קליינינגקייטען; רײַסענדיג זיך צום שיינעם, האָט ער געטאַדעלט דאָס מאוס'ע. זײַענדיג פאַררוקט אין זײַן ווינקעלע, איז ער אַרויס פון דאָרטען פון צײַט צו צײַט, אַ ריינינג געטהון דעם אַ ר ו ם, בּעגיטיגט דעם בּאָדען פאַר דאָס פײַנע און דאָס עכטע — און ס'איז אַרויס אַ קלאַנג: ער צעוואַרפט!... האָט אַ ליטעראַטור געבּויט — און אַ נאָמען בּעקומען פון אַ צושטערונגס־גײַסט. האָט טויט געשלאָגען די העבּרעאישע בּת־השמים'דיגע מליצה — אין זיך מיט זײַן גאַנץ וועזען צונויפגעגאָסען, ווי נישט קיינער, מיט דער בּיבּעל־שפּראַך. האָט אָנגעכאַפּט דעם איבּערגעריסענעם פאָדעם און וועבּט איהם ווײַטער, געהט־נאָך דער בּיבּעל־שפּראַך אין אַלע איהרע פאַרפּלאָנטערטע אין פאַרדרעהטע וועגען און שטעגען. נישט עס שפּיעגעלט זיך אָבּ די בּיבּעל אין זײַן סטיל, נאָר זײַן סטיל נעהמט דעם קוואַל אין דער בּיבּעל. האָט געגאָסען שפּאָט און צאָרן אויף דער נײַ־יודיש־בּענקעניש־ליטעראַטור — אַ גלגול פון דער בּת־השמים'דיגער מליצה — און אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דאָס אמת־שיינע — אין זאָגען זאָגט מען, אַז ער איז נור דער פאָרם־מענש, דער בּלויזער ליעבּהאָבּער פונ'ם געטאָק־

טען וואָרט... פאָרם? ס'רעדט זיך ניר אַזוי. אַלץ איז פאָרם. שווער אָפּצושיידען פרישמאַנ'ען פון זיין ווערק, ווי דעם פלאַם פונ'ם קנויט — און מ'פרעגט: וואו איז דאָ די פערזענליכקייט?!...

ער איז ער, נאָך מיט אַ עפּיס, אַ בעהאַלטענעם, אַ אינ־זיכטבאַרען, עהנליך צו אַנ'אַראָמאַט, צו אַ וויטען קלאַנג, פאַר וועלכען מיר וועלען נאָך לאַנג זוכען אַ נאָמען.

א. ריקליס.

דער פאָהן־טרעגער.

(נאָטיצען).

„... נאָך אַ טאָג און צוויי; די זון וועט אויפגעהן און פערגעהן — און דער לעצטער נומער וועט אָנקומען צו זיינע לעזער; נאָך אַ טאָג און צוויי, און די זון וועט נאָכאַמאָל אויפגעהן און פערגעהן; קיין נייער נומער וועט מעהר נישט אָנקומען און די לעזער וועלען שוין גישט וויסען ניט וועגען זיין קומען, ניט וועגען זיין אַוועקגעהן — און נאָך אַ ביסעל און אַלץ וועט פערגעסען ווערען.

אָבער — מיר זענען דאָך עפּיס אַ פאָלק! מיר האָבען דאָך עפּיס אַנ'אויפלעבונג! אַ גרויסע בעוועגונג איז דאָך ביי אונז!

און די פּראַזע וועט ווייטער טהון אירהם, ווי זי האָט געטהון ביז איצט. פּזמונים וועלען געזונגען ווערען, רמ"ח שופרות וועלען בלאָזען און שס"ה גלעקער וועלען קלינגען... מיר האָבען מאַקאַבעער, אָוועגדען, „עוד לא אָבדה תקותנו", חשמונאים, רעפעראַטען, שקלים, אַקציעס, קאָלאָניעס, יוגענד, מיר האָבען, גאָט צו דאַנקען, אַלץ, און נור איין קלייניגקייט פעהלט אונז — קיין ליטעראַטור האָבען מיר נישט!"

אַזוי האָט פרישמאַן געשריבען אין זיין בעריהמטען „אַ בריעף פון רעדאַקטאָר", פול מיט צאָרן און פּאַטאָס, אין דעם לעצטען נומער פון ערשטען „הדור".

מיר אַלע, וואָס געדענקען די צייט פון ערשטען „הדור", ווייסען, מיט וואָס פאַר פיעטעט מען האָט זיך דאַמאָלסט בעצויגען

צו דעם דאָזיגען וואָכענבלאַט אין אַלע יודישע שטעדט און שטעדטלעך און מיט וואָס פאַר אַ אינערליכען ציטער יודישע יונגע-לייט האָבען דאַמאָלסט געלייענט פרישמאַנ'ס פאַטעטישען „אַ בריעף פון רעדאַקטאָר", וואו ער זעגענט זיך אָב מיט די לעזער און זאָגט-אָן די טרויעריגע בשורה, אַז מעהר וועט דער „הדור" נישט ערשיינען.

אָבער שווער איז איצט אָהן אַ שמייכעל צו דערמאָהנען זיך וועגען יענער נאַאיווער ליעבער צייט — אין דער, וואָס האָט דאָס אַליין נישט איבערגעלעבט, וועט אַ ודאי איצט לייענען פרישמאַנ'ס ווערטער און שטוינען: גאָט מיינער, וואָס איז דען דאָ אַזוינס געשעהן? אַ יודיש וואָכענבלאַט געהט-אונטער און אַ מענש רעדט וועגען דעם מיט אַזאַ גיפט און פאַטאָס, גלייך ווי די וועלט געהט-אונטער! אַ געוויסע ליטעראַרישע פראָבע איז איינעם נישט געלונגען, — און אַזאַ הימעל-געשריי, אַזאַ פערצווייפלונג!

אָבער דער קינפטיגער היסטאָריקער פון דער יודישער ליטעראַטור וועט אויף דעם דאָזיגען קליינעם פאַקט זיך מוזען אָבשטעלען. דען דאָ ליעגט דער שליסעל פון אַ גאַנצער ליטעראַרישער שטרעמונג און אָהן דעם איז אונמעגליך אָבצושאַצען ווי געהעריג פרישמאַנ'ס בעדייטונג אַלס אַ ליטעראַרישע ערשיינונג, אַלס אַ טאָנגעבער אין דער העברעאישער ליטעראַטור אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען.

פרישמאַן איז אויסגעוואַקסען אין דער אַטמאָספערע פון דער השכלה און פון איהר האָט ער איבערגענומען דאָס בעסטע און געזונדסטע, וואָס זי האָט אין זיך פערמאָגט: דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט, דעם קאַמפפס-מוט, די שטרעבונג צו נייע פאָרמען. פרישמאַן האָט יאָהרענלאַנג געקעמפפט געגען דער פראַזע, געגען דער בטלנות אין אַלע איהרע פאָרמען, געגען דער בעגרענצטקייט פון די השכלה-לייט, אָבער אַליין איז ער אויך געווען אַ משכיל דורך-און-דורך, ד. ה. אַ מענש, וואָס וויל אָנהענגען דעם כלל ישראל אַ געוויסען העכערען אידעאַל פון אויסען, אַ מענש, וואָס קומט צום יודישען פאָלק מיט פאָדערונגען און הערט ניט אויף שרייען: אַזוי מוזט איהר זיין! אַזוי דאַרפט איהר זיין!

פרישמאַן איז אַ קעמפפער, אַ פאָהן-טרעגער, דורכגעדרונגען מיט דעם רעוואָלוציאָנערען גייסט פון דער השכלה, נאָר מיט אַנ'אַנדער וועג איז ער געגאַנגען און מיט גאָר אַנדערע לאָזונגען איז ער צו אונז געקומען. ליטעראַטור, אמת'ע שענע ליטעראַטור!— אָט דאָס איז זיין לאָזונג געווען אין צעהנדליגער יאָהרען האָט די

דאזיגע אידעע איהם צו רוה נ'ט געלאזען און ער האט אנדערע צו רוה נ'ט געלאזען. — ליטעראטור איבער אלעס, אהן דעם קאן קיין יודיש פאלק נישט זיין, אהן דעם וועלען איך אלע אייערע פראזען וועגען אויפלעבונג נישט העלפען, אהן דעם זענט איהר טויט! — אזוי האט פרישמאן געטענ'עט אהן אויפהער, אויף דעם האט ער געפטר'ט די בעסטע קרעפטען זיינע און דערמיט האט ער אזוי לאנג געהאלטען א גאנצען דור אין איין שפאנונג.

„איך שייד זיך אמאל פון צבור און שטעל זיך אין א ווינקעלע און א מרה-שחורה נעדמט מיך ארום, און אז איך הער דאן, אז מיר האבען א נאציאנאלע בעוועגונג, שטעה איך און פרעג: רבונו-של-עולם, וועגען וואס רעדען די דאזיגע גוטע מענשען? איז דען מעגליך, אז מיר זאלען האבען א נאציאנאליען בעוועגונג, אנ'אמת'ע בעוועגונג און נישט קיין געקינצטעלטע, אויב מיר האבען קיין ליטעראטור נישט? דארפען מיר דען נאך א בעסערען סימן, אז מיר זענען נישט ראוי צו זיין א פאלק, אויב מיר האבען קיין שריפטשטעלער נישט? איז דען פאראן א פאלק אהן שריפטשטעלער? קאן עס דען זיין?“

פריהער פון אלץ ליטעראטור, א ביסעל אמת'ע קינסט — אט דאס איז געווען פרישמאנ'ס פיקס-אידעע, וואס האט איהם שטענדיג געפייניגט און דערמיט האט ער אויך נ'ט אויפגעהערט אנדערע צו פייניגען און אהן אויפהער מאהנען און מאהנען...

עד-היום איז שווער צו לייענען אהן א אינערליכען ציטער פרישמאנ'ס בעריהמטע ווערטער:

„איהר זענט נור א פאלק פון זקנים. גיט-זשע א ביסעל קינדהייט די יודישע קינדער! גיט-צו, זאל זיין חאטש אויף איין מאמענט, א ביסעל פערגניגען אינזערע קליינע בעשעפענישען! קעהרט זיי אום די קינדהייט, וואס פעהלט זיי! לעהרנט זיי אויס נאאיוויטעט, פיהלען, טרוימען און חלומ'ען! בויט זיי אויס א וועלט, וואו עס איז נישטא קיין קנאה און שנאה, קאנקורענץ און חשבון-נפש, חקירות, פילאזאפיעס און יאוש, און וואס אנשטאט דעם זענען דארט פאראן גוטע טעג און רוהיגע נעכט! בויט זיי אויס א וועלט, וואו אלץ האט סטיל, וואו מלאכים געהען אראב אונטען און מענשען געהען ארויף אויבען, און וואו אלץ לעבט און רעדט, — א נייע וועלט גיט אונז, א נייע וועלט, וואו עס זענען מעהר

נישטאָ קײן יודען מיט תורה און מצוות און פערבּיטערטקײט און חשבּונות און דאגות און חקירות! גיט אונז די קינדהײט!"

פרישמאַן האָט דאָס געמאָהנט נישט בּלויז פאַר קינדער, נאָר אויך פאַר גרויסע. ער האָט געפיהלט און געזעהן, ווי מיר זענען אַ פאָלק פון קאַליקעס, פון צובּראָכענע נשמות, פון פערדרעהטע מוחות, און ער האָט געמאָהנט: גיט אונז אַ בּיסעל סטיל, אַ בּיסעל לײַכטקײַט, אַ בּיסעל שענקײַט! דאָס אֶמת'ע לעבּען איז לײַכט און ווײסט נישט פון קײן פשט'לעך — אונזער לעבּען אָבּער האָט קײן סטיל און קײן האַרמאָניע נישט; אֶמת'ע קונסט קאָן מען נישט שאַפען און אויך נישט פערשטעהן מיט'ן שכל, נור מיט'ן האַרץ — בּײַ אונז אָבּער איז ליטעראַטור נישט מעהר, ווי אַ שכל־זאַך, אַ מין לימוד; מענשען מיט געזונדע נאַטורען האָבּען אַנ'אַנדער בּעציהונג צום לעבּען. אַ לײַכטערע, אַ רײנערע, — מיר אָבּער לעבּען מיט'ן קאָפּ מעהר, ווי מיט'ן האַרץ, מיר זענען מענשען מיט פערקרומטע מוחות, אָהן נאַאיוויטעט, אָהן שטאַרקע לעבּענס־אינסטינקטען. —

און פרישמאַן האָט פון אײן זײַט אָהן אויפהער געפאָדערט און פון דער צווײטער זײַט ניט אויפגעהערט לעהרנען, געוויזען בּײַשפּיעלען, ווי אַזוי מען דאַרף שרײַבּען אַ סקיצע, ווי אַזוי אין אײראָפּאַ שרײַבּט מען פעליעטאָנען, און וואָס איז אַזוינס אֶמת'ע דיכטונג א. אַז. וו. אָבּער קײן ליטעראַטור, ווי פרישמאַן האָט געוואָלט, איז נאָך אַלץ נישט געשאַפען געוואָרען, די מנחם־מענדעל'ס האָבּען בּײַ יודען זיך געפּרוכפּערט און געמעהרט, דאָס יודישע לעבּען האָט אַלץ קײן סטיל נישט בּעקומען — און פרישמאַנ'ס צאָרן איז געוואָרען אַלץ גרעסער און פון יאָהר צו יאָהר איז ער געוואָרען אַלץ אײנזאַמער, חאָטש זײַן ווירקונג איז נישט קלענער געוואָרען.

האָט געלוינט דער דאָזיגער קאַמפּף? איז געווען צוועקמעסיג די מאַסען־ענערגיע און גרויסע ליטעראַרישע קרעפטען, וואָס פרישמאַן האָט אַוועקגעלעגט אין משך פון פיעל יאָהרען, אום צו בּעווײַזען, אַז מיר האָבּען קײן ליטעראַטור נישט? לאָמיר זײַן אָפענהערציג. ווי יעדער קאַמפּפס־מענש, איז אויך פרישמאַן געווען אײנזײַטיג, מײנענדיג, אַז נור אין שענער ליטעראַטור בּעשטעהט די רעטונג פון יודישען פאָלק, און נישט וועלענדיג אײנזעהן, אַז דאָס יודישע לעבּען געהט זיך זײַן וועג, אַז לעבּען איז דאָך נישט קײן ליטעראַטור און אַז נישט קוקענדיג אויף די אַלע פערצווײפ־

לונגס-געשרייען וואַקסט דאָך די מענשליכקייט אין אונז און עס שטעהען-אויף ביי אונז נייע מענשען און עס ווערען געשאַפען נייע פאָרמען. אין יאָהרען אַרום, ווען דער קינפטיגער היסטאָריקער וועט בעטראַכטען פרישמאַנ'ס שאַפען און ווירקען, וועט דער דאָזיגער קאַמפף, וואָס איז געפיהרט געוואָרען מיט אַזאַ טאַלענט אין ענערגיע, די דאָזיגע געשרייען און טענות „אויב עס איז קיין ליטעראַטור נישטאָ, איז אויך קיין פאָלק נישטאָ", צוזאַמען מיט דער גרויסער יראָה, וואָס פרישמאַן האָט יאָהרענלאַנג געוואָרפען אויף זיינע לעזער, — מוזען אויסזעהן אַ ביסעל קאָמיש. אָבער דערזעלבער היסטאָריקער וועט אויך מוזען זעהן, אַז די פעדים, וואָס האָבען פערבונדען פרישמאַנ'ען מיט זיינע לעזער, זענען פון איידעלער מאַטעריע געוועזען געוועבט, אַז צוזאַמען מיט בעדיטשעווסקי'ן און פייערבערג'ען האָט פרישמאַן נישט אויפגעהערט וועקען אונז צום לעבען און אין פערלויף פון יאָהרען הויך געטראָגען די פאָהן פון ריינער ליטעראַטור.

פרישמאַן האָט שטענדיג געקעמפפט, געלעהרנט אַנדערע און דעריבער אָפט פערגעסען אָן זיך, אין זיין אייגענער וועלט, אַלס פערזענליכקייט. אָבער ער איז אויסער קעמפפער אויך ד י כ ט ע ר — און פאַר מיר, פאַר דעם יחיד, פאַר דעם מאָדערנעם לעזער, איז דאָך ביסעל דיכטונג, וואָס פרישמאַן האָט מיר געגעבען, וויכטיגער ווי זיין גאַנצער קאַמפף...

יאָ, פרישמאַן האָט געוויזען אַ מייסטער פון סקיצען שרייבען פרישמאַן איז אפשר דער גלענצענדסטער פעליעטאָניסט ביי אונז, פרישמאַן האָט זיכער אַ אונגעהויערע השפעה געהאַט און זיין היסטאָרישע בעדייטונג פאַר דער ליטעראַטור איז גרויס. אָבער מיר אַלע, וואָס גלויבען אין דער אייביגקייט פון קונסט, מיר אַלע, פאַר וועלכע קונסט איז ניט מיטעל צו קיין ציעל, נור אַ ציעל אַן- און פאַר-זיך, אַ בעזונדערע וועלט פון שענהייט און פאַנטאַזיע, — מיר אַלע וואָלטען אפשר אָבגעגעבען אַלע איבעריגע פרישמאַנ'ס ווערק פאַר עטליכע שורות פון זיין „משיח", „אופיר" און אַנדערע שירים.

אין דעם ביסעל שירים, וואָס פרישמאַן האָט אונז געגעבען, ליעגט אַ גאַנצער אוצר, און ווער ווייסט, וויפיעל פרישמאַן אַליין און זיינע לעזער האָבען פערלאָרען צוליעב דעם, וואָס ער האָט אַזוי פיעל כחות אָבגעגעבען אויף דעם מזבח פון קאַמפף.

אַזוי איז עס שוין ביי אַלע אינטערדריקטע, נישט־פרייע פעלקער. דאָרט, וואו די פאָרמען פון לעבען זענען נישט פריי, דאָרט, וואו עס עקזיסטירט נישט די אמת'ע פרייהייט פון דער פערזאָן און איהר ענטוויקלונג, דאָרט מוז דער דיכטער שטענדיג פאַלען אַלס קרבן פאַר דער געזעלשאַפטליכקייט, פאַר'ן כלל. און אַזוי איז עס אויך ביי אונז. דער יודישער דיכטער מוז שטענדיג פאַר זיך האָבען די „יודענפראַגע”, קאָן קיינמאָל זיך נישט בעפרייען פון די כלל־אינטערעסען און כלל־פראַגען, קאָן קיינמאָל נישט זיין פאָלקאָם דאָס, וואָס ער איז, ווייל דאָרט, וואו עס איז נישטאָ קיין פעסטער באָדען און קיין פרייע לעבענס־פאָרמען פאַר'ן כלל, דאָרט קאָן אויך דער יחיד, די פערזענליכקייט, נישט זיין אינגאַנצען פריי. און אויך פרישמאַן האָט צוליעב דעם כלל אָבגעגעבען זיין אייגענע וועלט. ער האָט קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט פאַר זיך, פאַר זיין אייגענע נשמה, און איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער מוז פריהער דעם וועג אָבראַמען, מוז פריהער אַראָבוואַרפען דעם באַרג מיט שטויב פון די אַלטע דורות, וואָס ליגט אויף אונז, אָבטרייבען די געדיכטע שאָטענס, וואָס שוועבען אויף אונזערע קעפ, אום צו מאַכען אַ פלאַץ פאַר דער אמת'ער קונסט, פאַר דער פרייער פערזענליכקייט.

דאָס איז אָבער נישט געשעהן, און פרישמאַן וואָלט געקאָנט אויף זיך זאָגען די ווערטער, וואָס דער רוסישער דיכטער נעקראַסאָוו האָט וועגען זיך געזאָגט:

דער קאַמפף האָט מיר געשטערט צו זיין אַ דיכטער,
דאָס דיכטען האָט מיר קעמפפער זיין געשטערט!

פרישמאַן האָט אַ אינדיווידועלע דיכטער־וועלט געהאַט. אַ בעזונדער טרויעריגער צאַרטער ליריזם שטענדיג צוזאַמענגעבונדען מיט אַנ'איידעלער איראָניע בעמערקט זיך אין אַלע זיינע געדיכטען, און מיר וואָלטען אפשר אַ נייעם היינע געהאַט, ווען פרישמאַן זאָל געווען אין זיך לעבען און פון דער כלל־וועלט זיך בעפרייען.

אָבער ער איז אַ קעמפפער, זיין קאַמפף האָט איהם געשטערט אינגאַנצען דיכטער צו זיין,—ער האָט זיין פאָהן געטראָגען.

איך בייג זיך פאַר דעם, וואָס האָט מיט אַזאַ עקשנות און קראַפט די פאָהן פון דער ריינער ליטעראַטור געטראָגען און אין דעם לאַנגיעהריגען קאַמפף שטענדיג אַזוי איינזאַם געווען!

ידידיה מרגלית.

דוד פרישמאן.

(שטריכען).

ניט קיין פולשטענדיג בילד פון דוד פרישמאנ'ס ליטערארישער טעטיגקייט, אויך ניט קיין אבשאצונג פון דעם שלל מיט ווערק, וואס ער האט אריינגעבראכט אין דער יודישער ליטעראטור, וויל איך דא געבען; דאס איז א רייכער שטאף, וואס ווארט אויף דעם, וואס וועט פון איהם שאפען א בעזונדער ווערק. איך וועל דא נור רעדען וועגען דער גייסטיגער השפעה, וואס פרישמאן האט געהאט אויף אונזער עלטערער און גאר-יונגער יוגענד און ניט נור אויף דער יוגענד, נאר אויף דער גאנצער ליטעראטור. פארהאן אזויגע פערזענליכקייטען, וועמענס אנוועזענהייט שאפט דעם טאן פון דער געזעלשאפט, אין וועלכער זיי קומען אריין. יעדער איינער פון די געסט שפירט, אז א מענש מיט העכערע השגות, מיט פיינערע מאניערען געפינט זיך דא ניט ווייט. און דער בעוואוסטזיין, אז יעדעס ווארט, וואס ווער-עס-איז וועט זאגען, יעדע תנועה וועט ניט פארבייגעהן אונבעמערקט זיין שארפען, וויט-זעהענדיגען אויג, צווינגט יעדען איינעם זיך האלטען פיינער, לייטישער. און ניט נור די שרייבער, נאר אויך די לעזער האבען גלייך דערפיהלט דאס ערשיינען פון דעם זעלטענעם גאסט. יעדעס מאל,

ווען מיר קומט אויס צו טראַכטען וועגען פרישמאַנ׳ען, קומט מיר אַרויף אויפ׳ן זין יענער ערב־שבת אין מיין גאָר־פריהער יוגענד, ווען מיר איז אין דער האַנד אַריינגעפאַלען דוד פרישמאַנ׳ס „יזכור“ אין בן־אביגדור׳ס ספרי־אגורה. שוין ביי טאָג צווישען שיר השירים און מנחה האָב איך בעוויזען איבערצוכאַפּען די ערשטע זייטלעך פון דער נאָוועלע און גלייך אין די ערשטע שורות האָב איך דערפיהלט דעם טעם און דעם חן פון מאָרגען־טוי—און דעם גאַנצען טאָג, צווישען פערשידענע יונגעלשע, ערב־שבת׳דיגע זאָרגען, בין איך אומגעגאַנגען מיט דעם וויברירענדיגען ציטער פון אַנ׳אינסטרומענט, וועמעס סטרונעס זענען צום ערשטען מאָל בערידהרט געוואָרען. איך האָב זיך שוין דאַן נישט פערלאָזט אויף דער דיענסט, זי זאָל אָנגיסען קעראָסין אין שבת־לאָמפּ, איך האָב דאָס אַליין געטהאָן מיט דעם אָנגענעהמען בעוואוסטזיין, צו וועלכען צוועק איך טהו דאָס. דערנאָך האָב איך געשפּירט אין האַרצען דעם בעפאָרשטעהענדיגען גייסטיגען פערגניגען ביים לכה דודי אין דער ליכטיגער שוהל, ביי דער וועטשערע אין דער היים און קוים מיט אומגעדולה האָב איך זיך דערוואַרט אויף דער מינוט, ווען אַלע האָבען זיך געלעגט שלאָפען און איך בין געבליבען אויג אויף אויג מיט דעם דינינקען ביכעלע, מיט די פעטיט־אותיות. אין דער מינוט איז אַרום מיר פערשוואונדען די ווירקליכקייט און איך בין געוועזען אין דער וועלט, וואו בוימער סוד׳ען זיך איינע מיט די אַנדערע און פערצעהלען מיט זייער בלעטער־גערויש וועגען אַנ׳„ער“ מיט אַ „זי“. נאַטירליך, איז דער איינגעהויערער רושם פון דעם ווערק געלעגען נישט אין דעם ספור המעשה גופא, נאָר אין דעם ריטם פון דער שפּראַך, אין דעם זילבערנעם קוואַלריעזלען פון דעם טאָן, וועלכער לאָזט זיך נישט פערלייקענען אין קיינס פון פרישמאַנ׳ס בעלעטריסטישע ווערק, אין העברעאיש, צי יודיש, זאָל עס זיין אַ ליעד, אָדער אַנ׳אינדישע לעגענדע, אָדער אַ פראַגער מסורה. רעדענדיג וועגען פרישמאַנ׳ען נישט אין קיין בריט־בעאַרבייטען קריטישען און ליטעראַטור־היסטאָרישען ווערק, וואָס קאָן זיין צוטיילט אויף צעהנדליגע קאַפּיטלען, יעדעס קאַפּיטעל מיט אַ געוויסער זייט פון פרישמאַנ׳ס פיעלזייטיגער טעטיגקייט, קאָן מען נישט זיין מעטאָדיש. מען מוז היפּען פון איין ענין צום צווייטען. וואָרום דוה פרישמאַן, ווי יעדער גרויסער טאַלענט, איז אַ סכום פון אַ סך מענשליכע לעבענס, אַ מענש, וואָס האָט געטרונקען פון אַלע קוואַלען פון מענשליכען גייסט; און קוים איז ער אַ שריפטשטעלער,

זענען איהם אַלע ליטעראַרישע פֿאָרמען אָרגאַניש־אייגען און טאַקי דורך די פֿילזייטיגע אייגענשאַפֿטען זיינע איז זיין השפּעה פֿילזייטיג.

זעלטען וועמען פֿון אונזערע דורכשניטליכע לעזער וועט נישט פֿאָרקומען אויסטערליש, וואָס פּרישמאַן, אפשר דער פֿיינסטער סאַטיריקער אין דער יודישער ליטעראַטור, איז אין דערועלבער צייט איינער פֿון אונזערע געצעהלטע קינדער־דיכטער. דער גרעסטער טייל פֿון זיינע לידער בעט זיך אין דער חרעסטאָמאַטיע און ווען מען ליינט זיינע ביידע בענדער ערצעהלונגען, וואָס דער פֿערלאַג „פּעדאַגאָג" האָט אַרויסגעגעבען, ווילט זיך זיי פֿאָרלעזען פֿאַר דעם יונגערען ברודערל. עס איז אין זיי פֿאַראַן די תמימות פֿון דער פֿיינער, דיסציפּלינירטער נשמה, די אונגעקינסטעלטע לייכטקייט פֿון יענעם קינסטלער, וואָס גיט תמיד ווייניגער, ווי ער פֿערמאָגט, וועמעס ווערק עס קומען פֿון אונערשעפּליכע קוואַלען. אין אַזעלכע ווערק איז לחלוטין איבעריג דער צו־שאַרפֿער שטריך, די גרעלע פֿאַרב און די שווערע אַרטילעריע פֿון דעם פֿריהער־בערעכענטען פּלאַן. עס דאַרף זיין דורכזיכטיג און זאַנפֿט, ווי אַ קוועלכעל הינטער ווערבעס. אמת, אין מאַמע־לשון זענען די מעשה'לעך דערצעהלט נישט מיט דער אידעאַלער פּרישמאַנ'ישער העברעאישער שפּראַך, אָפֿט גנב'עט זיך אין זיי אַריין דער דייטשער אויסדרוק, נאָר דאָך האָט אונז פּרישמאַן איינער פֿון די ערשטע געגעבען מעשה'לעך פֿאַר קינדער אין יודיש. אַ זאַך, וועלכע מען זוכט איצט ביי אונז מיט ליכט, נישט־בעמערקענדיג, אָפֿט, וואָס עס ליגט אונטער דער האַנד. און גלייך, צוזאַמען מיט דעם ליעבען, לירישען מעשה'לעך־דערצעהלער, קומט פּרישמאַן דער זעלטענער פֿעליעטאָניסט, וועלכער האָט דער ערשטער ביי אונז אויך בעוויזען, אַז אויך פֿאַר דעם צייטונגס־אַרבייטער זענען נישט פֿערמאַכט די טהירען פֿון דער אייביגקייט, אַז אויך דאָ קאָן מען בלייבען דער קינסטלער, ווען מען איז דאָס, אַז אויך דאָ קאָן געגעבען ווערען אַזוינס, וועגען וואָס מען קאָן לאַנג נאָכדענקען, אַז אויך אין פֿעליעטאָן איז פֿאַראַן אַן אָרט פֿאַר דעם ברייטען בליק אויף וועלט און מענשען, אַז מיט וועלכע וועגען דער גאָט־געבענשטער מענש זאָל נישט געהן, וועט ער תמיד געפֿינען דאָס וואָרט, וואָס דרינגט טיעף אַריין אין אונזער האַרץ, וואָס קאָן אונז אַרומוועהען מיט די ווינטען פֿון די אוצרות היצירה.

אויף אַנ'אונגעהויערען שטח צושפּרייט זיך די גאָלד־געשטיקטע

נעץ, וואָס דאָס לעבען פון אזא מענשען, ווי פרישמאַן, וועבט אויס פאַר אונז. פרישמאַן איז ביי אונז איינער פון די בעשעפער פון דער נייער קינסטלערישער ליטעראַטור. און ווען עס וועט קומען דער געווינשטער טאָג, ווען מען וועט אויפהערען צו רעדען וועגען אַ העברעאישער און אַ יודישער ליטעראַטור, ווען עס וועט אַנטשווינדען ווערען דער „קול ענות" פון די פערקאָכטע העברעאיסטען און יודישיסטען און מען וועט זיך אַרומזעהן, אַז אונזערע ביידע ליטעראַטורען זענען איין צווילינג-בוים אויף דעם באָדען פון אונזער נאַציאָנאַלער ערוואַכונג, וועט מען אויך אַנערקענען פרישמאַנ'ס אונגעהויערע ווירקונג אויף אונזער פאָלקס-ליטעראַטור דורך זיין לאַנגיעהריגער טעטיגקייט אַלס קריטיקער אין העברעאיש און מיטלווייז אין יודיש. אַלס קריטיקער פערנעהמט פרישמאַן גאָר אַ בעזונדערען אָרט אין דער יודישער ליטעראַטור. אויב בעל-מחשבות איז דער פאָעט פון די קינסטלערישע איבערלעבונגען פון אונזער יוגענד, אויב ער איז די טרייע הייב-אַם, וואָס פערלייכטערט די געבורטס-וועהען פון דער נייער יודישער קונסט, אויב דער יונגער ש. ניגער איז דער קונציגער אויסטייטשער פון די שריפטשטעלערישע כוונות, וועלכע שטימען נישט, אָפט, מיט דער ווירקליכער אויספיהרונג, איז דוד פרישמאַן אין אונזער קריטיק דער אמת'ער מבין. דאָס איז די מבינות פון דעם מענשען מיט דער עטישער און עסטעטישער שלמות פון דער נשמה, וואָס וועט קיינמאָל קיין טעות נישט האָבען ביים בעשטימען דעם ווערטה פון אַ ווערק. איהם איז לחלוטין פרעמד די ליעבע, וועלכע פערדעקט אַלע זינד, דער רעקלאַמע-טאָן פאַר דער יודישער קונסט, איהר וועט איהם קיינמאָל נישט אָבנאַרען מיט צייטליכע פראָבלעמען, מיט פאָעטישער כראָניק, מיט פלאַכער טיעפקייט און עם-האַרצישער אונמיטעלבאַרקייט. דוד פרישמאַן ווייסט דעם סוד פון גייסטער-פערקעהר, וואָס קומט צושטאַנד נישט דורך אינטעלעקטועלע פלפולים, נאָר דורך דער געגענזייטיגער, נישט-מאַטעריעלער ווירקונג פון צוויי גייסטער.

און גראָד אין איצטיגען פעריאָד, ווען מיר האָבען דערלעבט די שניט-צייט אין דער יודישער ליטעראַטור, ווען עס ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלערער פאַר יעדען טיעפערען יודישען שרייבער און יודישען לעזער, אַז דער ווערטה פון דער יודישער ליטעראַטור ליעגט נישט אין די איינציגע גרויסע טאַלענטען אינזערע, נאָר אין דעם כלל, אין דעם חאָר, וועלכער העלפט מיט זיין קאָלעקטיווער אינטעלעקטועלער און קינסטלערישער אַרבייט, יעדער אין זיין פאַך,

יעדער אין זיין ווינקעלע, דעם געבורט פון דעם יודישען געדאנק, פון דעם יודישען ארט פיהלען,—גראד איצט דארף פאר אינז אויסוואקסען אין איהר גאנצער גרויס די פיגור פון דוד פרישמאן, וועלכער פערנעהמט אין דעם קאלעקטיוו פון דער יודישער ליטעראטור דעם ארט פון זעלבסט-קריטיק, פון אייביגע ספקות אין אונצופריעדענהייט, פון אייביגען דראנג צו שאפען דאס מאנומענטאלע, דאס אייביגע זוכען פון נייע פארמען און דאס שטענדיגע ווידערקעהרען צו די אייביגע מאטיווען פון דער מענשליכער נשמה. גראד איצט דארפען מיר פיהלען די מסירת נפש פון דעם מענשען, וואס האט געקענט נעהמען אויף זיינע פלייצעס דעם געניאלען צווייפעל, דעם געניאלען אונגלויבען אין די אייגענע קרעפטען פאר אונזער גאנצער ליטעראטור. דאס, וואס יעדער געניאלער מענש לעבט-איבער פאר זיך, האט דוד פרישמאן איבערגעלעבט פאר אונזער גאנצער ליטעראטור. בנאמנות, עס האט גארנישט געשאדט דער יודישער ליטעראטור דאס, וואס דוד פרישמאן האט געצווייפעלט אין דער געניאליטעט פון אונזערע אייניגע גדולים, וואס ער האט א ביסעל מבטל געווען אונזער יוגענד. ער האט דערמיט אפגעטהון א נויטווענדיגע, פרוכטבארע ארבייט. נור דורך גרויסע וועהען און גרויסע ספקות ווערט געבארען דאס גרויסע.

פיעלע האבען ביי פרישמאנ'ען געוואלט אבנעהמען מאנכע פון זיינע פערדיענסטען, מען האט איהם בעשולדיגט אין פרעמדע טעמעס, אין פרעמדע געדאנקען. נאר דאס איז דער אנגענומענער טעות פון דער ארדינאריטעט, וואס מיינט, אז אריגינעל הייסט יענער, וואס זויגט אליין פון אייגענעם פינגער און פונקט ווי יענער קליינשטעדטלדיגער ערפינדער פון נאדעל און פאדים, הויבט ער אן זיין קונסט פון אלף. באמת הייסט יענער אריגינעל, וועלכער קען אין זיך אסימילירען פערשידענע ווירקונגען, וואס די אויסערליכע וועלט ברענגט איהם, ווער עס קען מאכען פאר אייגען דאס, וואס איז געשאפען געווארען פאר איהם. אין דעם פרט האט פרישמאן פיעל אלגעמיינעס מיט אונזער גרויסען דיכטער י. ל. פרץ. ביי אזוינע פערזענליכקייטען, ווי דוד פרישמאן, קען מען אבנעהמען אדער אלץ, אדער גארנישט. דאס פיינע, פרישמאנ'ישע לאזט זיך נישט פערלייקענען סיי אין זיינע א סאטירע, א פעליעטאן, א מעשה'לע, א באלאדע, א קריטישען עטיוד, א ליריש ליעד, אין וועלכען ער דערהויבט זיך אפט צו דער קלאסישער גרויסארטיגקייט, סיי אין אן איבערזעצונג פון בייראנ'ס „קין" און ניטשע'ס „זאראטוסטרא".

דורך דעם לאַנגיעהריגען געוועב פון פרישמאַנ'ס ליטעראַרישער טעטיגקייט האָט זיך אויסגעאַרבייט ביי די לעזער דאָס געפיהל פון „פרישמאַנישען וועזען“, דאָס, פון וואָס עס קאָן זיך טרוימען נור איינציגע גליקליכע אין דער ליטעראַטור. ווען איינער בעקומט עס, קאָן ער אין האַרצען זיך טרייסטען מיט דעם קיהלען געפיהל פון בערוהיגונג, אַז זיין לעבענס-ווערק איז נישט אַריבער אומזיסט. פרישמאַנ'ס לעבענס-ווערק איז נישט אַריבער אומזיסט און זיין ווירקונג וועט אַזוי לאַנג דויערן, ווי די יודישע ליטעראַטור.

 וואָקאָלאָוויסק, 1914.

דוד דרוק.

תהו ובהו.

— (אַ שטריך). —

דערווייל הערט זיך צו אונזער יובילאַר, דוד פרישמאַן, צו די רעדעס, אין וועלכע מען מאַכט אַ סך-הכל פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט און מען בעטראַכט זיין אַרט שאַפען פון פערשידענע שטאַנדפונקטען. ער הערט זיך נאָך צו צו די אַפּלאָדיסמענטען פון זיינע פערעהרער. אומעטום, אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל, וואו פרישמאַן איז געלייענט געוואָרען, ווערען געמאַכט ספּעציעלע אָווענדען און מען שיקט דעם יובילאַר ווינשונגס-טעלעגראַמען. דער יובילאַר אַליין געפינט זיך נאָך יעצט אין זעהר אַ יום-טובדיגער שטימונג, ער האָט צו פיעל איבערלעבונגען און מחמת דעם פיהלט ער נאָך נישט אַזוי שטאַרק דעם תענוג פון דער פייערונג, וואָס ווערט געמאַכט לכבוד איהם. דאָס בעסטע פערגעניגען וועט זיך פאַר'ן יובילאַר אָנהויבען ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט קומען צו זיך אין דער-היים, צו זיין פרוי און קינד, און וועט, פעררויכערענדיג אַ גוטע ציגאַרע, אַליין מאַכען אַ סך-הכל פון זיין גאַנצער לאַנגער אַרבייט. יאָ, אָט ווען פרישמאַן אַליין, אַלס שריפטשטעלער און קריטיקער, וועט נעהמען מאַכען אַ שטיקעל חשבון-הנפש פון אַלצדינג, וואָס ער האָט געאַרבייט אין זיין לעבען, — אָט דעמאָלט וועט ער, לויט מיין פעסטער איבערצייגונג, ערשט

דערפיהלען דעם אמת'ען זין און אינהאלט פון דעם יובילעאום. ערשט דעמאלט וועט ער פרעהליך ווערען און א צופריעדענער שמייכעל וועט זיך פערציהען איבער זיינע ליפען. און איהר ווייסט פארוואס? גאנץ איינפאך. ער וועט דערזעהן, אז אלע זיינע ווערטער, וואס ער האט געזאגט דעמאלט, ווען ער איז ערשט ארויס אויפ'ן ליטערארישען פעלד, זענען געבליבען פריש ביז היינטיגען טאג. ער וועט דערזעהן, אז ער איז גאר ניט אלט, אז עס איז אייגענטליך גאר קיין יובילעאום ניט געווען. דאס איז סתם געווען א שמחה פון בעקאנטע, וועלכע זענען איהם געקומען ווינשען מיט זיין א נ פ א נ ג ע ן שרייבען. אה, ער איז נאך גאנץ יונג. זיין ווארט קלינגט דאך אזוי מעכטיג, אזוי שען!

יא, פרישמאן קאן דערפון זיין שטארק צופריעדען. יעדער יובילאר וואלט זיך ווינשען, אז זיינע ערשטע, גאנץ יונגע שריפטען זאלען צום יובילעאום זיין אזוי ניי און אזוי שטארק ווי אין דער צייט, ווען ער האט זיי געשריבען. דערין ליעגט דער רייץ פון דעם שריפטשטעלער און דער גלאנץ פון זיין טאלענט.

איהר בעטראכט נור. מיט 30—40 יאהר צוריק איז אין יודישען לעבען פארגעקומען א גרויסע ענדערונג. די יוגענד האט דעמאלט געשטרעבט דורכצוברעכען א באהן פאר א נייעם, ליכטיגען און פרייען לעבען. מען האט זיך מוסר-נפש געווען פאר בילדונג, מען האט געלערנט, שטודירט און אלץ מיט דעם צוועק נישט אויסצונוצען די קענטענישען פאר זיך אליין. אזוי עגאאיסטיש איז דעמאלט די יודישע יוגענד נישט געווען. אדרבא, זי האט זיך ארומגעטראגען מיט פערשיעדענע אידעאלען און איהר איינציגער טרוים איז געווען צו ראטעווען דאס „פאלק“. מען האט געשטרעבט אויפצוהויבען דאס פאלק פון דעם נידריגען מצב און איהם צו מאכען פאר א „מענשען“ מיט לייטען גלייך. דאס איז געווען די עפאכע פון אונזערע „זאפאדניקעס“. מען האט אלץ געוואלט נאכמאכען „אייראפא“. מען האט געוואלט דורכברעכען א פענסטער צו דער אייראפעאישער קולטור, וועלכע האט דעמאלט ווירקליך געלויכטען איבער דער וועלט.

זעלבסטפערשטענדליך, אז הויפטזעכליך האט זיך מיט דער וויכטיגער אויפגאבע בעשעפטיגט די יודישע ליטעראטור. מען האט געשריבען ביכער, מען האט ארויסגעגעבען זשורנאלען, צייטונגען, מען האט קריטיקירט און אויסגעלאכט די אלטע לעבענס-פארמען און

אין דערוועלבער צייט אָנגעוויזען אויף אַ נייעם, שענערען לעבען.

די דאָזיגע צייט האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. באַלד זענען אַרויסגעשפרונגען אויף דער ווייסער וועלט אַ גאַנצע רייהע בטלנים, פאַנטאַזיאָרען און פראַזיאָרען, וועלכע האָבען פערטומעלט דעם קאָפּ פון דעם געוועהנליכען יודישען לעזער. אָנשטאָט צו רעדען מיט איהם קלאָרע דבורים און איהם אויפצוקלערען, אויסצובילדען, האָט מען מיט איהם אָנגעהויבען רעדען אַזעלכע קוואַדי-פילאָזאָפיעס און נאַרישקייטען, אַז ער איז אינגאַנצען פערדאָרבען געוואָרען. טאָמער האָט מען געזעהן, אַז ביי „זיי", ביי די גוים רעדט מען עפּיס וועגען „הויכע זאַכען", איז עס באַלד געוואָרען אַ שטיקעל סחורה אויך ביי אינז. עס האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען שיטען אין די דעמאָלטיגע זשורנאַלען און בעזונדערס אין דעמאָלטיגען „המליץ" פיעל „מאמרים", וואָס לא-די, וואָס זיי האָבען נישט געהאַט קיין טעם און קיין ריח, אָהן גייסט און אָהן טאַלענט, זענען זיי סתם געוועזען פּוסט, אָהן אַ אינהאַלט, נור בלויז קנאַקעדיגע מליצות. בכלל איז דעמאָלט געוועזען אַ מאָדע צו שרייבען בלויז „מליצות", אָנהייפען שענע פסוקים פון תנ"ך, הגם זיי זאָבען איינער מיט דעם אַנדערען נישט דעם מינדעסטען צוזאַמענהאַנג. מען האָט געזעהן, אַז דער שרייבער שרייבט דעם אַרטיקעל נישט דערפאַר, ווייל איהם אינטערעסירט די „פראַגע", נאָר פשוט, ווייל ער האָט געדאַרפט אויסברענגען אַ רעכטע פּאָרציע מליצות, וועלכע ער האָט אין דער לעצטער צייט ערפינדען. דער אַרטיקעל איז קיין אַרטיקעל נישט געוועזען, דער פעליעטאָן איז קיין פעליעטאָן נישט געוועזען.

די פובליציסטען און זשורנאַליסטען זענען, מיט איניגע אויסנאַהמען, געשטאַנען זעהר אויף אַ נידריגע מדרגה. מען האָט גערעדט וועגען „הויכע מאַטעריעס" מיט הויכע פראַזען און נישט מעהר.

די ליטעראַטור איז דעמאָלט בעהערשט געוואָרען דורך דער פראַזע, און ווער נור עס האָט געהאַט אַ פען, האָט געשריבען. אמת, עס זענען צווישען די דעמאָלטיגע שרייבער געוועזען געבילדעטע לייט. נאָר איינס צום צווייטען האָט נישט. מיט בילדונג אַליין קאָן מען נאָך קיין שריפטשטעלער נישט ווערען. דערצו דאַרף מען האָבען גייסט, טאַלענט, פעהיגקייטען. פון וואַנען זאָל מען דאָס אָבער נעהמען, אַז גאָט האָט זיי נישט געוואָלט בעשענקען דערמיט?

געגען אָט דעם מיש-מאַש, געגען דער אינאָרדנונג, געגען אָט דער הפקרות אין אינזער ליטעראַטור איז דעמאָלט שאַרף אַרויסגעטראָטען דוד פרישמאַן. פרישמאַן האָט זיך דעמאָלט געשטעלט

אַלס קעמפּפער פאַר'ן אינהאַלט. איינמאָל פאַר אַלע־מאָל. עס מוז אויסגעוואָרצעלט ווערען די פּראָזע, די פּוסטקייט אין דער ליטעראַטור. פון אַזעלכע פערזאָנען וועט געשאַפען ווערען אַ יודישע ליטעראַטור? אָה, ניין! קומט איינער צום פאָלק מיט אַ וואָרט, וויל איינער שרייבען — דאַרף ער עפּיס זאָגען. ער דאַרף רעדען פּראָסט, קלאָר און מיט שכל, ווי אַ מענש דאַרף רעדען. די פּלוידעריי מוז פערשווינדען! און עס איז דעריבער ווערטה צו באַמערקען, אַז פון דעם ערשטען טאָג, וואָס פרישמאַן איז אַרויסגעטראָטען אין דער ליטעראַטור, ביז היינטיגען טאָג שטעלט ער זיך אַליין אין דער לאַגע פון „אַ פּשוט'ן מענשען", וואָס ווייסט נישט פון קיין „איבערגעשפּיצטע" פּראַזען, נאָר וואָס ליעבט אַנ'אָפּען אין קלוג וואָרט...

ער איז אַרויסגעטראָטען געגען צעדערבוים'ען, געגען ש"י איש הורוויץ, געגען פיעל גרעסערע און קלענערע ליטעראַטען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר געטער און גערעדט צום פאָלק פון באַרג סיני, דערצו נישט מיט פּראָסטע דבורים, נאָר מיט אַזעלכע ווערטער, וועלכע קיין מענש האָט נישט פערשטאַנען, וואָס זיי ווילען. ער איז אַרויסגעטראָטען געגען די אַלטע קינסטלער פון יענעם מין, וואָס ווייסען נור צו קרעכצען און צו זיפצען אויפ'ן כלל־ישראל און פיהרען־אויס מיט אַ „מוסר־השכל"; למשל, ווי יהל"ל, וועלכער האָט געשריבען ליעבע־ליעדער און האָט דערביי תיכף ערקלערט, אַז ער האָט חס־וחלילה קיינמאָל נישט ליעב געהאַט אַ מיידעל... ער איז אַרויסגעטרעטען געגען פּרץ סמאָלענסקי'ן, געגען שערעשעווסקי'ן. מען מוז מודה זיין, אַז אין זיינע אַרויסטרעטונגען געגען די דעמאָלטיגע „ליטעראַרישע בערען" האָט ער אפשר אַמאָל אויסגעגאָסען צופיעל גיפט. נאָר ווען מיר דערמאָהנען זיך אָן יענער הפקר־צייט, איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס אַזאַ טאַלענטפולער יונגערמאַן, פול פייער און ענערגיע, האָט אַמאָל ווירקליך אַריבערגעחאַפּט די מאָס.

פון יענע טעג אָן איז פרישמאַן געוואָרען אין דער יודישער ליטעראַרישער וועלט דער קעמפּפער פאַר'ן אינהאַלט. נאָר מיט'ן פאָדערן אַליין האָט ער נישט יוצא געווען זיין חוב. ער אַליין האָט אָנגעהויבען ווייזען אַ מוסטער, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבען. ער האָט באַוויזען, אַז מען קאָן אָנשרייבען פיעל אינטערעסאַנטע געדאַנקען, נישט אָנווענדענדיג דערביי קיין שום איבריגע מליצה, וועלכע זאָל נישט האָבען קיין דירעקטע שייכות צו

דער זאך. יא, בענוצען זיך מיט א שען ווארט איז נישט קיין אומגליק. דאס פערשענערט נאך דעם אינהאלט. דאס מאכט אנגענעהם צו ליינען. נאר אלס א זאך אן אין פאר־זיך טאר דאס קיינמאל נישט געברויכט ווערען. אלס א מענש מיט א פיינעם ראפינירטען געשמאק, האט דוד פרישמאן געוויזען יענע שרייבער, ווי איינפאך מען קאן איבערגעבען די בעסטע געדאנקען אין דערביי שרייבען שען אויך. דען אויסער, וואס פרישמאן האט אלעמאל געשריבען אינהאלטספולע זאכען, האט ער זיי אויך געשריבען שען, אין א פראכטפולער זאפטיגער שפראך. איהר האט מסתמא בעמערקט. פרישמאן בראקירט קיינמאל נישט מיט קיין טעמא'ס. ער קאן אייך שרייבען א פעליעטאן וועגען „טאנגא", וועגען „דאמען־הויזען", וועגען נייע „פריזורען"—וועגען אלץ, וואס אינטערעסירט היינט דאס פובליקום. און אט אויך אפילו אין אזעלכע „לייכטזיניגע" טעמא'ס זאגט ער שטענדיג ארויס א שענעם געדאנק, א שענעם וויץ. פרישמאן איז אייך שטענדיג אינטערעסאנט. אין דאס איז אויך דערפאר, וואס זיין ארט שרייבען, זיין סטיל איז אנאייגענארטיגער. אין פעליעטאן האט פרישמאן קיין קאנקורענט נישט. ער רעדט מיט אייך גאנץ געמיטליך, פונקט ווי איהר וואלט זיצען מיט איהם פערברענגענדיג ביי א גלאז טהיי.

פרישמאן האט אלזא שוין מיט זיינע ערשטע ארויסטרעטונגען נישט נור אנגעהויבען צו צושטערען, אויסצוראטען דאס פוילע און מאוס'ע, וואס האט גענערשט אין דער ליטעראטור אין לעבען, נישט נור אויסצורייסען מיט'ן ווארצעל אלץ, וואס טראגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון שימעל און בטלנות, נאר אויך צו בויען. ער האט אנגעהויבען לערנען דעם עולם, ווי אזוי מען זאל שרייבען ווי מענשען, ווי אזוי מען זאל קוקען אויף שרייבער, ווי אזוי מען זאל דיכטען, ווי אזוי מען זאל זיך בעציהען צו קינסטלער און צו קונסט. פרישמאן פערמאגט טאקי א סך גיפט. נאר מיט דעם גיפט האט ער קיינעם קיין שאדען נישט געטהון. זיין גיפט איז שטענדיג פערוועגדעט געווארען אויסצוקורירען דעם קראנקען יודישען ארגאניזמוס, אויסצוברענען דאס ווילד־פלייש, וואס איז אנגעוואקסען געווארען אויף דעם יודישען קערפער. פרישמאנ'ס ציעל איז שטענדיג געוועזען, אז די ליטעראטור זאל ארויסווארפען פון זיך די פאלשע מאסקע. זי מיז ווערען עכט. נישטא קיין געמאכטע, געקינסטעלטע זאכען. איז עס קונסט—דארף דאס זיין עכט. איז דאס א „מאמר" — דארף ער עפיס זאגען. איז געטהון — דארף עס

זיין געטהון. אָבער עס טאָר בשום אופן נישט קומען צו אַזאַ לאַגע, אַז דאָס טהון זאָל זיין האַלב און די קונסט זאָל זיין האַלב. האַלבע זאַכען רופען שטענדיג ביי איהם אַרויס אַנ׳עקעל. און טאַקי דערמיט קאָן מען ערקלערען דעם פאַקט, וואָס פרישמאַן איז געווען אַ „שונא" פון די „חובבי־ציון" און איז נאָך יעצט נישט קיין אָפיציעלער אָנהענגער פונ׳ם ציוניזמוס. ער האָט פשוט נישט געקאָנט צוזעהן, ווי די מענשען שטיהען טאָג און נאַכט און האַלטען דרשות און רעדען „הויכע מליצות" און פרובען נישט צו טהון עפּיס באמת ממשות׳דיגס.

פון יענער צייט אָן, ווען פרישמאַן האָט אָנגעהויבען פיהרען זיין קאַמפף געגען דער דאָזיגער הפקרות, געגען דעם אַזוי גערופענעם תוהו־ובוהו אין דער יודישער ליטעראַטור, זענען שוין אַוועק ב״ה אַנערך פון 30 יאָהר. דאָס איז, דאַכט זיך, אַ גאַנץ היבשע פעריאָד. און זעהט אַ וואונדער — ער איז געבליבען יונג! איהר פרובט יעצט אַ בלעטער טהון די שריפטען פון זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען און אַייך דוכט זיך, אַז ער האָט זיי ערשט נעכטען אָנגעשריבען און געמיינט האָט ער עס נישט די שערעשעווסקי׳ס, יהל״ל׳ס און צעדערבוימ׳ס, נאָר עפּיס היינטיגע, אונזערע רעדעל־פיהרער, וועלכע לעבען אין אונזער צייט... עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז אינ׳ם משך פון די 30 יאָהר איז לחלוטין נישט פאָרגעקומען קיין שום ענדערונג אין אונזער ליטעראַטור. האָבען דאָך טאַקי פרישמאַנ׳ס אַרויסטרעטונגען ביז היינטיגען טאָג נישט פערלאָרען זייער שאַרפקייט.

איז דאָס אָבער ווירקליך אַזוי?

צום בעדויערן מוזען מיר אָנערקענען, אַז נישט נור עס איז קיין ענדערונג פון דעמאָלט ביז היינט נישט פאָרגעקומען, נאָר עס איז נאָך מיט פיעל מדרגות ערגער געוואָרען.

פרישמאַנ׳ס יובילעאום דערמאָהנט אונז יעצט, אַז מיר זענען פערגליווערט געוואָרען אויף אַ גאַנצען דריטעל יאָהרהונדערט. העכער דרייסיג יאָהר שטעהען מיר אויף איין אָרט, אין אַ זומפּ, און קאָנען זיך בשום אופן נישט בעפרייען.

און ווען מיר לייענען יעצט דאָס, וואָס פרישמאַן האָט געשריבען וועגען דערזעלבער אַנאַרכיע מיט דרייסיג יאָהר צוריק (דעמזעלבען קאַמפף האָט ער, אַגב, נישט אויפגעהערט ביז היינט!), זעהען מיר, אַז ער איז געבליבען יונג און פריש, ווי געווען. זיינע

אַלטע ווערק זענען נישט געבליבן „היסטאָריע“, ווי דאָס טרעפט ביי אַ סך גאַנץ גרויסע שריפטשטעלער. פרישמאַן האָט געשריבן נישט נור פאַר זיין צייט, נאָר אויך פאַר אונז. קיין בעסערע בע־פרידיגונג פאַר אַ שריפטשטעלער קאָן שוין נישט זיין. און צו־פרידען דערפון זענען מיר אויך, — מיר, פשוט׳ע לעזער, פאַר וועלכע פרישמאַן האָט אַלעמאָל אַזוי ערליך געקעמפפט...

מ. ספּעקטאָר.

די ערשטע בעקאַנטשאַפט.

עס איז שוין אַזוי פון תמיד־אָן, אַז יעדער בּענקט נאָך דער צייט פון זיינע יונגע יאָהרען. געוויס איז עס דערפאַר, וואָס מען איז געוועזן יונג, געזונד, שטאַרק און מען האָט געגלויבּט, אַז מען קאָן איבּערמאַכען און בעשאַפען גאַנצע וועלטען, און דעריבּער האָט יעדער ליעב צו לויבּען די צייט פון זיין יוגענד, וועלכע מען רופט געוועהנליך אָן „אַמאָליגע גוטע יאָהרען“, און מען בּענקט נאָך דער דאָזיגער טייערער ליעבּער צייט.

און אויך מיר בּענקט זיך נאָך מיינע אַמאָליגע גוטע יאָהרען, ווען איך בּין יונג געוועזן, און איך קאָן וועגען יענער „גאָלדענער צייט“ אויך זאָגען:

„Были люди подъ Полтавой!“

יאָ, עס זענען דאַמאָלסט געוועזן מענשען—קאָן איך זאָגען.

די דאַמאָלדיגע יודישע יוגענד האָט אַסך געלערנט און נאָך מעהר געליינט.

און געליינט האָט מען דאָס בּעסטע, וואָס עס האָט זיך געפונען אין דער רוסישער און אין דער איוראָפּעאישער ליטעראַטור; די יודישע יוגענד האָט ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסען פון בולווארנע ראָמאַנען און סענסאַציע־בּיכער.

יעדער אינטעליגענטער און האַלב־אינטעליגענטער יודישער יונגערמאַן האָט געמוזט איבּערליינען פון דער רוסישער ליטעראַטור—טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, שטשעדרין, טאָלסטאָי, בּעלינסקי, פּיסאַריעוו, דאָבּראָליובּאָוו און מיכיילאָווסקי.

און פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור: שעקספּיר, דיקענס, וויקטאָר הוגאָ, לעסינג, געטהע, היינע און בערנע.

די דאָזיגע ווערק זענען געווען דער אַלף־בית פאַר יעדען אַמאָליגען יונגען מאַן, אָהן וועלכעס מען האָט ניט געקאָנט קומען אין געזעלשאַפט.

פיעל פון די דערמאָהנטע ווערק האָט מען כמעט געקענט אויסווענדיג, און ווען מען איז זיך צוזאַמענגעקומען אין געזעלשאַפט, האָט מען גערעדט וועגען ליטעראַטור, קונסט און פילאָזאָפיע, דערמאָהנענדיג דערביי די נעמען פון די אויטאָרען.

דאָס איז אין יענע צייטען געווען דער טאָן, די מאָדע פון יעדען אָנשטענדיגען מענשען אין געזעלשאַפט.

צוויי מענשען, ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט אין אַ אינטעליגענט הויז, האָט זיך זייער שמועס באַלד אָנגעהויבען וועגען ליטעראַטור. אַפילו חתן־כלה, ווען זיי האָבען זיך דאָס ערשטע מאָל „אָנגעקוקט“, האָט מען געמוזט אָנהויבען „קנאַקען“ וועגען שעקספּיר'ן. אָדער וועגען היינע און בערנע.

עס איז דאַן געווען אַ צייט פון אידעאַלען, און יעדער האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט זיי, געגלויבט, געהאָפט און געחלומט. לערנט, מען לייענט און מען איז אַ „אינטעליגענט“...

דעם אינטעליגענטען מענשען איז ניט געווען לאַנגווייליג, ווי איצט, דאָס לעבען איז געווען פול מיט אינטערעס און גוטע האָפנונג. יעדען אינטעליגענט האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער טהוט עפּיס און ברענגט נוצען דער וועלט, אַפילו שוין נור דערמיט, וואָס מען לערנט, מען לייענט און מען איז אַ „אינטעליגענט“...

צווישען די קרייזלעך און אין געזעלשאַפט איז שטענדיג געווען גאַנץ לעבעדיג. מען האָט ניט געגעהניצט אין געשוויגען; עס איז געווען פון וואָס צו רעדען און פון וואָס צו אַמפּערן זיך, און מען האָט געפיהלט, אַז מען לעבט.

אַזעלכע אינטעליגענטע קרייזלעך, וואו מען איז זיך צוזאַמענגעקומען און גוט פערבראַכט, זענען געווען סיי אין דער פּראָווינץ, אין די קליינע שטעדטלעך, און סיי אין די גרויסע שטעדט.

איינס פון אַזעלכע קרייזלעך אין פּעטערבורג, וואו מען איז זיך צוזאַמענגעקומען, איז געווען דאָס הויז פונ'ם געוויסען העברעאישען פּאָעט קאָנסטאַנטין שפּירא, אָדער ווי ער פלעגט זיך אונטערשרייבען אונטער זיינע שירים מיט זיין יודישען נאָמען: אַבא שפּירא.

אין זיין הויז, דערהויפּט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, פלעגען

זיך אַ פּאָר מאָל אין חודש צוזאַמענקומען איינגע פין דער יודישער אינטעליגענץ, דערהויפּט זשורנאַליסטען, קינסטלער, ליטעראַטען און אַזעלכע, וואָס האָבען אַ שייכות צו ליטעראַטור און קונסט.

אין דעם הויז פלעגט מען אָפט בעגעגענען אויך קריסטען, נאָר דאָס רוב איז די געזעלשאַפט בעשטאַנען פון יודען.

די הויפּט-טעמאַ, פון וואָס מען פלעגט אויף די דאָזיגע אָוועגדען רעדען, איז, נאַטירליך, געווען וועגען קונסט און ליטעראַטור, וועגען דער פּרעסע און וועגען טעאַטער.

מען קאָן זאָגען, אַז עס איז ניט געווען קיין איינציגער יודישער קינסטלער, פּאָעט, ליטעראַט, זשורנאַליסט אין געלעהרטער, וואָס האָט געוואוינט אין פּעטערבורג אָדער געקומען פין דער פּראָווינץ, ער זאָל ניט בעזוכען שפּיראָ'ס הויז און דאָרטען ניט פערברענגען אַ אָוונד אין דער געזעלשאַפט פון דעם גאַסטפריינדליכען בעל-הבית, וואָס איז בכלל געווען זעהר אַ אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט.

איינמאָל אין אַזאַ אָוונד אין שפּיראָ'ס הויז, בין איך געזעסען צווישען אַ קרייזעל יונגעלייט און פריילינס אָבגעזונדערט אין אַ ווינקעל און מיר האָבען אַלע גערעדט, פערשטעהט זיך, וועגען ליטעראַטור, ווי די מאָדע איז דאַן געווען, ווען יונגוואַרג זענען זיך צוזאַמענגעקומען.

מען האָט „געהאַקט" וועגען טורגעניעוו'ן, דאָסטאָיעווסקי'ן, וועגען שעקספּיר'ן און היינע מיט בערנע, און פון וועמען ניט?

און ווי דער שטייגער איז, האָט מען געאַמפּערט צווישען זיך. יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגען דעם אין דעם ווערק אָדער דראַמע, דער האָט געזאָגט אַזוי און דער צווייטער פּונקט פערקעהרט.

און מען האָט דעם דאָזיגען ליטעראַרישען שמועס געפיהרט אַזוי ערנסט, מיט אַזוי פיעל ברען און פייער, אין מיט אַזוי פיעל איבערצייגונג, אַז עס האָט אויסגעוויזען, אַז מיר מאַכען גליקליך די וועלט מיט אונזערע געשפּרעכען, ווי מיר, די אַמאָליגע יוגענד, האָבען באמת געגלויבט, אַז ווייבאַלד מיר וויסען און פערשטעהען ווי צו פיהרען אַזעלכע שענע ליטעראַרישע געשפּרעכען, זענען מיר דאָס געווים די אינטעליגענץ, די אמת'ע סמעטענע פון יודישען פאָלק.

פּלוצים, אין סאַמע ברען פון אינער געשפּרעך, קומט-צו

קאָנסטאַנטין שפּיראָ צוזאַמען מיט אַ בלאַסען יונגען־מאַן און שטעלט אונז פאָר:

— דוד פרישמאַן, דער באַוואוסטער העברעאישער שריפטשטעלער און פּאָעט, וועלכען מען האָט אויסגעשריבען קיין פּעטערבורג אין דער רעדאַקציע „היום“.

און קוקענדיג אויף דעם ביז יעצט פון קיינעם ניט־באַמערקטען יונגען־מאַנטשיק, האָט אונז קאָמיש געקלונגען אין די אויערען דאָס וואָרט „באַוואוסטער“: אַזוי יונג און שוין „באַוואוסט“!

פרישמאַן האָט עפּיס אַ מורמעל געטהון אונטער דער נאָז, וואָס קיינער האָט ניט געהערט, אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ, אַ קוק געטהון אויף אונז און באַלד זיך ווייטער געגאַנגען.

אונזער קליינער קאָמפּאַניע איז דער נייער באַקאַנטער באַלד ניט געפעלען. עפּיס האָט אינז יעדען פערדראָסען, וואָס אַ יונגערמאַנטשיק, ערגעץ פון אַ שטעדטעל אין פּוילען, קומט צו אינז אין דעם גרויסען פּעטערבורג און קוקט אויף אינז, „סטאָליטשנע מענשען“, מיט אַזאַ גדלות!

מיר האָבען ווייטער געפיהרט אונזערע געשפּרעכען.

פּלוצים שטעלט זיך אָב נעבען אינזער קאָמפּאַניע פרישמאַן און הערט זיך צו וואָס מיר רעדען, און ווי ער דערהערט פון איינעם פון אונז דערמאָהנענדיג דעם נאָמען שעקספּיר, האָט זיך פרישמאַן אָנגערופען:

— זאָגט נור, איך בעט אייך, ווער איז דער דאָזיגער שעקספּיר, וועגען וועלכען איהר רעדט דאָ?...

די דאָזיגע ווערטער האָט פרישמאַן אַרויסגערעדט שטיל און רוהיג, ווי די טריט פון אַ קעצעלע, אַז מען האָט קוים געקאָנט באַמערקען אַ גרינג בייסענדיג שמייכעלע אויף זיינע ליפּען.

יעדער האָט באַלד פערשטאַנען די טיעף־בייסענדע ווערטער פון זיין פראַגע, ווייל יעדער האָט גוט געוואוסט, אַז דוד פרישמאַן איז גראַדע פון די ליטעראַטען, וואָס קען אפשר שעקספּיר'ן אויסווענינג, און דאָ אַזאַ שפּאָטיש־בייסענדיג אויסלאַכען.

אַפילו דעם קלוגען שפּירא, וואָס האָט פאַר אַ גוטען וויץ אַלץ מוחל געווען, דערהערענדיג אַזאַ פראַגע פון פרישמאַנ'ס מויל, איז עס אויך געווען פערדראָסיג.

אָבער קיינער האָט פרישמאַנ'ען אויף דער פראַגע ניט אָבגעענטפערט, אַלס אַ גאַסט, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו שפּיראָ'ן אין הויז.

מען האָט איהם אָבגעשוויגען, אָבער מיר האָבען אַלע שוין געקענט דעם שריפטשטעלער דוד פרישמאַן...

*

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ צייט און מיר האָבען זיך אין פּעטערבורג מעהר בעקענט מיט פרישמאַנ'ען, און דאַן האָבען מיר פערשטאַנען, אַז מיט זיין ביסענדיגער פראַגע: „ווער איז דער דאָזיגער שעקספּיר?" האָט ער ניט געמיינט וועמען עס איז צו בעליידיגען אָדער אויסצולאַכען; דוד פרישמאַן געהער בכלל ניט צו די. ער זאָל וועמען עס איז בעליידיגען אָדער אָבשפּעטען, נאָר מיט זיין פראַגע: „ווער איז דער דאָזיגער שעקספּיר?" האָט ער עס געלאַכט ניט פון קיין איינציגער פערזאָן, ער האָט געלאַכט פון יענער צייט, פון יענער יודישער אינטעליגענץ מיט זייער „השכלה"; ער האָט געלאַכט פון זייער צופרידענהייט און פון זייער גלויבען, אַז מיט דעם, וואָס זיי לייענען איבער די איראָפּעאישע קלאַסיקער, זענען זיי שוין אינטעליגענטען און מאַכען גליקליך דאָס יודישע פאָלק.

דוד פרישמאַן האָט דאַן געלאַכט, אַזוי ווי ער לאַכט, זינט ער האָט גענומען די פעדער אין האַנד ביז היינטיגען טאָג.

דוד פרישמאַן האָט שטענדיג געלאַכט, צוזעהענדיג דאָס אומגעלומפּערטע יודישע לעבען...

דוד פרישמאַן האָט אין אַלע צייטען געלאַכט, אין זיינע סקיצען, פעליעטאָנען, שירים און אין זיינע קריטישע אַרטיקלען, אָבער זיין לאַכען איז שטענדיג אַ ערנסטליך לאַכען, און פרישמאַנ'ס פעדער, זייט ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל גענומען אין דער האַנד, ביז היינטיגען טאָג, איז פון די געצעהלטע ערנסטע פעדערס אין אונזער ליטעראַטור.

שלום-עליכם.

פרישמאַן צו-גאַסט ביי שלום-עליכם'ן.

אַ פּאָר עפּיזאָדלעך

בעשריבען פון שלום-עליכם.

דאָס איז געוועזען שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג. מיר ביידע, ניט איך ניט פרישמאַן, האָבען נאָך אַפילו נישט געחלומ'ט פון יובילעאומס...

פערזענליך האָבען מיר זיך נישט געקענט. נאָר גוטע פריינד זענען מיר געוועזען, אוהבים נאמנים, געשריבען זיך איינס דאָס אַנדערע בריוולעך, „ידידי יקירי"-בריוולעך, און געצויגען, געצויגען איינס צו דאָס אַנדערע, ווי ס'איז גאַנץ נאַטירליך ביי יונגע שרייבערס.

נאָר ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער, אַז מע איז צעוואָרפען—איינער אין קיעוו, דער אַנדערער אין ווארשא—אַ פאָלג מיך אַ גאַנג!

נאָר ס'איז אַ תירוץ?—אוהבים נאמנים!...

בקצור—פרישמאַן איז געקומען קיין קיעוו צו-גאַסט צו שלום-עליכם'ן.

געקומען פרישמאַן!

פערשטעהט זיך, אַרויסגעפאָהרען אויפ'ן וואָקזאַל בעגעגענען פרישמאַנ'ען געבראַכט פרישמאַנ'ען גלייך צו זיך אַהיים, איהם אָפּגעטרעטען אַ גאַנצען אַפּאַרטאַמענט—גוטע צייטען געוועזען—זיי וועלען זיך שוין נישט אומקערען מעהר...

ווי אַזוי מע האָט פערבראַכט די צייט—בעדאַרפט איהר נישט פרעגען. ביידע געווען יונג, ביידע פריש, ביידע פריילוך און ביידען האָט געשפּאַרט—לאַכען האָט זיך געוואָלט, לאַכען!

איך וועל נישט דערצעהלען פון די געלעכטערען, וואָס זענען געווען אין שטוב, אין גאַס, אין טהעאַטער. דאָס זענען געווען אָפּשניצלעך פון צוויי קונדייסים, וואָס האָבען זיך לאַנג־לאַנג געצויגען איינס צו דאָס אַנדערע און גאָט האָט זיי געהאָלפען—חברה האָבען זיך „צענויפגעסקאָמפּאַניעט". מע האָט געשריבען פּאַראָדיעס אויף זיך אליין אינ'ם געשטאַלט פון „אופיר":

„גאָלד און זילבער און בּאַרליאַנטען"—און מע האָט געלאַכט.

מע איז געגאַנגען אין גאַס אין מע האָט געקאָפּירט בעקאַנטע פּאַרשוינען—געוויינטליך ליטעראַטען—און מע האָט געלאַכט.

מע איז געקומען אין טהעאַטער, אין דער אָפּערע, גאַנץ אויבען־אָן אין אַ לאָזשע־בענואַר, האָט זיך דער גאַסט אַוועקגעזעצט דווקא מיט'ן פּנים צו דער טיר און אָפּגעזעסען אַזוי אַלע פיער אַקטען—און מע האָט געלאַכט.

געווען גוטע יאָהרען—זיי וועלען זיך שוין נישט אומקערען מעהר, און ניט פון דעם וויל איך אייך דערצעהלען.

איך וועל אייך דערצעהלען נאָר אַ פּאָר עפּיזאָדלעך פון יענער צייט.

עפּיזאָדעל נומער איינס.

ווי באַלד פרישמאַן איז געקומען, נאָך אי'פ'ן וואָקזאַל, האָט ער אויסגענומען מיט מיר אַ תּנאַי (אָדער איז דאָס געווען מיינער אַנאיינפאַל?): אינקאָגניטאָ—די „חכמי קיעוו" דאַרפען נישט וויסען, אַז ער איז פרישמאַן.

די „חכמי קיעוו"—דאָס איז געווען אַ בינטעל אידישע שרייבער, צווישען זיי גאַנץ בעריהמטע. צווישען זיי אייך גאַנץ קליינינקע.

דאָרט זענען געווען: משה אַהרן שאַצקעס, יהל"ל, יצחק יעקב ווייסבערג, דובזעוויטש, דאַרעווסקי—אין נאָך גאָר קליינינקע.

דער גרעסטער טייל פון זיי פלעגען זיין ביי מיר אָפטע געסט און פון זיי האָט זיך עם פרישמאַן דווקא געוואָלט אויסבעהאַלטען.

וואָס־זשע טהוט גאָט?—טראָגט עס אָן איינעם פון זיי צו מיר אַקוראַט דעמאָלט, ווען פרישמאַן זיצט, און עס ווערט אַ שמוס—געוויינטליך וועגען ליטעראַטור און געוויינטליך וועגען קריטיקער,

„אונזערע קריטיקער"—און אונזערע קריטיקער—דאס איז געווען פרישמאן און נאך אמאל פרישמאן און ווידער אמאל פרישמאן.

איך געדענק שוין ניט אקוראט, צי פרישמאן האט שטארק אנגערירט ערגיץ אין א פעליעטאן אט דעם נפש, צי ניט שטארק, צי גלאט אין א בריעף איהם אנגערירט דעם כבוד,—נאר וואס דער פארשוין האט אויסגערעדט אויף דעם פרישמאנ'ען! אש האט ער פון איהם געמאכט: עפר ואפר! מיט דער בלאטע גלייך!—גאר ניט שייך צו זאגען! פרישמאן האט זיך נאכגעפרעגט אויף פרישמאנ'ען און יענער האט נישט אויפגעהערט צו שיטען פעך און שוועבעל אויף פרישמאנ'ען!

נאך מעהר קוינץ: מיר דאכט, אז אט דער איד האט מיט א קורצע צייט פריהער פאר דעם אדער אין דערזעלביגער צייט טאקי געהאט געשריבען צום זעלביגען פרישמאנ'ען „לכבוד-בריחלעך" מיט אזעלכע טיטלען און מיט אזוינע קאמפלימענטען, אז ביים גרעסטען ענו קאן זיך דער קאפ פערדרעהען!... די געלעכטערען, וואס זענען דעמאלט געווען אין קיעוו נאכדעם, אז דער נפש איז אזוי, האט מען בעדארפט הערען, מיין איך, אין ווארשא.

צום מעהרסטען האט געלאכט, נאטירליך, פרישמאן אליין!

* *
*

עפיזאדעל נומער צוויי.

„מחברים" פלעגען אפט, זעהר אפט קומען צו מיר אין שטוב.

איך רעד פון דעם מין „מחברים", וואס שרייבען און שרייבען און קיינער דרוקט זיי ניט.

איינער אזא מחבר האט זיך מיר אמאל געקלאגט אויף צעדערבוימ'ען: „וואס איז דאס פאר א מין רעדאקטאר אט דער צעדערבוים, וואס איך שרייב איהם און שרייב און ער דרוקט ניט! איך שרייב—און ער דרוקט ניט!..."

א ראמאן האט ער געבראכט צופיהרען, פון א קליין שטעדטעל אין פאלטאווער גובערניע, און וויל צוויי זאכען: ערשטענס, מיר ביידע, איך און פרישמאן, זאלען איהם איבערלייענען פון אנהויב ביז'ן סוף.

דאס הייסט ניט חלילה מיר זאלען לייענען. ניין! לייענען וועט ער און מיר'ן איהם הארכען.

איז איין מאל אוועק. והשנית — מיר זאלען איהם דרוקען. דאס הייסט ניט דעם מחבר — דעם ראמאן זאלען מיר דרוקען.

ווי אזוי מיר ווילען — אין א צייטונג, א זשורנאל, א בוך — ס'ארט איהם ניט וואו, אבי דרוקען.

ער וויל זעהר, אז זיין ראמאן זאל זיין געדרוקט.

הכלל — וואס טהוט מען דא? דארף מען זיך אוועקזעצען, הייסט עס, און הארכען ווי ער וועט לייענען.

פערדרויכערט צו ציגארען, אוועקגעזעצט זיך גאנץ בעקוועם אין וויג־שטולען, דעם מחבר אויבען־אן ביים טיש מיט'ן פעקעל כתבים — א היבש פעקעל — דריי גרויסע גראבע געדיכטע „טעטראדען"־ביכער!

ניין, איך וועל אייך ניט דערצעהלען, וואס דער מחבר האט אונז געלייענט.

דאס איז געווען א ראמאן „אין דריי טילען" אויפ'ן שניט פון שמ"ר; בעזאלצען מיט הומאר און בעפעפערט מיט „סאטיריקא"...

נאר דער גאנצער אנטיק האט געשטעקט אין דעם, ווי אזוי דער מחבר האט געלייענט זיין ווערק, ווי אזוי ער האט בעטאנט, געקוועטשט, בעשמעקט איטליכעם ווארט בעזונדער, געמאכט מיט די הענד און מיט אלע אברים, אנגעקוואלען, געשעפט תענוג, ממש געוואקסען פאר נחת, אליין געלעקט פון זיך די פינגער, ווי א מענטש קאן נעהמען אין אזעלכעם אנשרייבען מיט א פראסטער פען, מיט שווארצע טינט אויף ווייס פאפיער!...

בעדארף מען נאך אייך דערצעהלען, וואס פון אונז בריידען איז געווארען, אז מיר האבען נאך די ערשטע עטליכע פראזען געגעבען א קוק איינס אויף דאס אנדערע? ברוין און בלוי און אלערליי קאלירען — נאך א מינוט און מיר וואלטען געווען אדער דערשטיקט געווארען אויפ'ן ארט, אדער געפלאצט אויף שטיקשטיקלעך!

א גליק, וואס דער געלעכטער, וועלכען מיר האבען א היבשע צייט געהאלטען פערשטיקט אין זיך, האט זיך דורכגעשלאגען א וועג דורך דער נאז און איז ארוים לאויר העולם.

דער ערשטער האט געפלאצט פרישמאן — און אוי ווערה, ווי איך האב געציטערט פאר איהם, טאמער דערזעהט דער מחבר, א קשיא אויף א מעשה, און חאפט א „טעטראד" פון זיינע „טעטראדען" און גיט איהם איבער'ן קאפ און פלעט פרישמאנ'ען דעם מח!

אַ גראָשען איז ביי מיר ניט ווערט געווען דעמאָלט פרישמאַנ'ס לעבען!

און שטעלט אייך פאָר אַ הצלחה פון אַ מענשען!—דער מחבר האָט אונז דערויעהן לאַכען, האָט ער זיך אַליין אויך צעלאַכט!

ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אויף אונז געווירקט די זאַלץ פון זיין הומאָר און דער פעפער פון זיין „סאַטיריקאַ“.

פּלוצים חאַפּט זיך אויף פרישמאַן: גענוג!

מע דאַרף ניט לייענען מעהר. ס'איז אַזוי גוט, אַז מע פער־שפּאָרט שוין גאָר לייענען ווייטער.

— אַלזאָ, יונגערמאַן, וואָס ווילט איהר?

— איך וויל מיין ראָמאַן זאָל זיין געדרוקט און ווייטער גאָר־נישט... און געלד—איז וויפיעל איהר וועט זאָגען...

דערזעהן, אַז דער יונגערמאַן בעטגעגט זיך ניט מיט כבוד אַליין—ער וויל נאָך געלד אויך, האָט אונז אָנגענומען אַ חשק נעהמען דעם יונגענמאַן צו דער אַרבייט.

תחלת—דאָס איז געווען פרישמאַנ'ס איינפאַל (אַן איינפאַל פון אַ גאון!)—בעדאַרף מען וויסען די ווערט. פונ'ם ווערק—און דאָס לאָזט זיך נישט אָפּשאַצען, סיידען מע זאָל וויסען די וואָג, וויפיעל עס וועגט.

און דאָס איז נישט שווער צו דערגעהן. מע נעהמט און מע לעגט דאָס אַוועק אויף אַ וואָג, דאָס הייסט (אין דאָס איז אויך געווען פריש־מאַנ'ס זשעניאַלער איינפאַל!) מע לעגט אַוועק אויף איין וואָג־שאָל דאָס ווערק און אויף דער אַנדערער לעגט מען אַזעלכע געוויכט, וועט מען דעמאָלט וויסען אַקוראַט.

און מע האָט זיך נישט געפוילט און מע איז געגאַנגען אין אַ קלייט, וואו ס'איז דאָ אַ וואָג, און מע האָט אָפּגעוועגען דאָס ווערק—דריי פונט מיט דריי פערטעל—קיין עין־הרע ניט!

אַצונד איז געבליבען נאָר איין זאַך: דער מקח?

— מה יקר? ווי טייער זאָל מען רעכענען אַ פונט?

וויל דער יונגערמאַן בשום אופן ניט זאָגען וויפיעל.

— וויפיעל איהר'ט זאָגען אַזוי וועט זיין גוט.

איז געבליבען ביי אונז, אַז צוויי הונדערט רובל דאָס פונט.

— גענוג?

דער יונגערמאַן, וואָס איז שוין בלאו הכי געווען אויפ'ן זיבע־טען הימעל, האָט אַ זאָג געגעבען:

— עס מעג זיין הונדערט רובעל אַ פונט איז אויך גענוג.

האָט זיך אָבער פרישמאַן אָוועקגעשטעלט אײן מאָל פאַר אַלע מאָל—צוויי הונדערט רובעל—ס'איז ווערט מעהר!

דער מחבר אונזערער איז שיער ניט צעשמאָלצען געוואָרען פאַר תענוג:

— טאַ! מילא! אַז איהר האָט זיך איינגעשפּאַרט צוויי הונדערט, זאָל זיין צוויי הונדערט.

— וויפיעל-זשע הייסט עס מאַכט דאָס איּם אַרום און אַרום?

און פרישמאַן האָט אָנגעזאָגט די נאָז מיט'ן פּענסנע מיט גרויס מאַטערניש (עס האַלט זיך ניט אויף פרישמאַנ'ס נאָז קיין פּענסנע!) און אַלע דריי האָבען גענומען אַריינקוקען אין חשבון אַריין—עס טרעפט אָן אַקוראַט 750 רובעל, ווי אַ גראָשען אַ ביינעל!

דער יונגערמאַן האָט זיך שוין גענומען גלעטען דאָס בערדעל און וואַרטען.

מיר האָבען אויך געוואַרט.

— נו?...

— נו-נו?...

— אַדרבה?...

— אַדרבה ואַדרבה?...

און אָט דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזען דער גאַנצער טעות: דער יונגערמאַן האָט געמיינט, אַז מיר דאַרפען איהם צאָהלען צוויי הונדערטער פאַר אַ פונט, און מיר האָבען געמיינט, אַז דער יונגערמאַן זאָל אונז צאָהלען די צוויי הונדערטער אַ פונט!

איז דער יונגערמאַן געפאַלען אויף אַ המצאה:

— ווייסט איהר גאָר וואָס? איך ל אייך ניט צאָהלען, איהר'ט מיר ניט צאָהלען—נאַט אייך מיין ווערק און דרוקט עס אָפּעט!

האָבען מיר זיך אָבער אַוועקגעשטעלט: ניין! דאָס וועט ניט געהן! פון זינט די וועלט שטעהט איז אַ מנהג, אַז פאַר אַ ווערק אָדער מע צאָהלט דעם מחבר, אָדער דער מחבר צאָהלט—אַנדערש געהט'ס ניט!

פונ'ם געשעפט איז ניט געוואָרען גאָרנישט ניט.

נאַרישע, יונגעלשע, נאָר גוטע, גליקליכע יאָהרען—זיי וועלען זיך שוין ניט אומקערען מעהר!...

גערווי, 1 מאַרט 1914.

II

דוד פרישמאַנ'ען, צו זיין
יובּילעאום, געווידמעט.

ז. שניאור.

גאָט האָט געוויינט.

(פּונ'ם בּוך „מַעֲשֵׂה־בְּרֵאשִׁית").

צום אָנפאַנג האָט גאָט ניט געוואוסט, אַז ער איז גאָט. זיין גאָטהייט האָט זיך אָנגעהויבּען מיט אַ צופעליגער בּעוועגונג, און געענדיגט האָט זי זיך מיט דער העכסטער שאַפונגס־קונסט;

ערשט פרייטאָג פאַרנאַכט, נאָך דעם גרויסען און הייליגען „וַיְכֻלּוּ"... ווען ער, כּביכול, האָט מַשיג געווען דאָס, וואָס עס איז ניט געווען בּיז איהם און וואָס מיט איהם איז געוואָרען, — ערשט דאַן האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער איז גאָט.

ווי אַ געוואַלטיגער זיג־זאַג פון אַ בּליץ איז אָנגעקומען גאָט'ס זעלבּסט־בּעוואוסטזיין, און ווי נאָך אַ בּליץ איז געקומען די ערשטוינונג, און נאָך דער ערשטוינונג — אַ זיסע מירקייט פון אַ צופריעדענעם שאַפער:

— וַיְכַלוּ... עס איז ערגרייכט! דאס, וואס איך האב געזוכט, דאס בין איך אליין... איך און מעהר קיינער!

און נאך דער געטליכער צופריעדענקייט א שטילע גלייכגילטיגקייט, וואס איז געווארען אלץ שווערער און שטארקער.

אה, די דאזיגע שרעקליכע, געטליכע גלייכגילטיגקייט! זי איז אנגעקומען ווי א ים־ווינטעל, זי איז פינסטער געווארען ווי א ווילדער וואלד אונטער א זומער־חמארע, זי איז שווער געווארען ווי די בערג און א פערוואלקענטער נאכט.

צייטיג זענען געווארען די טרויבען... וואס טויג זיי יעצט ערד־זאפטען, ווארימע רעגענס, טהויען און זונען־קרעפטען? בעוואוסטזיניג איז געווארען גאט און דורכגעדרונגען מיט זיין גאטהייט... וואס געהען איהם אצינד אן וועלטען און וועלטעלעך, ברואים לעך און שטרעבונגען?

— כִּי טוֹב!... — האט ער געפרובט נאך א מאל א שמייכעל טהון, אזוי ווי ער האט פריהער ליכטיג און נאאיוו געשמייכעלט, בְּשָׁעַת ער האט געשאפען.

— כי טוב! — האט ער זיך בעמיהט איינצושמועסען זיך אליין; גלויבען, גלויבען, אז אלץ איז גוט...

אבער קאלט ווי שמאהל האט געלויכטען זיין שמייכעל, און זיין געטליכע גלייכגילטיגקייט איז געווארען אלץ שווערער.

א גרויסע פראגע האט פאר איהם גענומען שוועבען אין דעם בלויען וועלט־רוים, שפאטיש געוואונקען פון אלע זייטען:

— נו, און יעצט?...

קאמעטען זענען געשוואומען ווי פייערדיגע הימעל־

לייתום, ווגען האָבען געשמייכעלט, פּלאָנטעטען האָבען זיך געוואָרימט בײַ זייער שמייכעל, געטאַנצט אַרום זיי, געבאָדען זיך אין ליכט, געשלייערט זיך אין שאָטען. פול אַנגעלאָדען מיט געזונטע קערנער פון צוקינפטיגען לעבען, ניט רויהע זוימען פון ליעבע און שנאה, האָבען זיי זיך ליידענשאַפטליך געצויגען אין שמאָלע און ברייטע עליפּסען צו די זונען, וועלכע בעלויכטען זיי.

און גאָט, כביכול, האָט זיך געלאַנגווײַלט:

— און איצט, איצט?

געוואַלטיגע פייער־קנוילען האָבען געגליהט מיט זייער גאַנצער, פולער יוגענד אונטער זיינע פיס, כביכול, און איבער זיין שטאָלצען, אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ.

און ער האָט ביטער געזיפצט:

— אַח, ווי קאַלט, ווי קאַלט!

און דעם זיעבענטען טאָג האָט גאָט ניט געבענשט, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען... ניין, ער האָט איהם געשאָלטען! ער האָט געפלוכט דאָס פאַלקאָמע, אונענדליכע בעוואוסטזיין, וואָס איז אויסגעוואַקסען צוזאַמען מיט דעם הייליגען, זיעבענטען טאָג —

דאָס בעוואוסטזיין — אַז ער איז גאָט!

שרעקליך, שרעקליך לאַנגווייליג איז צו פיהלען שטענדיג, אַז מען איז גאָט אַליין:

געענדיגט אַלע חשבונות: וויסט אַלע וועגען. שטערבליך די אינשטערבליכקייט אַליין.

וועה איז איהם — דעם יונגען גאָט! עס וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט, ווען דאָס געפעהרליכע בעוואוסטזיין וואָלט נאָך לאַנג, לאַנג ניט געווען געקומען צו איהם; דאַן וואָלט ער נאָך געקאָנט האָבען די שטרעבונג צו ווערען גרעסער, די האָפנונג — צו ווערען קרעפטיגער פון

אַלע קרעפֿטען, אײביגער פֿון אַלע אײביגקײטען, ליכטיגער פֿון אַלע ליכטיגער און הײליגער פֿון אַלע הײליגקײטען... װער װײסט? ער װאָלט נאָך געקאָנט אַמאָל האָבען די האָפֿנונג צו װערען אַ גאָט...

איצינד „ייִכלו״... אַלץ איז געענדיגט, אַלע װײטקײטען דערגאַנגען, אַלע הױכקײטען ערשטיגען, אַלע שענקײטען ערגרײכט.

ער דאַרף מעהר ניט זוכען — ער האָט זיך געפֿונען; ער דאַרף מעהר ניט שטרעבען — ער איז דאָס ציעל אַלײן; װאָצו שאַפֿען די שענקײט — אַז שענער פֿון איהם איז ניטאָ? אַלע װאַסערען פֿאַלען צוריק אין זײנע ימים... אַלע קלאַנגען קלינגען־אָב צוריק אין זײנע הײליגע אױערען, אַלע פֿאַרבען און אַלע שטראַהלען שפּיגלען זיך אָב אין זײנע אױגען...

— ייִכלו... — דאָס איז ער אַלײן, ער אַלײן...

פֿרעהליך און פֿול האָפֿנונג און שטרעבונגען האָבען זיך אין אַ געװאַלטיגען ריטמוס געדרעהט אַרום איהם די זונען־סיסטעמען; שטאַרקע און שװאַכע בעשעפֿענישען האָבען זיך געריסען אױף די פּלאַנעטען פֿון זײערע פּופּען, פֿון זײערע פֿאַרביגע און װײסע אײער־שאָלעכצען און האָבען ליעב־געהאַט און האָבען פֿײנט־געהאַט, און האָבען געשטרעבט אַלץ העכער, העכער; און האָבען געגלױבט צו דערגעהן אַמאָל ביז צו גאָט אַלײן...

פֿאַר זײ אַלעמען זענען געװעזען אָפֿען אַלע האָריזאָנטען, טיעף אַלע אָבגרונדען, הױך אַלע הימלען.

פֿאַר זײער שעפֿער זעלבסט — קײן װײטקײט, קײן הױכקײט, קײן טיעפֿקײט.

פֿאַר אַלע זײנע בעשעפֿענישען איז געװעזען מעגליך עטװאַס העכערעס װי זײ אַלײן; העכער פֿון אַ רוי־

הען בלאָנדזשענדען אַטאָם; העכער ווי אַן אָרגאַנישע צעלע מיט אַ אינסטינקט, מיט אַ טעמפּעראַמענט; העכער פֿון אַ שֶׂרֶץ; העכער פֿון אַ וויגע-טיער; העכער פֿון אַ מאַלפּע; העכער פֿון אַ מענשען; העכער פֿון אַ נָבִיא... העכער, העכער!

פֿאַר אִיהם, פֿאַר גאָט אַליין, קיין העכערעס. גאָר-נִישט. גאָרנִישט.

וואָס קאָן זײַן געטליכער פֿון גאָט?

וואָס קאָן זײַן העכער פֿון איבער-העכער?

— דו... גאָט! — האָט ער מִיט פֿערדרוס געשמײכעלט צו זִיך אַליין — ווִילסט פֿון אִיצט אָן שאַפֿען, נור כְּדֵי די אײבִיגקײטען זאָלען אויסזעהן קִירצער; שאַפֿען, כְּדֵי שפּיעלען זִיך און נִיט שרעקען זִיך פֿאַר דִי אײגענע אָבגרונדען?... ווִילסט זִיך דרעהען אַרום זִיך אַליין, אַרום דײַן אײגענער אַקס און פֿאָרשטעלען זִיך, אַז דו פֿלִיהסט אִין נײַע אומבעקאַנטע האָרִיזאָנטען?... ווִילסט?

קײנער האָט אִיהם נִיט געענטפֿערט. ווער זאָל אִיהם געווען ענטפֿערן? זײַן גלײַכען אִיז נִיט געווען און וועט נִיט זײַן צווִישען ערד און הִימעל, צווִישען אַלע אָפֿענע און פֿערבאָרגענע וועלט-קרעפֿטען. —

האָט ער זִיך אַליין געענטפֿערט:

— ניין, קײנמאָל נִיט! ווער פֿערנעהט אַ שפּאָגעל-נײַעם, גאַנצען פּורפּור-קלײד? ווער צִינדט-אָן לִיכטלעך צו בעלויכטען אַ העלען תמוז-טאָג? ווער לעשט פֿײַער מִיט פֿײַער? ווער מאָלט מִיט ווײַס אויף ווײַס?

— ניין, קײנמאָל נִיט! ווען אֲפִילוּ מײַנע יונגע, פֿרעה-לִיך-טאַנצענדע פּלאַנעטען וואָלטען זִיך דערוואוסט, אַז זיי דרעהען זִיך אַרום מײַנע זונען, נור כְּדֵי צורִיקצוקומען צו זייער אַמאָלִיגען פּינטעל, וואָלטען זיי אויך מוֹרֵד געווען.

וואָלטען שטעהן געבליבען און זייערע מײַלער־וואולקאַנען וואָלטען געשריען:

— ניין, ניין, מעהר קיינמאָל ניט!

אָה, גרויס איז דער אומגליק צו זײַן אַ גאָט!

און נאָך שרעקליכער איז שטענדיג וויסען, שטענדיג פיהלען, אַז מען איז גאָט אַליין...

טרויעריג איז ער זיצען געבליבען אויף זײַן כּסא־הכָּבוד. געזעסען און מְקַנֵא געווען דעם קלענסטען ווערימעל, וואָס ער אַליין האָט עס ניט־לאַנג בעשאַפען. דאָס ווערימעל קריכט. דאָס ווערימעל שטרעבט. דאָס ווערימעל געהט העכער...

די בלויע הימלען האָבען געשוויגען. און לאַנג, לאַנג האָט זיך געצויגען דער הייליגער טאָג שַבָּת. און גאָט האָט זיך פערדעקט מיט זײַן פּײַערדיגען פורפור און האָט אויך געשוויגען...

טונקעל־בלויע, אויסגעשטערנטע ליעבע נעכט פון פלאַנעטען זענען אָנגעקומען פון פערבאָרגענע ווײַטענישען און געגלעט דעם טרויעריגען שעפער מיט לאַנגע ווייכע שאָטענס. ליעבליך געשוואומען איבער זײַן פורפור. שטערען — הַבְדָלָה־ליכט האָבען זיך געצונדען און געלאָשען אין זייערע שאָטענס:

— אַ־אַנק דיר גאָט!

גאָט האָט זיך שטיל צווויינט אונטער זײַן אַראָבגעלאָזענעם פורפור:

— און וועמען זאָל איך דאַנקען? וועמען זאָל איך לויבען פאַר מײַן גאָטהײַט? און וועמען זאָל איך גלויבען? בײַ וועמען זאָל איך נעהמען?

טרעהרען — מעטעאָרען האָבען זיך געקוויקעלט

אין די שווארץ־בלויע, שווימענדע נעכט אונטער איהם, געפאלען אין אומבעקאנטע הימעל־אבגרונ־דען.

גאט — דער שעפער פון ערד און הימעל און טרעהרען — ער האט געוויינט!

פאריז, 1911.

אברהם רייזען.

געדיכטען.

I

אין דער רוישענדיגער גאַס.

א מאַן איז געגאַנגען אין רוישענדער גאַס,
און טרעהרען — ווי זענען געראָנען,
און טרעהרען — ווי זענען געפּלאַסען.
פאַרוואָס? אַח, ער האָט דען די פרייד נישט פערגונען?
צי האָט איהם פערדראָסען
די פרייד פון די מענשען — צי טראָגט ער דען האַס?
אַח, וואָס איז דער מעהר
מיט דעם אָרימענס טרעהר?

אַח ניין! נישט דערפאַר זיינע טרעהרען! פערקעהרט!
עס איז גאַנץ אַנדערש די סבּה:
אַח, זאָלען די מענשען דאָ פרעהליך זיך הוליען;
ער טראָגט אין זיין הארצען די ליעבע

און האָט נישט צו וועמען זיך טוליען, —
און בלאָנדזשעט אַליין אויף דער ערד.
ער בלאָנדזשעט־אַרום, שטילערהייט
זיין טרערהר איהם בעגלייט...

II

די ערשטע גרויע האָר.

די ערשטע גרויע האָר האָט מיך דערשראָקען:
אַח, מיינע האָר!
ווען היינט איז איינע נאָר
וועט מאָרגען — ווינד און וועה! —
שוין ווערען צוויי,
און שפּעטער דריי,
און נאָכדעם איז פאַרביי
מיט מיינע שווארצע לאָקען!

געווידמעט דוד פרישמאַן

י. מ. ווייסענבערג.

אַ חָלוֹם.

—(ערצעהלונג).—

גְעוועֶן איז עס אין אַנ'אָנהויב זומער. דאָס גראָז אויף די פעלדער האָט געשפּראָצט, די גערטנער מיט פרוכט בוימער האָבען שוין געבליהט און געווען אָפּגעטונקט אין ווייסען, אין וועלכען די בוימער זענען געשטאַנען איינגעהילט. די ביענשטאָקען זענען שוין לאַנג אָפען געשטאַנען און ביענען זענען געפלויגען דאָ אַהין און דאָ צוריק אַרום, צושפּריטענדיג זיך איבער'ן פעלד און בעזעצענדיג זיך אויף אַלערליי בלימלעך, וואָס זענען אין אַלע זייטען געוואַקסען און געווען אַ שענקייט פאַר'ן אויג מיט זייערע ווייסע און רויטע און ראָזליכע קאָלירען; די פייגעל האָבען געשפּיעלט און גאָטס וועלט איז געווען אויסגעצירט, ווי אַ כלה, וואָס איז נאָרוואָס ערשט פון אונטער דער חופה אַפּער. אָט אין יענער צייט, אין אַזעלכער, ווען די גאַנצע וועלט איז פרעהליך, האָט זיך אין איין שטעדטעל געפונען איין יוד, ר' חיים האָט ער געהייסען, געווען זעהר טרויעריג. ער איז געווען אַנ'אָפּגעהיטענער אין גאָטס געבאָטען, האָט נישט געטהון קיין מינדסטע זאַך, נישט נור, אַז עס זאָל חלילה זיין געגען גאָטס ווילען, נאָר אַפּילו, אַז עס זאָל קאָנען זיין וועגען דעם האָטש אַ שטיקעל ספק, צי איז עס נישט געגען דעם ווילען פון אַ מינדסט בעשעפעניש, אַפּילו פון אַ ווע-

ריִמעל. ער איז אויך געווען אָבגעהיט חלילה נישט צו רעדען קיינמאָל קיין לערע רייד, וואָס קאָנען פערדרעכענט ווערען פאַר אַזעלכע, וואָס קומען פון גרינגע קעפּ, פון שפּעטערס, און ווער שמועסט שוין רכילות, אָדער אַ וואָרט חלילה, מיט וועלכען ער זאָל געשטרויכעלט ווערען אין דעם אמת. אין אָט דעם דאָזיגען פרומען, גאָטס־פורכטיגען ייד האָט זיך אין דער דאָזיגער צייט געחלומ'ט אַ שרעקליכער חלום, איהם האָט זיך געדאַכט, ווי ער זעהט זיך אַליין נאָך דעם טויט, און — אַז אַ חזיר שלעפּט־אַרום זיין קאָפּ. פונקט אין די ספירות־טעג, ווען די גאַנצע וועלט איז אָפען, פריי — און ער האָט אַזאַ טרויעריגען חלום געזעהן — איז איהם זיין לייד נאָך גרעסער געוואָרען. ער זעהט, ווי אַרום שפּראָצט און גרינט, און ער איז אַזוי טרויעריג, פערצאַגט, אַז ער קאָן אפילו קיין שבח והודיה נישט אָבגעבען דעם רבונו־של־עולם מיט אַ רעכט געמיט פאַר דעם חסד, וואָס ער טהוט דער וועלט. פרעגט איהם איינמאָל דאָס ווייב: „מיין מאַן, וואָס איז דיר?" — טראַכט ער זיך: אַ יודענע! וואָס זאָל ער איהר געהן דערצעהלען, וואָס פערשטעהט זי דען אין אַזעלכע זאַכען, און אפשר טאָר מען עס גאָר נישט דערצעהלען אויך?... האָט ער געשוויגען. נאָר דאָס ווייב, חאָטש אַ יודענע, זעהענדיג ווי איהר מאַן געהט־אויס, ווי דאָס פנים איז חושך, טראָגענדיג עפּיס אַ שווערע פערבאָרגענע זאָרג אויפ'ן קאָפּ, האָט זי איינמאָל ביינאַכט, בשעת זי האָט איהם געגרייט צום טיש מיט אַ ווייס טישטוכעל און דערלאַנגט איהם די שעפּ צום וואַשען, און נאָכדעם ווי ער האָט „המוציא" גע־מאַכט, איינגעטונקט אין זאַלץ, און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענקעל, — האָט זי זיך געזעצט אויפ'ן צווייטען, געגענאיבער איהם, און בשעת עס איז געווען די גוטע מינוט, האָט זי איבערגערעדט איהם, אַז ער זאָל איהר יאָ דערצעהלען. און עס דאַכט זיך דאָך, אַז חאָטש אַ יודענע, פונדעסטוועגען האָט זי איהם געגעבען אַ גלייכע עצה. זי האָט געזאָגט צו איהם: „מיין מאַן, עס האָט זיך דיר געחלומ'ט אַ גוטער חלום, חלילה וחלילה נישט קיין שלעכ־טער, ס'איז גאָר אַ סימן, אַז דו וועסט לאַנג לעבען; און אויב דו ווילסט מיר נישט גלויבען, געה אַריין צום רבי'ן — וואָס קאָן מען דען מיט אַ חלום אַנדערש טהון?"... האָט ר' חיים געפאָלגט זיין ווייב וואָרום ער ווייסט, אַז ער האָט שוין מיט איהר אָבגעלעבט צוואַנציג יאָהר און האָט חלילה נישט געהאַט, אַז זיין ווייב זאָל איהם ווען אַן עצה געבען נישט ווי גלייך איז. איז ער דאָסמאָל אויך

געווען מיט איהר איין הארץ און איין דעה און איז אריינגעגאנגען צום רבין.

געווען איז דער ר׳ חיים אפילו גאר א פּראָסטער ייד, נישט קיין לערנער, נישט קיין גרויסער אָנגעזעהענער, נישט געזוכט קיין אויבענאן אין בית-מדרש און אפילו קיין חסיד אויך נישט געווען. נאר וואָס — א ווייך הארץ האָט ער פערמאָגט נישט צו לאָזען מאַסען קיין ייד א קרום פּנים; ווער שמועסט שוין, אז ער האָט געהערט, אז עס איז אמאָל נויטיג עפּיס פאַר אן אָרימע כלה, דאָ האָט ער שוין א ודאי געזעהן אַלץ, וויפיל ער האָט געקאָנט נור, ווארום א כלה׳ס א טרעהר איז ביי איהם געווען גלייך, ווי עס וואָלט חלילה געהאַלטען דערביי, אז די וועלט זאָל אינטערגעהן. אָבער געגעבען האָט ער אין-דער-שטיל, עס זאָל חלילה קיינער נישט וויסען, — און אויף א ברית, האָט ער דערפאַר אפילו קיין סנדקות נישט פערלאַנגט, חאָטש דער בעל-שמחה פלעגט ביים לויפען צו איהם א פּאָר שטיוועל צורייסען און די שוועל איהם אָבקלאַפּען. ר׳ חיים האָט געהאַט א טבע, אבי אז דאָס סאַמע נויטיגע האָט ער שוין געהאַט אָבגעטהון, איז צום ווייטערדיגען שוין נישט זיין דאגה געווען; און ווען דער בעל-שמחה פלעגט שטעהן ביי איהם און שטויב הינטער זיינע פּלייצעס און בעטען איהם, איז ער נור געשטאַנען מיט׳ן פּנים אויסגעדרעהט צום פענסטער, כדי נישט אָנצוקוקען יענעם, וואָס האָט געדאַרפט זיין הילף, און געענטפערט נור פון-דער-זייט: געה, אַברהם, אָדער שמואל, לחיים ולשלום, זאָל זיין בשעה מוצלחת!... אָדער: זיי מגדל לתורה ולחופּה...

וועגען מעשים טובים פלעגט ער נישט ווינשען — דאָס, זאָגט ער, איז א גאָט-זאַך: וואָס פאַר א האַרץ איינעם שענקט גאָט — א פערשטענדיגס, אָדער נישט. ווארום קאָן מען דען געהמען אויפ׳ן געדאַנק גאָר, אז טהון שלעכטס וועמען, ברענגען וועמען צו טרעהרען איז א פערגעניגען?... נור לתורה ולחופּה, דאָס האָט ער געוואונשען. וואָרום יודישקייט דאַרף מען לערנען און חתונה דאַרף מען מאַכען.

אָט אַזאַ שטילער, אַזאַ רוהיגער און ישוב-הדעת׳דיגער און גרויסער ענו איז ער געווען, דער ר׳ חיים, און דערפאַר האָט איהם דאָס גאַנצע שטעדטעל נישט נור כבוד אָבגעגעבען, — ווייל כבוד גיט מען דאָך אָב טיילמאָל א גראָבען מענש אויך, בלויז ווייל ער האָט דעם גראָבען טייסטער און במילא אויך א דעה אין פערשיעדענע

זאַכען און מען האָט מורא פאַר איהם, — ר׳ חיים׳ען האָט מען דוקא נישט געחנפ׳עט, נישט געזאָגט קיין איבעריגע זיסע ווערטעלעך, אָדער ווייזען איהם, אַז מען גיט זיך פאַר איהם אַ שטעל אויף, בשעת ער וויל צוגעהן צו אַ מענש עפּיס שמועסען, נאָר אַזוי, פּראָסט און הארצליך האָט מען איהם ליעב געהאַט.

איז אַצינד, בשעת ער איז אַריינגעקומען צום רבי׳ן, און כאָטש ער איז נישט געווען קיין חסיד, האָט עם דעם רבי׳ן אַ שטיקעל הנאה געטהון, וואָס ר׳ חיים האָט זיך מטריח געווען צו איהם. ער האָט זיך געשפּירט, ווי ער איז צוגעוואַקסען מיט אַ שטי־קעלע גרעסער, און — אַז אויף דער גאַס וועט מען שמועסען, אַז אַפּילו ר׳ חיים, כאָטש נישט קיין חסיד, קומט ער פונדעסט־וועגען אַריין צום רבי׳ן...

דאַדורך האָט ער איהם אַ ברייטען שלום־עליכם געגעבען, אַרויסגעדרוקט באַלד אַ שמייכעל, נישט ווי פאַר איינעם, וואָס קומט זיך קלאָגען צו איהם אויף זיין ביטערקייט, נאָר ווי פאַר איינעם, וואָס איז אַ היימישער מענש און קומט צום רבי׳ן צו גאַסט.

ר׳ חיים אָבער, וואָס איז געווען זעהר פּראָסט ביי זיך און גע־פיהלט, אַז ער איז נישט בעסער, ווי אַן אַנדערער יוד, וואָס קומט צום רבי׳ן זיך אויסרעדען זיין ביטער הארץ, האָט אָנגעהויבען, ווי דער שטייגער איז, איבערהויפּט זיין שטייגער, צו רעדען מיט אַ גרויס אונטערטעניגקייט און צו דערצעהלען וועגען וואָס ער איז געקומען.

און ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט און געזעהן, ווי אַזוי ר׳ חיים שטעהט פאַר איהם, האָט ער ערשט געקריגען אין זיך דעם אמת׳דיגען קוראַזש, וואָס אַ רבי דאַרף האָבען אין זיך, גע־לאָזט איהם שוין שטעהן ווייטער און אַליין זיך געזעצט בּרייט אויף זיין שטוהל, ווי עס פּאַסט אַ שטייגער פאַר אַזאַ רבי׳ן, ער האָט גע־קנייטשט דעם שטערן, געריבען איהם מיט דער פלאַך פון דער האַנד און אויפגעהויבען אויף ר׳ חיים׳ען צייטענווייז אַ פּאָר פרעמ־דע אויגען, ס׳הייסט חלילה נישט קיין פרעמדע פון כלל־ישראל, — יעדער יוד איז אַ יוד און אַפּילו ר׳ חיים אויך, כאָטש נישט קיין חסיד, — נור אַזוי פרעמדע אויגען, ווי ערשט פון הימעל אַראָבגעקומען, און געגעבען צו איהם אַ זאָג:

— הער, אפשר וועסט מחזיר־בתשובה זיין?...

— און וואָס?... — פרעגט ר׳ חיים.

— אַ... — ענטפערט דער רבי מיט אַ קרעכץ, וואָס איז שוין

געווען איינגאַנצען פרעמד. — אין צדיק בארץ, אשר יעשה טוב ולא יחטא...

פון דעם דאָזיגען ענטפער איז ר׳ חיים שטאַרק אַראָפגעפאַלען ביי זיך, וואָרום קאָן דען אַ יוד זיין אינגאַנצען אָפגעהיט ביי תרי״ג מצוות, און אַזוי שווער, אַזוי שווער, ווי עס איז אַ יוד צו זיין!?...

ר׳ חיים איז אַהיים געגאַנגען, זיך געלעגט שלאָפען אין וויי־זוט־אוים, זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ, אַז ער איז שוין געבליבען אַזוי ליגען אין בעט אָהן לשון און צומאָרגענס באַלד געשטאָרבען.

אין שטעדטעל האָט זיך געמאַכט אַנ׳אויפגערודער. אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער איז ערשט נעכטען געווען ביים רבי׳ן, און טאַקי דאָס אַליין האָט אַלעמען טשיקאַווע געמאַכט... ביז וואַנען מען האָט זיך וועגען ר׳ חיימ׳ס חלום דערוואוסט און דאָס שטעדטעל האָט אַ שוידער אַרומגענומען.

אַזוי־ערנאָך האָט ר׳ חיים געלעבט און געשטאָרבען. אַלע האָבען אים ליעב געהאַט ביי זיין לעבען און בעקלאָגט נאָכ׳ן טויט. ווען מען האָט אַרויסגענומען אַזאַ שטילען ענדיגען יוד פון שטאָדט. און נאָך עד־הנה, אין דעם דאָזיגען שטעדטעל, אַז מען גערעדט ביינאַכט אַליין אַרוים פון שטוב און די לבנה קוקט־אַראָפ איבער׳ן שטילען מאַרק, דאַכט זיך נישט, אַז מען זעהט אין איהר יהושע בן־נונ׳ס פנים, נור ר׳ חיימ׳ס... אַלע פיהלען, אַז עס פעהלט עפּיס אין שטאָדט, און עפּיס איז ווי געבליבען הענגען צווישען הימל און ערד...

מנחם.

אויפֿ'ן ים.

נאַכט אויפֿ'ן ים; און די ברויזענדע שטילקייט
שוימט פֿון די פּאַליעס אַרויף צונ'ם דעק.
ס'טוקט, ווי אַ שטערענדעל, ווייט נור דער לייכט-טורם
טונקעל פֿערלאָזט אויפֿ'ן איינזאַמען ברעג.

אַט שוין פֿערטוקט. פֿון דורכזיכטיגע וואָלקענס
ציטערט מעטאַל-בלוי אויף פּאַליעס און שוים.
פֿון איבער וואָלקענס פֿערנעבעלטע שטערען
שפּיעלען מיט בלייכקייט און שימערען קוים.

שטיל אויפֿ'ן דעק. נור דער ים-ווינד מיט פֿייכטקייט
האַלוט, און עס וויעגט אַזוי שווערליך די שיף.
ס'וויעגט — און ס'פֿערוויעגען אין שווערליכען דרימעל
ברומען פֿון ווייטקייט און מורמעל פֿון טיעף.

אפרים קאַגאַנאָווסקי.

יולקע.

(אַ קאַפּיטעל פון אַן ערצעהלונג).

נישט אומזיסט האָב איך אַלע פאַרנאַכט שפּאַצירט אויף די זאַמד-בערג, וואָס זענען געלעגען אַ ווייאָרסט וועג הינטער דער זומער-וואוינונג, וואו איך האָב געוואוינט —

שוין עטליכע אָוונטן כסדר האָב איך באַגעגנט דאָרט צוויי פרויען, איינע אַ יונג מיידעל פון אַ יאָהר זיבעצען, די צווייטע אַן עלטערע, אַ בלינדע. אַ חוץ אונז האָט מען דאָרט זעלטען אַ מענש געקאָנט באַגעגנען. שטיל און וויסט האָבען זיך די זאַמד-בערג אויסגעצויגען ערגעץ ביז צו אַ בלויליך-פערנעבעלטען קעניגרייך. זעלטען ווען אַ באָרוויסער דאָרפס-וואַנדערער האָט די בערג אַדורכגעשניטען און געקוקט אויף אונז ווילד און פרעמד, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי מיר זענען אַהער פער-וואָרפען געוואָרען.

איך בין אין יענע טעג איבערפילט געווען פון אַ ברייטען און פרייען יום-טוב. נישט איינמאָל האָב איך געקלערט, אַז דער קאַלטער, אומעטיגער ווינטער, וואָס איז נישט-לאַנג פערשוואונדען, איז נור אַ בייזער, דריקענדער חלום געווען: ווי לאַנג זענען די טעג בלינדע און גרויע אויפגעשטאַנען אין די נעכט, וויסטע און האָפנונגסלאָזע, האָבען דאָס האַרץ מיט אייז און פראָסט אַרומגע-פראָרען! און יעדער געדאַנק אין יענע לאַנגע ווינטער-נעכט — ווי

אַ פֿויגעלע אַ קראַנקס, וואָס גיסט אין אַ קאַלטער וואַרעמקייט, ערגעץ ביי וואַסערלעך פֿערדאַרבענע...

בין איך אַרומגעגאַנגען אויף די זון־באַגאָלדעטע רוקנס פֿון די בערג, און פֿול איז געווען מיין ברוסט מיט אַ ליב־געזאַנג דער שענער, פֿרייער וועלט אַרום.

די זון האָט מיט אַ רויט־צוגליטן גאָלד די בערג באַגאָסן, און דער ווייטער מיט פֿייער פֿאַרטרונקענער האָריזאָנט האָט זיך געגעגנט אין אַ שטיל־פֿאַרבענקטן פֿאַרבן־געזאַנג.

כ'בין געזעסן אויף אַ נידעריק זאַמד־בערגעל און געקוקט אין־דער־ווייט, וואו די בערג האָבן זיך פֿאַרטראָגן, פֿרישע טויגעבלען האָבן זיך געהויבן צוגלייך מיט דער זומער־נאַכט, וואָס האָט זיך שטיל געשפּרייט.

שטיל איז געווען אַרום. נאָר ערגעץ ווייט האָט זיך אָהן אויפֿהער אַ פֿייפֿעלע געגאָסן, און די שטילע, ווייטע, אומעטיקע טענער האָבן דערצייל פֿון אייביקער רו און טיפֿע, גרויסע שטילקייטן.

פֿון אונטער אַ באַרג, נישט ווייט פֿון מיר, האָבן זיי זיך אויפֿגעהויבן. די יונגע איז די ערשטע געגאַנגען, כּיהרענדיק די צווייטע פֿאַר אַ שטייף־אויסגעצויגענער האַנט. נאָהענט פֿון מיר האָבן זיי עפּעס שטיל גערעדט צווישן זיך. איך האָב זיך צוגעהערט.

די בלינדע האָט גערעדט:

— זאָגסטו, יולקע, אַז די בערג ציהען זיך אַזוי ווייט אַוועק?

— יאָ, זעהר ווייט. זיי נעפּלען זיך אַזוי געדיכט, אַז מען זעהט נישט זייער ווייטקייט.

— און קיינער איז דאָ נישטאָ, זאָגסטו, יולקע?

— ס'איז דאָ פֿאַרהאַן אַ יונגערמאַן. זיצט דאָ נישט־ווייט אויף אַ בערגעל.

— נישט־ווייט... גאָר נאָהענט פֿון אונז?

— יאָ, נאָהענט.

— איין מענש איז דאָ... נישט מעהר... איין מענש!...—האָט די בלינדע געמורמלט, פֿאַרריכטן דעם קאָפּ און געדרעהט מיט די ווייסע אַפּלען, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס זעהן. איך האָב זיך

אויפגעהויבען און צוגעגאנגען נאָהענט צו זיי. די בלינדע האָט נאָך מעהר פערריסען דעם קאָפּ און הויך געזאָגט:

— רעד עפּיס מיט דעם מענש, כ׳וויל הערען ווי ער רעדט.

יולקע האָט נערוועז אַ שטויס געטהון דער בלינדערס האַנד, און די בלינדע האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ.

איך האָב געקוקט אויף די אויפגעהויבענע ליפּען פון דער בלינ־דער. וואָס זענען אַ ביסעל אָפען געווען, ווי אַ שנאָבעל ביי אַ פויגעל. זי האָט, דאַכט זיך, געשמייכעלט, צוהערענדיג זיך צו עפּיס; ס׳קאָן זיין, זי האָט געהערט דאָס ווייטע, שטילע פייפעלע.

איך בין געשטאַנען הינטער זיי און געקוקט אויף יולקע׳ן. זי איז געווען אָנגעטהון אין אַ ברייט־צולאָזענעם העל־ראָזען קלייד. איהר פנים האָב איך נישט געקאָנט זעהן, כ׳האָב נור געזעהן איהרע רונד־געטאָקטע אַקסלען, איבער וועלכע ס׳האָבען זיך אַראָבגעלאָ־זען איהרע מאַט־ברוינע דיק־געפלאָכטענע צעפּ. פון איהרע קור־צע אַרבעל האָבען זיך אַרויסגעזעהן פולע, קלאָרע הענד, וואָס זענען אַזוי פריש און ראָז געווען, ווי דאָס לייב פון אַ פריש־אָבגעשיילטען ווערבען־צווייג. די בלינדע האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און אָנ־שטעלענדיג איהרע ווייסע אַפּלען איבער יולקע׳ן, האָט זי גערעדט:

— שוין, כ׳בין שוין מיד... קום, זיך אַוועקזעצען... וואו וועלען מיר זיך אַוועקזעצען?...

יולקע האָט זי פאַר אַ האַנד אָנגענומען.

— קום.

איך בין געגאַנגען נאָך זיי.

די בלינדע האָט געפרעגט אויפ׳ן וועג:

— דאַכט זיך, יולקע, אַז ס׳וועט באַלד ווערען פינסטער... נאַכט... און מיר וועלען נישט טרעפען אַהיים...

— ניין, ס׳איז נאָך ווייט צו נאַכט.

— מ׳קאָן נישט וויסען... דערנאָך וועט מען נישט טרעפען!—

האָט די בלינדע זיך געשפּאַרט. איך בין אַ פּאָר מינוט געגאַנגען נאָך זיי. יולקע האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ בייזען בליק געגען מיר, אַ בייזער, פאַרוואָס איך געה איהר נאָך, דערנאָך האָט זי אָנגע־הויבען געהן שנעלער, שלעפּענדיג פאַר דער האַנד די בלינדע, אַזוי אַז זי איז איהר נאָכגעלאָפען מיט שפּרינגענדיגע טריט.

איך האָב געזעהן יולקע׳ס פנים, בלייך־ראָז איז עס געווען, און איהרע גרויסע שטיל־טונקעלע אויגען זענען געווען ווי מיט אַ

גאָלד־גלאַנץ איבערגעגאָסען, דערזעלבער גאָלד־גלאַנץ איז געווען אויף אירע פולע, בלוטיגע ליפען.

אין דער מינוט האָבען זיי זיך פון באַרג אַראָבגעלאָזען. איך בין געשטאַנען אויפ'ן רוקען פונ'ם באַרג און געקיקט אויף זיי. דערנאָך, ווען איך האָב זיך אין טהאָל אַראָבגעלאָזען, האָבען זיי זיך געזעצט אויף אַ קליין אָבגעריסען בערגעל, וואָס האָט געהאַט אַ פאָרם פון אַ שוואָם.

יולקע האָט זיך זייטיג אַוועקגעזעצט, אָנשפאַרענדיג אירע אַקסלען אינ'ם בערגעל. די בלינדע איז געזעסען גלייך, אירע אויפגעהויבענע קניע מיט די הענד אַרומגעשלאָסען, דעם קאָפּ פאָר־אויסגעשטעלט אין־דער־לופט אַריין, ווי זי וואָלט עפּיס עמיצען באַכשרייען. איך האָב זיך געזעצט געגענאיבער אויף אַ בערגעל און לאַנג געקוקט צו זיי. יולקע האָט נישט געקוקט צו מיר; זי האָט זיך געשפּיעלט, צונויפשאַרענדיג בערגעלעך זאַמד.

נאָר פּלוצלונג האָב איך זיך אויפגעהויבען, און צוגעהענדיג באָהענט צו זיי, האָב איך עפּיס גערעדט צו זיי.

די בלינדע האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געדערט מיט שאַרף־אויסגעשנאָבעלטע ליפען. יולקע האָט מיט אַ צושראָקען שמייכעלע אין די ברייט־אויפגעריסענע אויגען עפּיס געענטפערט, זי האָט אַ ווײַלע געשוויגען, און באַלד געזאָגט:

— איך פלעג דאָ קיינעם נישט טרעפען פאַרנאַכט. דאָס ערשטע מאָל...

די בלינדע האָט עפּיס געמאַכט מיט די ליפען, געדרעדט מיט'ן קאָפּ, ווי זי וואָלט געוואָלט געפינען, און וואָס פאַר אַ זייט עפּיס אַריינצוזאָגען; דערנאָך האָט זי מיט אַ מאָדנער וויינענדיגער שטימע אַרויסגערעדט:

— דערלאַנגט מיר אייער האַנד... זאָגט מיר, ווי מ'רופט אייך, וועל איך רעדען צו אייך...

יולקע האָט פערדעקט מיט אירע הענד דאָס פּנים, און אַ קלינגענדיג געלעכטער האָט זיך צעטראָגען אַרום.

איך האָב שמייכלענדיג דער בלינדערס האַנד אין מיינער גענומען, און געזאָגט, ווי איך הייס.

די בלינדע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מיין נאָמען געחזר'ט.

איך האָב אַ בליק געטהון אויף יולקע'ן, אונזערע בליקען האָ־

בען זיך בעגעגנט, און מיר האָבען זיך שטיל און איינגעהאַלטען צולאַכט.

———

שטיל איז געווען אַרום. מיט אַ קיהלען, פרישען אָטעם האָט זיך לאַנגזאַם די נאַכט איבער אונז אַראָבגעלאָזען, און גרינע ציטעריגע שטערען האָבען אינ'ם טונקעלען הימעל אויפגעציטערט.

איך בין געזעסען נאָהענט פון יולקע'ן. זי האָט שטיל, ווי פאַר זיך, געקוקט אין דער ווייטעניש, איבער די בערג, וואו ס'האָבען נאָך שטיל געטליעט עטליכע פאַסען פונ'ם זון-אונטערגאַנג.

די בלינדע האָט דעם קאָפּ פערריסען און געפרעגט:

— זי, יולקע... זאָגט אַלע טאָג, אַז ס'איז דאָ אומעטיג... אַז קיינער איז דאָ נישטאָ... אָט דערצעהל איך אייך... איהר הערט?...

— איך הער. — האָב איך שנעל געענטפערט.

— ניין, אָט דאָ, קומט אַהער... זעצט זיך נאָהענט... נעבען מיר...

— איך זיץ דאָך נעבען אייך.

— איז גוט... וועל איך אייך דערצעהלען... יולקע זאָגט, אַז ס'איז אומעטיג... און ווען ס'קומט אַריין אַ פויער עפּיס פערקויפען צו אונז... רעדט זי מיט איהם לאַנג... נאָך וואָס דאַרף יולקע רעדען מיט פויערים?... כ'האָב איינמאָל ביי אַ פויער די האַנד אָנגערירט, איז זי געווען אַזוי ראַציג...

יולקע האָט אויף מיר אַ קוק געטהון, ביישענדיג די ליפּען פאַר געלעכטער.

— יולקע לאַכט... ווען איך זאָג איהר עפּיס, לאַכט זי... זי זאָגט, אַז די פויערים זענען גוטע מענשען... מ'דאַרף זיי ליעב האָבען...

יולקע האָט זיך הויך צולאַכט. די בלינדע האָט ווייטער גערעדט:

— יולקע, אָט וועל איך פרעגען ביי דעם הערר... ביי דעם פויער, וואו מיר וואוינען, איז דאָ אַ זוהן... אַנטאָש...

זי האָט מעהר פערריסען דעם קאָפּ, און שטאַרקער אָנגעהויבען דרעהען מיט די אַקסלען:

— אָט דער אַנטאָש האָט מיך פון דער שטריק-וויעג אַראָבגעוואָרפען... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך פאַל... איך פאַל פון אַ הויכען באַרג אַראָב... איך האָב זיך געוואָלט אין עפּיס אָנהאַלטען...

נאָר אין-דער-לופט איז גאָרנישט געווען... אַראָפּ... אַראָפּ בין איך געפאַלן... אָט די האַנט, זי טוט מיר נאָך וויי... אַנטאָש... דערמאָלט האָב איך אויך געהערט... זי, יולקע, האָט געלאַכט... און אָט מיט דעם אַנטאָש... רעדט זי שטענדיק, יולקע... ביז שפּעט אין דער נאַכט... זיצט זי מיט אים אויף דער באַנק... אָט מיט דעם...

— מאַניע! — האָט יולקע אַ געשריי געטאָן, און אירע טונקעלע אויגן האָט אויפגעבליצט אַ גאָלדען פײַערל פון כּעס.

די בלינדע איז שטיל געבליבן. אירע ליפּען האָבן זיך שפּיציק געעפנט, ווי אַ שנאָבל פון אַ שלעכטן פויגל, און אַ בייז-קרומער שמייכל איז פאַרגליווערט געבליבן אַרום איר מויל.

שטיל האָט שוין די נאַכט איבערן דאָרף געהאַנגען, ווען איך האָב זי צו זייער הויז באַגלייט.

זיי האָבן געוואוינט אין דער גרעסערער איבערגייער זײַט דאָרף פון מײַן אינזער. וועג איז געווען אַ זאַמדיקער. און בײַ זײַנע זײַטן זענען געוואַקסן, קרום געבויגענע פיכטע ווערבעס ביימער. וואָס האָבן זיך געשפּיגלט אין גרין-באַשוימטן וואַסער פון ראָוו, וואָס איז געלעגן הינטער זיי.

איך בין געגאַנגען נעבן יולקען. זי האָט געפירט די בלינדע פאַר אַ האַנט.

— ס'איז אַזוי ווייט... און ס'ווערט אַלעמאָל שווערער צו גיין...— האָט די בלינדע געזאָגט.

— צו וואָס-זשע גייסטו, ווען ס'איז דיר שווער? — האָט יולקע שנעל אַרויסגערעדט. די בלינדע האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף איר. יולקע האָט שווער געקוקט אויף דער בלינדער, ווי זי וואָלט אויף עפּעס געוואַרט פון איר.

די בלינדע האָט פּלוצלונג ברייט אויפגעריסן אירע ווײַסע אַפּלען, ווי זי וואָלט געוואָלט עפּעס דערזען, און אויפגערעגטע ברייט אירע שנאָבעל-ליפּען, האָט זי ווי אַ מין פאַרשטיקטן קרעכץ געטאָן, ווי זי וואָלט זיך טיף פאַרהוסט. ווען זי האָט צוריק איר מויל פאַרמאַכט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַזאַ געלעכטער.

באַלד האָט זי נאָכאַמאָל אַזאַ לאַך געטאָן, און געזאָגט:

— אַהאַ-אַ... דו, יולקע, ווילסט גיין אַליין...

נאָך אַ מינוט שטיל, האָט זיך יולקע געווענדעט צו מיר:

— אויב איהר דאַרפט אַהיים געהן, דאַנק איך אייך, וואָס איהר האָט אונז ביז אַהער צוגעפיהרט. מיר האָבען שוין נישט וויַט... אָט דאָ, אין אָנהויב וועלדעל, וואוינען מיר...

איך האָב אָנגעבאָטען, זיי צוצופיהרען.

— צו וואָס זאָל אייך אויסקומען ביַינאַכט אַהיים צו געהן... איהר וואוינט וויַט פון דאַנען?...

איהר קאָנט אַמאָל נישט טרעפען אַהיים... ס'וועט זיַן פינסטער, ביַינאַכט... — האָט די בלינדע זיך אָנגערופען.

— איך וואוין אין דער צווייטער זיַט דאָרף פון דאַנען, ס'וועט זיַן אַ האַלב וויאָרסט וועג... צווייטענס, געה איך ווען איך וויל און ווי איך וויל! — האָב איך זיך געכעס'ט, אַליין נישט וויסענדיג פאַרוואָס...

— וואוינט איהר אויף יענער זיַט דאָרף, — האָט יולקע אַ זאָג געטהון — איך בין נאָך דאָרט קיינמאָל נישט געווען... איז דאָרט עפּיס שען... שענער ווי דאָ?...

— יאָ, — האָב איך געענטפערט. — דאָרט, נישט וויַט פון דער באַהן־ליניע, איז פאַראַן אַ טיַיך, וואו איך באָדע זיך... און שיף זיך... דאָ ביַי אייך איז נישטאָ קיין וואַסער?...

אין דער מינוט האָט זיך מיַין האַנד אָנגערירט אָן איהרער, וועלכע איז ביז אין־דער־האַלב פערשאַרצט געווען. אונזערע בליקען האָבען זיך פלוצלונג בעגעגענט. זי האָט אַ מינוט געשוויגען. באַלד האָט זי אָנגעהויבען מיט אַ שטילער, ציטעריגער שטימע עפּיס צו זינגען. איך בין געגאַנגען שטיל און געהערט. די בלינדע האָט שווער געאָטעמט און מיד געגאַנגען, הויבענדיג הויך די פיס.

איך האָב פלוצלונג יולקע'ס האַנד גענומען, און געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט איהר נישט געוואָלט, איך זאָל אייך אָבפיהרען אַהיים?...

יולקע האָט נישט געענטפערט, זי האָט נור אַ שמייכעל געטהון; און ביַי דעם שמייכעל האָב איך דערזעהן, אַז איהר נאָז איז אַ ביסעל אַנ'אַראָבגעלאָזענע. איהרע פולע, בלוטיגע ליפּען האָבען זיך אין דער מינוט וויַיך אַ שלענגעל געטהון, זי האָט געוואָלט איהר האַנד פון מיַינער בעפריַיען, נאָר איך האָב זי מיט כח אָנגעחאַפּט און אַ דריק געטהון.

זי האָט דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, באַלד האָט זי געזאגט, קוקענדיג פון אונטען אַרויף אויף מיר:

— איהר וועט מיר ווייזען, וואו ס'איז דער טייך?...

— יאָ, איך וועל אייך ווייזען, ווען איהר וועט נאָר וועלען...

— כ'בין אמאָל געזעסען נעבען א טייך, האָב איך געהערט, ווי דאָס וואַסער האָט גערוישט אויפ'ן ברעג... — האָט די בלינדע געזאָגט. — ס'מוז זיין שרעקליך זיך צו באָדען אין א טייך...

— ס'איז נישט שרעקליך... — האָב איך געענטפערט. — איהר האָט קיינמאָל נישט געלעבט אין א דאָרף?

— ניין. איך בין ערצויגען אין שטאָדט... א פּאָר מאָל בין איך אויף זומער־וואוינונג געווען... און יעצט בין איך אַהער מיט יולקע'ן מיטגעפאָהרען... — האָט די בלינדע געענטפערט. איהר פּנים האָט זיך פלוצלונג פערקרימט, ווי זי וואָלט פון עפּיס געליטען, און צובויגענדיג זיך צו יולקע'ן, האָט זי געזאָגט:

— אָ, ווי לאַנג מיר געהען שוין!... איז נאָך ווייט, יולקע?

— מיר זענען שוין אין־דערהיים! — האָט יולקע געענטפערט, ווי זי וואָלט פון עפּיס ערוואַכט.

—————

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט אינ'ם אָנהויב פון א יונג, שיטער סאָסנע־וועלדעל, וואָס איז געווען אַרומגערינגעלט מיט קאָסטענס, רויט־געלבליכע פעלד־בלומלעך. דאָס הייזעל, אין וועלכען זיי האָבען געוואוינט, איז געווען א פּויערישעס, נאָר מיט אויפגעהויבענע, גרעסערע פענסטער אין א בלוי־געפאַרבטע פאָדערשטע וואַנד. הארט נעבען דעם איז געשטאַנען נאָך א קליין הייזעלע, ווי א קאַמערל, מיט א שטרוי־געדעקטען דאַך; דאָרט, זעהט־אויס, האָט געוואוינט דער ווירט פון די הייזלעך.

צוקומענדיג צו דעם פּלויט, מיט וועלכען דאָס הייזעל איז געווען אַרומגעצוימט, האָב איך געזעהן א פּויער־יונגעל זיצען אויף א קליין בענקעלע, זיין קאָפּ איז געווען אָראָבגעלאָזען אין זיינע הענט, פלאַקסענע האָר האָבען אַראָבגעהאַנגען צו זיינע קניע; ער האָט געשניצט מיט א קליין טאַשען־מעסערל א דיקע אָבגעבראָכענע צווייג פון א ווערבען־בוים. ווען מיר זענען דורכגעגאַנגען פאַרביי איהם, האָט ער זיין קאָפּ אויפגעהויבען. ער האָט אויסגעזעהן אַלט צו זיין א יאָהר אַכצעהן, זיין פּנים איז געווען א ברוינס און די אויגען טונקעל־בלויע. ער האָט א שמייכעל געטהון, און א בליק געבענדיג אויף דער בלינדער, האָט ער די צווייג אינטער

איהרע טריט אונטערגעלעגט. די בלינדע האט קרום א פאל גע־טהון, אנהאלטענדיג זיך אן יולקע׳ן.

איך האב אויפגעציטערט פון כעס. „דאס מוז זיין דער אנטאש, וועגען וועלכען די בלינדע האט דערצעהלט“ — האב איך א קלערע געטהון, און אויסגעשריען:

— פארוואס טהוסטו דאס, דו אונפערשעמטער?!

ער האט אויף מיר זייטיג א קוק געטהון, און געענטפערט שטיל:

— שרייט נישט, קיינער שרעקט זיך נישט פאר אייך...

— ער האט דאס נישט־ווילענדיג געטהון — האט זיך יולקע אנגערופען, שמייכלענדיג. די בלינדע האט געשוויגען. איהרע הענד האבען געציטערט.

ער האט זיך אויפגעהויבען און איז אוועק הינטער דער וואנד פונ׳ם הייזעל. די בלינדע האט נאך אלץ געציטערט, אנהאלטענדיג זיך אן יולקע׳ן.

די טהיר פונ׳ם הייזעל האט זיך פלוצלונג געעפענט, און אויף דער שוועל האט זיך בעוויזען א גרויליכע פרוי, מיט א ווינד־גע־קנייטשט [illegible], מיט גרויסע, ברוינע אויגען, און וועלכע איך האב באלד דערקענט יולקע׳ס מוטער. זי האט א פיהר געטהון מיט דער האנד איבער איהרע האר, און אויפהויבענדיג איהר האנד, וועלכע האט זיך ביז אין־דער־האלב ארויסגעזעהן פון איהר בלויען ברייט־צולאזענעם ארבעל, האט זי מיט א שטילער, קלינגענדיגער שטימע געפרעגט:

— וואס איז דא געוועזען, יולקע?

— גארנישט, מאמע; אנטאש האט נישט־ווילענדיג ישיעה מאניע׳ן אומגעווארפען...

יולקע׳ס מוטער האט די ליפען איינגעצויגען, איהר פנים האט אויסגעדרוקט פערדרוס, זי האט אבער באלד א שמייכעל געטהון, און געזאגט:

— נו, פערפאלען, מאניע. געה אהער, זעץ זיך דא אויף דער באנק... — דערנאך איז זי אריין אין שטוב, און פערמאכענדיג נאך זיך די טהיר, האט זי א רוף געטהון: יולקע!...

יולקע האט אוועקגעזעצט די בלינדע אויף דער באנק, וואס איז נעבען הייזעל געשטאנען. איך האב זיך געזעצט נעבען איהר. יולקע איז אריין אין שטוב.

— איר האָט זיך אַ קלאַפּ געטהון? — האָב איך געפֿרעגט די בלינדע, בלײַבנדיק מיט איר אַלײן.

די בלינדע האָט אַ מינוט געשוויגן, ווי צו עפּעס צוהערנדיק זיך. באַלד האָט זי זיך צוגעבויגן צו מיר, זי האָט מײַן האַנט געזוכט און נישט געפֿונען. זי האָט געשעפּטשעט:

— יולקע זאָגט: נישט־ווילנדיק... איר האָט געהערט, ווי זי האָט געלאַכט?... מיך שרעקט דאָ אַזוי!... — זי האָט זיך אינגאַנצן צו מיר צוגעבויגן — איך קען אײַך נישט... דאָס ערשטע מאָל... נאָר איך ווייס, אַז איר וועט קיינעם נישט דערציילן... איר זענט אַ גוטער... איר האָט געשריען אויף אים... איך האָב געהערט...

זי האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגן, אַלץ ווי צו עפּעס צוהערנדיק זיך, מיט אַ פֿאַרקרימטן שמייכל. באַלד האָט זי אַ דרייע געטהון מיט די אַפּלען און ווײַטער געשעפּטשעט:

— נישט־לאַנג... מיט אַ פּאָר טעג פֿריִער, בײַנאַכט... זאָגט זי, יולקע: „די לבֿנה שײַנט אַזוי העל"... און כ'הער, ווי אַנטאָש קומט שוין אָן אין פֿײַפֿט... „יולקע, — זאָג איך, — קום שוין שלאָפֿן, כ'וועל דיר עפּעס דערציילן"... „ניין, — זאָגט זי, — די נאַכט איז אַזאַ ליכטיקע, קיינער שלאָפֿט נאָך נישט... אָ, אַנטאָש פֿײַפֿט נאָך, הערסט?"... אין שפּעטער האָב איך געהערט, ווי זיי האָבן גערעדט — ער, אַנטאָש, פֿרעגט: „פֿאַרוואָס?"... זאָגט זי, יולקע: „ווײַל איך האָב דיך ליב, אַנטאָש... ווײַל דו ביסט אַזאַ שיינער. אַ שטאַרקער... האָסט פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא"... אָ, איך קען איר נישט זאָגן... זי וועט לאַכן... ווען איך זאָג איר עפּעס — לאַכט זי...

— איך האָב גערעכנט, אַז איר זענט יולקעס אַ שוועסטער... — האָב איך געזאָגט.

— ניין. — האָט די בלינדע געענטפֿערט — איך בין שוין צוויי יאָר בײַ זיי אין שטוב... איך האָב זיך צוגעוווינט צו די מענטשן... איך האָב זיי ליב־בעקומען... יולקעס מאַמע איז אַ גוטע פֿרוי... זי האָט מיך ליב... דערפֿאַר בין איך בײַ זיי...

— נו, און דער פֿאָטער יולקעס וואו געפֿינט זיך?... קומט ער ווען אַהער?

— אָ, יולקעס פֿאָטער איז געשטאָרבן!... שוין פֿינף יאָר... די מוטער מיט'ן פֿאָטערס אַ ברודער האָבן אין שטאָדט אַ גרויס

גאָלד-געשעפט... נאָר הערט: זאָגט זי, יולקע: „ווײַל איך האָב דיך ליב, אַנטאָש"...

די בלינדע האָט זיך אַ מינוט פערקלערט, ווי עפּיס הערענדיג.

— יולקע מוז נאָך זעהר יונג זײַן... — האָב איך אויסגענוצט די מינוט.

— יולקע... זיבעצעהן יאָהר... נאָר זי איז שוין ווי אַן אַלטערע...

איך האָב אַ שמייכעל געטהון. די בלינדע האָט דאָס דערפילט, און געשאָקעלט מיטן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, גלויבט מיר...

זי האָט געקוקט אויף מיר מיט איהרע ווײַסע אַפּלען, באַלד האָט זי זיך ווי אַ חאַפּ געטהון און ווײַטער גענומען דערצעהלען:

— בײַנאַכט הער איך... עפּענט זי דאָס פענסטער אויף...

איך האָב אַ קוק געטהון אויף דער טהיר, וואָס האָט זיך שטיל געעפענט — יולקע איז אויף די שפּיץ פינגער צו אונז געגאַנגען. זי האָט זיך אַ ביסעל אָנגעבויגען, ווערענדיג דערהערען, וואָס די בלינדע רעדט. נישט ווערענדיג, אַז יולקע זאָל דערהערען, האָב איך פרעהליך אויסגעשריען:

— אַט געהט פרײַלײַן יוליאַ!

די בלינדע האָט אַ צאַפּעל געטהון און איז שטיל געבליבען מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. יולקע איז צוגעקומען צו אונז. אַ מידער ערנסט איז געווען אויסגעגאָסען אויף איהרע אויגען. זי האָט אַ לאַנגען בליק געוואָרפען אויף דער בלינדער אין, זעצענדיג זיך נעבען מיר, פרעהליך אַ זאָג געטהון:

— נו, ווי פערברענגט איהר דאָ?...

זאָגענדיג דאָס, האָט זי אַ שמייכעל געטהון, פון וועלכען איהר געזיכט האָט זיך אַ ביסעל אַראָבגעלאָזען. איך האָב איהר טיעף אין די אויגען אַרײַן אַ קוק געטהון. איך האָב געפיהלט, אַז יולקע איז ווי די זון, וואָס האָט אויפגעשײַנט — נאָכ'ן דערצעהלען פון דער בלינדער, וואָס האָט דערמאָהנט אין אַ לאַנגען קאַפּענדיגען רעגען...

ס'איז שוין גוט נאַכט געווען, און אין דעם שטילען, טיעף-בלויען נאַכט-רוים האָבען גרינע זילבער-שטערען געציטערט. אַרום, איבער די אין טיעפער נאַכט פערהילטע פעלדער, האָט זיך די אייביגע שטילקייט געטראָגען. ערגעץ-וואו האָט אפשר אַ הונד געוויינט, אָדער אַ פויערטע האָט אויפ'ן הויכען קול איבער איהר

שכור׳ען מאַן געשרײַען, נאָר דאָס האָט אַלץ נישט געשטערט די טיפע שטילקייט און רוה, וואָס האָט געהערשט אין דער נאַכט אויפ׳ן דאָרף.

יולקע איז געזעסען נעבען מיר. איהר קאָפּ איז געווען אַ ביסעל ווײַטיג פערוואָרפען. זי האָט עפּיס שטיל געזונגען, און עפּיס אַ שטילע בענקשאַפט האָט זיך געהערט אין איהר זינגען, ווי זי וואָלט עפּיס געבעטען, עפּיס שווערעס-שווערעס געוואָלט דערצעהלען... ס׳קאָן זײַן, ווײַל איך האָב אין דער מינוט געקלערט, אַז דאָס מיידעל, מיט׳ן קלאָרען, בלייך-ראָזען פּנים, מיט די גרויסע, שטילע אויגען, וואָס פילען זיך אָן מיט אַזאַ מיידעלש-צישראַקענעם שמייכעל, ווען מען רעדט צו איהר, האָט שוין אַמאָל געזאָגט: „ווײַל איך האָב דיך ליעב, אַנטאָש“, — דערפאַר האָב איך געהערט אַזאַ טרויער אין איהר זינגען...

— ווי פאַלט איהר אויס צו קומען אַהער אויף זומער-וואוינונג, פרייליין יוליאַ? — האָב איך פּלוצלונג אַ פרעג געטהון.

— וואָס איז דען?...

— דאָ איז דאָך אייגענטליך אַ דאָרף, בלויז פּויערים... איהר וואוינט דאָ אַליין, דרײַ פרויען... איהר האָט גאָר קיין מורא נישט?...

— גאַנצע נעכט שלאָף איך נישט, — האָט די בלינדע אָנגעהויבען, — נור עס דאַכט מיר, אַז מ׳געהט אַהער... בײַנאַכט קלאַפּט עפּיט אין די פענסטער... ווי ס׳וואָלט עמיצער אַרײַנגעקוקט... יענע נאַכט האָב איך געהערט, ווי מ׳האָט געלאַכט...

— חאַ-חאַ-חאַ! — האָט זיך יולקע צולאַכט. — נעכטען, ווען דו ביסט אויפגעשטאַנען, איז שוין האַלבער טאָג געווען, האָט מען געלאַכט...

— יאָ, איך שלאָף נישט... הער איך...

איך האָב געפרעגט יולקע׳ן, פאַרוואָס זי וואוינט נישט אין וו., דרײַ ווייאָרסט פון דאַנען; דאָרט וואוינען כמעט בלויז שטאָדטמענשען.

— דאָ איז שטילער, שענער...—האָט זי געענטפערט, און צוגעגעבען: — פאַרוואָס וואוינט איהר דאָ?...

מיר האָבען געשמועסט וועגען דאָרף, וואו שטאָדטישע מענשען קומען רוהען דעם זומער... „וואו מען געפינט אין די וועלדער פּאַפּיערלעך, שאָלעכץ פון פּאָמעראַנצען“ — האָב איך צוגעגעבען.

יולקע האָט זיך צולאַכט:

— יאָ, דאָס איז אמת...

זי האָט זיך אַ מינוט פערקלערט, דערנאָך פלוצלונג מיין האַנד אָנגעכאַפּט, זיך צעוויינט אין אַ קלינגענדיג געלעכטער:

— יאָ, דאָס איז אמת, וואָס איהר האָט געזאָגט, — חאַ-חאַ-חאַ! איך האָב מיטגעלאַכט.

— וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, מ'זאָל ביינאַכט אַזוי הויך לאַכען? — האָט די בלינדע אומגעדולדיג אַרויסגערעדט, און מאָדנע שווער אָנגעהויבען עטעמען.

פלוצלונג האָב איך אַ שטילען פייף הינטער זיך דערהערט; פון הינטער דער הויז-וואַנד איז אַנטאָש אַנגעקומען, מיט אַ שטעקען אין האַנד, פיהרענדיג אַ גרויסען שוואַרצען הונד אויף אַ קייט. ער איז שנעל פאַרביי אונז דורכגעגאַנגען. איך האָב איהם נאָכגעקוקט.

— עס מוז שוין זיין שפּעט: אַנטאָש געהט שוין אויף דער וואַך! — האָט יולקע געזאָגט.

— אויב איהר ווילט שוין געהן שלאָפען, וועל איך אייך נישט שטערען... — האָב איך זיך אויפגעהויבען.

— ניין, — האָט יולקע געענטפערט, — ס'וועט נור אייך זיין שפּעט אַהיים צו געהן... מיר געהען נאָך נישט שלאָפען...

די בלינדע האָט מיט דער האַנד דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט און געזאָגט:

— אַליין-איינס שלאָף איך נישט... און דאָ זיצען איז אַזוי שרעקליך... מורא'דיג... מ'הערט קיין מענשען נישט... דאַכט זיך, יולקע, אַז אַנטאָש האָט שוין געפּייפט...

יולקע האָט נישט געענטפערט.

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — ער איז דאָ פאַרביי געגאַנגען.

די בלינדע האָט דעם קאָפּ פערריסען, און ווי עפּיס זיך צוגעהערט. זי האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגען, דערנאָך איז אַ פּלוצלונג טרוקען שלוכצען אויסגעבראָכען. איהר פּנים איז, דאַכט זיך, געוועזען רוהיג, די ליפּען אויסגעשנאָבעלט.

— גאַנצע נעכט הער איך איהם... אונטער'ן פענסטער... איך קאָרטשע זיך... איך מאַך קיין אויג נישט צו...

איהר אָבגעריסען געוויין, אין דער אַרומיגער שטילער נאַכט, האָט געשראָקען, ווי ס'וואָלט פּינ'ס וויטען ווייטען וואַלד אַ מענש פון אונטער'ן גזלנ'ס האַנד געבעטען...

יולקע האָט דער בלינדערס האַלז אַרומגענומען, און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט דעם צושראָקענעם שמייכעל, ווי זי וואָלט געבייגט, און וואָס מען בעשולדיגט זי.

איך בין אויפגעשפרונגען פונ'ם אָרט, נאָר יולקע האָט מיר מיט דער האַנד געוויזען, איך זאָל זיין רוהיג...

די בלינדע האָט שוין יעצט שטילער געוויינט, נאָר וואָס שטילער דאָס געוויין, אַלץ מעהר האָט עס געשראָקען...

מיין בליק האָט זיך געווענדעט צו דער טהיר פונ'ם הייזעל.

— די מאַמע מוז שוין שלאָפען. — האָט יולקע געזאָגט. נאָר אין דער מינוט האָט זיך די טהיר געעפענט און ס'האָט זיך דערהערט דער מוטערס שטימע:

— יולקע, אין שטוב אַריין!

יולקע האָט מיר די האַנד דערלאַנגט:

— אַ גוטע נאַכט!

זי האָט די בלינדע אין שטוב אַריין געפיהרט.

— אַ גוטע נאַכט!... — האָט די בלינדע גערעדט וויינענדיג. — קומט צו אונז... ס'איז דאָ אַזוי שרעקליך...

איך בין שוין געווען ווייט פון זיי. כ'האָב נור געהערט דאָס צומאַכען פון יולקע'ס טהיר...

ז. סעגאַלאָוויטש.

ליִרישע פראַגמענטען.

I

כ׳וואָלט שטענדיִג געלאָפען
אָהן ציִעל און אָהן זיִן;
אויף דָרום, אויף צָפון —
איִך וויים ניִשט וואוהיִן.

איִך וויים ניִשט, נאָך ויִמען
איִך בענק אַזוי לאַנג...
אַנ׳אייביִגעם קלעמען,
אַ שטומער פערלאַנג...

II

נאָך איידער איִך ביִן אויף דער ערד דאָ געבאָרען,
האָט דאַן מיין נְשָמָה שוין עפּיִס פערלאָרען...
זיִ זוכט און זיִ קאָן שוין דעם סוד ניִשט געדענקען,
דעריבער איִז אייביִג מיין אומרוה, מיין בענקען...

ס'קאָן זײַן זי האָט פֿליגעל געהאַט, מײַן נשמה,
ס'קאָן זײַן זי האָט ערגעץ פֿאַרזאַמט אַ נקמה...
זי באָדט זיך אין טרויער בײַ מיר אין די אויגן
און קאָן שוין נישט פֿרײַ זײַן, און קאָן זיך נישט בויגן...

III

מײַנע אײַנזאַמע טעג
אויף מײַן אײַנזאַמען וועג...
ווי זײ לויפֿן געשווינד,
מיט'ן ווינד, מיט'ן ווינד...

עס טהוט באַנג יעדע שעה...
שוין קײן יוגענד נישטאָ.
און אַזוי פֿיעל געשוואַרט,
און אַזוי זיך גענאַרט.

מײַנע אײַנזאַמע טעג
אויף מײַן אײַנזאַמען וועג!
ווי פֿאַרהאַלט מען די צײַט,
וואָס אַנטלויפֿט מיט אײַך ווײַט?...

IV

אין טומעל פֿון לעבען פֿאַרליער איך
די שענסטע פֿון מײַנע פֿאַרלאַנגען;
מיך טרײסט נישט די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון מענשען,
צו גאָט איז מײַן צער נישט דערגאַנגען.

איך גײה מיט מײַן תּפֿלה אין הארצן,
איך זוך און איך קאָן נישט געפֿינען
אַ ווינקעל צו דאַווענען בעזונדער,
בעזונדער דעם הימעל צו דינען...

עס זענען מיר פֿרעמד אַלע טעמפּלען,
וואָס אנדערע בויען און שאַפֿען.
זיי מאַכען דעם הימעל נישט נעהנטער,
די טעמפּלען... עס בויען זיי שקלאַפֿען.

V

שפּריץ מיט פּערל-טראָפּענס,
זילבערנער פֿאָנטאַן!
ביי די קלײנע שטראָמען
קניעט אַ בלאַסער מאַן.

זינדיג און צושראָקען
שטרעק איך אויס די הענד;
שפּריץ מיט קאַלטע טראָפּענס —
מײַן נשמה ברענט...

יעדער פֿרישער טראָפּען
שווײַנקט אראָב אַ זינד...
און די אויגען זעהען,
ווי עס בליהט און גרינט...

VI

דער ווײַסער זעגעל פלאַטערט ,
דער ים איז ברייט און טיעף...
דער ווײַסער זעגעל פלאַטערט —
פֿעראַנקערט איז דאָס שיף.

ווען ווען דאָס שיף בעפרייען
א העלד א קאַפּיטאַן, —
צופּליקט וועט זיין אויף ברעקלעך
דער ווײַסער זעגעל דאַן...

ידידיה מרגלית.

די נקמה פון דער ליעבע.

(ערצעהלונג).

I

עס איז שוין געווען ווינטער, ווען שמואל פעווזנער איז געקומען פון ווילנא אהיים, אין סטארא־באיאר. ערשט מיט א פאר טעג פריהער האט מען די דאפעלטע פענסטער אריינגעשטעלט, די שפארעס מיט פאפיר פערקלעבט און אין די ראמען זאמד ארום גלעזער מיט אליעם אנגעשאטען און מיט וואטע פערצויגען. דער פראסט האט שוין זיינע קריסטאלענע קווייטען אויף די שויבען אויסגעמאלט. אויף שמואל'ן האט א וועה געגעבען מיט דער ווייטער, ווייטער יוגענד. אויף די הארטע פערפרארענע גאסען איז געלעגען ווייכער, ווי וואל, שניי, אין וועלכען די פוס האט אזוי צארט פערזונקען, ווי אין סאמעט. ביי טאג איז ער, מייסטענס, געזעסען אין דער־היים. ביי טאג האט ער געקאנט אין גאס בעקאנטע טרעפען. וואס וועט ער ענטפערן אויף דער שאלה: וואס טהוט ער איצט אין סטארא־באיאר? ביינאכט פלעגט ער אליין אין די גאסען וואנדערן. דיזעלבע הייזער, דיזעלבע איינזאמע גאסען, דיזעלבע נאקעטע דעמבען אויף די הויפען און דערזעלבער הימעל. עס זענען געווען ליכטיגע נעכט, מיט דער לבנה און אהן דער לבנה, בלויע מיט פינקלענדיגע שטערען אויסגעשאטען און טונקעלע מיט גרויע וואלקענס, דורכגעזייפט מיט א זילבערנעם לבנה־שיין. די

לופט איז געווען שטייף און קאלט. פונקט פאר א יונגער הייסער ברוסט. ער האט אמאל געשוועבט אויף די דאזיגע גאסען, ער מיט אנ׳עולם יונגווארג.

שמואל איז געקומען אהיים אונערווארטעט. מען האט איהם פלומר׳שט געפרעגט, וואס מאכט ער און וואס הערט זיך אין ווילנא. די עצם פראגע, פארוואס ער איז געקומען, האבען זיינע עלטערן און ער זיך געהיט נישט צו בעריהרען. דער טאטע האט גלאט געשוויגען: ער האט שוין לאנג זיך מיאש געווען פון שמואל׳ן; א בחור, וואס האט געקאנט ביי זיך פועל׳ן בלייבען א לערער, א מלמד, איז סתם קיין מענש נישט. צורעדט האט ער זיך וועגען דעם מיט דער מאמען ערשט אויף מארגען, ווען זיי זענען גראד געבליבען אליין...

ווען דבורה, זיין מאמע, האט דערפיהלט, אז זי איז איינע אליין, אויג אויף אויג, מיט איהר שמואל׳ן, מיט איהר קינד, מיט די גרויסע, שווארצע אויגען און מיט׳ן אייביגען שמייכעל אויף זיינע נאך-פרישע ליפען, וועמען זי האט, דוכט זיך, ערשט נישט לאנג אויפ׳ן שויס געהאלטען, א שלעפערדיגען אין בעט געטראגען, אויסגעטהון און שלאפען געלעגט, מיט׳ן אנגענעהמען קינדערשען געלעכטער, וועלכען זי פלעגט אין מינוטען פון בענקונג זיך סטארען צו דערמאהנען, איז זי געווארען רויט און א טוי האט פערלאפען איהרע האלב-אויסגעלאשענע אויגען.

שמואל האט נישט געווארט ביז די מאמע וועט איהם פרעגען נאך וואס ער איז געקומען און ער האט אליין אנגעהויבען צו רעדען:

— איך בין געקומען אהער אויף א גאנצען ווינטער...

— זעהר גוט! — האט דבורה טרויעריג און געדריקט געענטפערט.

שמואל האט מיט א טרויעריגען שמייכעל צוגעגעבען:

— איך האב געלד.

א קליין פייערל האט א בלישץ געגעבען אין דבורה׳ס אויגען, נאר זי האט פערביסען די ליפען, איהר פרייד נישט ארויסצווייזען. ביי איהר וואלט שמואל געווען אנ׳אנגעלעגטער גאסט אפילו ווען ער וואלט קיין גראשען געלד נישט געבראכט, איהר פרעהט עס נור צוליעב דעם טאטען...

מען האט איהם אבגעלאזט א בעזונדער צימער; פארט א מענש, וואס האט געלד. האלב אין ערנסט און האלב אין שפאס

האָט ער זיך מיט דער מאַמען בעדונגען, מען זאָל יאָדען טאָג הייצען אין אויוועלע: נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, אויף די „עלטערע יאָהרען״ ברעכיין איהם די ביינער. אין ווירקליך, איז שמואל געוועזן מיד. דאָס איז געווען אַ מידיגקייט, פון וועלכער קיין שלאָף און קיין רוה קאָנען נישט בעפרייען. אין צימערל איז געווען זויבער און ליכטיג. געריעדט האָט וועגען דער פריעדליכער שטילקייט אַ וועק־זייגער מיט אַ מעטאַלענעם קול. און אַ געפּהל פון שטילען גליק האָט אָנגעפילט שמואלס האַרץ, ווען ער איז צום ערשטען מאָל געבליבען אַליין אין צימערל ביים היסען קאַפּעל־אויוועלע. מיט ריינקייט און יוגענד האָט געוועהט פון ווייסען בעט־צייג און פון ציכטיגען טישטוך. דער זייגער האָט היימליך געשלאָגען, די לאָמפּ האָט געברענט און אין פענסטער האָט אַריינגעקוקט אַ ליכטיגע, פראָסטיגע נאַכט און אַ בריליאַנטענע שניי־וועלט.

אויף יענער זייט פענסטער זענען וואונדער געשעהן. דימענטען האָבען געברענט מיט אַ פאָספאָרישען ליכט אויף די שניי־בעדעקטע דעכער. שוואַרצע, לאַנגע , משונה׳דיגע שאָטענס האָבען זיך געלעגט פון די הייזער, פון די ביימער און גערטנער, פונ׳ם פייער־לעשער־טורם. ווייטע שטרעקען האָבען אינטער׳ן גאָלדיג־זילבערנעם שיין פון דער לבנה געברענט, ווי קריסטאַל אין פערל־מוטער. די שביצען פון די הוילע בוימער זענען געווען שוואַרץ פון די קאָמפּאַניעס שלאָפענדיגע קראָהען.

„ווען איך וואָלט געווען יונג!״ — האָט שמואל געטראַכט.

ווען ער וואָלט געווען יונג, וואָלט ער איצט אויפ׳ן „קאַטאָק״ געווען, ער וואָלט געוועזן שכור פון מיידעלשען, קלינגענדיגען געלעכטער און מיידעלשע פלאַמענדיגע בעקעלעך. יונגוואַרג ווינטער אויפ׳ן גליטש!

II

פון שמואלס אַמאָליגע חברים איז כמעט קיינער נישט געבליבען. די מוטיגערע און שטאַרקערע זענען אין דער גרויסער וועלט אַוועק. אָבגעשטעלט האָבען זיך נור די שוואַכערע, די שלים־מזלות. זיי זענען געווען צוויי: דניאל פרענקעל, אַ לעהרער אויף רוסיש. און ראובן וויינער, אַן׳אַלטער בעל־הבתישער בחור. אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך שמואלס קימען, האָבען זיי זיך בעוויזען מיט אַ וויזיט. זיי האָבען זיך, פונקט ווי סטאַראָ־באַיאַר, נישט געביטען. דערזעלבער פרענקעל מיט די האַמעטנע בעוועגונגען, מיט

די תמיד־אָנגעפּראָרענע הענט און אויערן, מיט די שאַרע, דורכדרינגענדיקע אויגן און מיט זיינע אָנגעטראָגענע קליידער: אַ בלוזע פון פינפטן יאָר, אַ מאַנטל פון דער ישיבה און אַ יאַרמלקע פון דער צייט פון די ערשטע עקאָנאָמישע שטרייקן. פּונקט ווי פריער ווייסט ער אַלץ און קען קיין זאַך נישט. דערזעלבער ווינער, אַ לייטישער בחור מיט אַ פּאָר שענע, אימפּאָנירנדע וואָנצעס, תמיד עלעגאַנט געקליידט אין ריינע מאַנזשעטן און קראַגנס, ברונעט און הויך, דוכט זיך, אַ מענטש באַשאַפן פאַרן לעבן, נאָר אין זאַך פעלט אים: ער האָט קיין פּראָפעסיע נישט. ער האָט קיין געשעפט נישט. זוכט ער עס. נאָר ער זוכט עס שוין גאַנצע צען יאָר.

שמואל האָט זיי אַריינגעפירט צו זיך אין צימערל. פרענקעל האָט, ווי זיין שטייגער, געשוויגן, געזעצט זיך אויף אַ שטול און אָנגעקוקט שמואלן מיט אַ קוים־באַמערקבאַרער פרייד: אַן אַלטער, אַמאָליקער חבר. ווינער, דאַקעגן, האָט זיך גענומען גאַנץ ברייטלעך אויספרעגן שמואלן, ווי ער האָט געלעבט אין ווילנע און נאָך צוואַנציק אַנדערע פראַגן, וואָס מען פרעגט ביי אַזאַ מין געלעגנהייט.

שמואל האָט געענטפערט אויף זיינע שאלות מיט האַלבע ווערטער. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— זיי מיר מוחל, דו פרעגסט מיך נאַרישע שאלות. ווילנע איז טאַקע אַ גרויסע שטאָט, יידן לעבן דאָרט. זיי מאַכן געשעפטן, זיי באַנקראָטירן, זיי עמיגרירן; עס זענען דאָרט פאַראַן כלל־טוער, פאַראיינען, צייטונגען און, בכלל, אַ געזעלשאַפטלעך לעבן. אָבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טאָן? איך בין דאָרט געווען, נישט מער, ווי אַ רעפּעטיטאָר ביי גימנאַזיסטן פון זעקסטן און זיבעטן קלאַס. איך בין אַ פאַכמאַן...

— אַ פאַכמאַן אויף גימנאַזיסטקעס?

— און זייערע עלטערע שוועסטער און אינטעליגענטע מאַמעס!

אויף פרענקעל'ס געזיכט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעל פון אַ נזיר ביים אָנבליק פון אַ זינדיקן, וואָס טראָגט נאָך דעם פאַרשכורנדיקן ריח פון זינד אין זיינע קליידער.

דערנאָך האָבן זיי נאָך לאַנג גערעדט: דאָס איז געווען איינער פון יענע שמועסן, ביי וועלכע מען רעדט און דאָס האַרץ איז ווייט פון די ווערטער און אין הינטערגרונט פון געדאַנק קלערט

זיך וועגן אַנדערע זאַכען און עס נאָגט ערגעץ טיף די זאָרג.

— חברה, לאָמיר גאָר אַרײַנגעהן צו חיה'לען! — האָט ווײַנער ענדליך פאָרגעשלאָגען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ חיה'לע? — האָט שמואל געפרעגט.

— מיר בײדע האָבען שוין געמעגט זײַן אירע טאַטעס... נאָר זי איז קלוג, ווי אַנ'אַלטע.

— און שען?

— ממש נישטאָ קײן ווערטער.

שמואל האָט זיך געווענדט צו פרענקלען:

— און דו קענסט זי אויך?

פרענקעל האָט אַ קנײטש געגעבען דעם שטערן:

— אַנ'עופ'עלע!

— אַזוי? שלעפסטו זיך גאָר אַרום מיט עופ'עלעך — האָט שמואל גע'חוזק'ט פון ווײַנער'ן.

— ווען ער געהט מיט זי אין גאַס, זעהט ער אויס, ווי אַנ'אַלטע הוהן מיט הינדעלעך! — האָט פרענקעל אַ זאָג געגעבען.

אַ בײז פײַערל האָט אַ בלינצעל געגעבען אין ווײַנער'ס אויגען און ער האָט שטיל אין אײַנגעהאַלטען געענטפערט:

— ביסט אַנ'אַלטער וואָרים!

— קריגט זיך נישט, קינדער! — האָט פעווזנער זי אײַנגענומען און אין זעהר אַ הײַטערער שטימונג איז ער מיט ווײַנער'ן אַוועק צו חיה'לען.

ווען ער האָט דערזעהן חיה'לען, איז ער אומעטיג געוואָרען. אַזאַ פרישע, אַזאַ בליהענדע שענהײַט! עס איז אין איהר געזען דער דופט פון דעם ערשטען ראָזען עפּעל פון זומער, אויף וועלכען אַ יוד מאַכט שהחינו. פעווזנער'ן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מײדעל, וואָס ער זעהט. ווי אַ קלײן ווערפעל האָט זי מיט אירע שאַרלאַך־בלויע אויגען געקוקט פון אונטער דעם שטערן אויף פעווזנער'ן, דעם בעריהמטען סטאַראָ־באָ'אַרער דאָן־זשואַן, וועגען וועלכען זי האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט. אין איהר יעדער בעוועגונג מיט איהר שלאַנקען קערפּער מיט די האַלב־צײַטיגע, אָבער געטאָקטע פאָרמען האָט זיך געשפּירט, אַז זי האַלט עקזאַמען פאַר אַנ'עקספּערט אין פרויען־שענהײַט, און איהר קלײן הערצעל האָט זיך געצאַפּעלט פאַר פרײד, בעמערקענדיג ווי פעווזנער עסט זי מיט די אויגען.

— זיצט, גאָספּאָדין פּעווזנער!

בײַ פּעווזנער׳ן איז דאָס האַרץ פּערגאַנגען, הערענדיג זײַן נאָמען אַרויסגערעדט פון חיה׳לעס יונגע ליפּעלעך, וואָס זײַנען געווען געפאַרבט אין בלוט און מילך.

עס האָבען זיך דערהערט קלעפּלעך אין טהיר פון חיה׳לע׳ס צימערל. חיה׳לע איז לײַכט, ווי אַ פלינקע וועוויאָרקע, אויפגעשפּרונגען און אויסגערופען: אַרײַן, קינדער! און עס זענען אַרײַנגעפלויגען אָהן אַנ׳אָטעם צוויי זיבצעהן-אַכטצעהן-יעהריגע מיידלעך. עס איז אָן זייערע פּערפלאַמטע געזיכטער געווען קענטיג, אַז זיי האָבען אויף דער גאַס אין „סניעזשקעס" געשפּילט. מיט אַ געשיקטען רעווערענס האָט חיה׳לע פאָרגעשטעלט אירע חבר׳טעס פאַר די געסט: ליזע ב. און פאָליע ה. ליזע איז געווען הויך און שלאַנק, מיט שוואַרצע, אײַנגעפאַלענע אויגען. אָנגעטהון איז זי געווען אין גימנאַזיסטישע, ברוין-טונקעלע קליידער, אַ היט האָט זי געטראָגען אויך אַ טונקעלען מיט ברייטע ראַנדען. פון איהר גאַנצער בענעהמונג, פון איהר טונקעלען, אָנגעשטרענגטען און בעגײַסטערטען געזיכט, פון אירע שײַנע, עטוואָס נאַכלעסיגע בעוועגונגען איז געפאַלען אַ שאָטען, וואָס פלעגט מאַכען אַ טיעפען אײַנדרוק. פאָליע, דאַגעגען, איז געווען, ווי קיועקזילבער, בעווענליך; אַלץ אין איהר האָט געשפּילט און געשעמערירט: איהר פול פּנימ׳על מיט דעם וועגעלע אויף דער קין, מיט אירע קלאָרע ציינדלעך, מיט איהר גרוי קאָפּטעלע מיט די נײַ-גאָלדענע קוטאַסען. עס האָט פון איהר געשפּריצט מיט יוגענד.

פּעווזנער האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען און אַ זאָג געגעבען:

— איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהן מיידלעך מיט רויטע בעקעלעך!

— פּאָזשאַלויסטאַ, גאָספּאָדין פּעווזנער, נור נישט מיט איראָניע!—האָט פאָליע, ווי אַ מושב׳ער מענש, אַ זאָג געגעבען פּעווזנער׳ן.

פּעווזנער מיט ווײַנער׳ן האָבען זיך נישט-ווילענדיג צולאַכט, הערענדיג אַזאַ שטרענגען אויסרייד פון אַ קינד.

— וואָס טהוט מען איצט?—האָט חיה׳לע געפרעגט דער געזעלשאַפט—מען דאַרף עפּיס צוטראַכטען!

— אַז דײַנע געסט זענען לאַנגווײַליגע!—האָט פאָליע זיך געבייזערט, מעשה קינד.

— שפּילט אין צייכענען! — האָט פּעוזנער פאָרגעשלאָגען.

— און וואָס מיינט איהר, מיר האָבען קיין צייכענען נישט? — האָט חיה'לע געזאָגט און פון אַ פּודעלע אַרויסבעקומען ווייסע שטיינדלעך, וועלכע זי האָט נאָך זומער אָנגעקליבען אויפ'ן פעלד. פלינק האָט זי איהר פּיטערל, מיט פּיי אונטערגעשלאָגען, אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע, אַ וואינק געגעבען צו פּאָליע'ן און זיי האָבען זיך ביידע געזעצט אויף דער ערד און גענומען שפּיעלען.

— גאָספּאָדין פּעוונער, קוקט זיך נור איין אויפמערקזאַם! — האָט חיה'לע בעפוילען.

— איך דאַנק אייך פאַר דער אָנגענעהמער אַרבייט! — האָט פּעוונער אַ ביסעל בעליידיגט געזאָגט.

— אייך געפעלט זי נישט?

— אָ, ניין! וואָס דאַרף מען בעסער, ווי קוקען אויף אייך? — האָט פּעוונער האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט געענטפערט.

ליזע האָט דערווייל זיך געזעצט אויף דער סאָפע, פ'ן אַ ווינקעל פון הינטער אַנ'אויסגעהעפטען האַנדטוך בעקומען אַ גיטאַרע און האָט אָנגעהויבען צו נעהמען אויף איהר טענער.

אַ לאָמפּ מיט אַ גרינער אַבאַזשור האָט אָנגעפילט מיט אַ ווייכען, ליעבליכען ליכט דאָס קליין צימערל מיט די העלע, מיידעלשע טאַפּעטען, מיט די קליינע קײלעכדיגע טישלעך, וועלכע זענען געווען אַרומגעצויגען מיט קלאָרע טיכער, מיט אַנזיכטס־קאַרטען אויף די ווענד. ווי אַ פּערליעבט, צובראָכען האַרץ האָט געקלונגען די גיטאַרע אונטער ליזע'ס האַנד.

אַ צוזודערטער האָט פּעוונער פּלוצלינג זיך אויפגעהויבען און זיך געזעגענט מיט דער קאָמפּאַניע. חיה'לע האָט איהם שטאַרק געדריקט די האַנד און זיך ענטשולדיגט פאַר איהם, וואָס מען האָט איהם געלאָזט זיצען אַליין.

קומענדיג צו זיך אין צימער האָט פּעוונער זיך אַנידערגעוואָרפען אויף זיין בעטעל. ער האָט זיך געפיהלט מיד און אויסגעשעפּט, ווי נאָך אַ הייסער וואַנע. אין רעכטען אויער האָט אָהן אַנ'אויפהער געהילכט אַ טאָן און די ביינער האָבען איהם געבראָכען.

III

פּעוונער איז שוין גאַנצע פינף טעג געווען אין דער־היים. ער האָט זיך איינגעלעבט מיט זיין קליינעם, וואַרימען צימער'ל, אין וועלכען ער האָט פערבראַכט כמעט דעם גאַנצען מעת לעת. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ענדליך, נאָך לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען, האָט ער געפונען אַ ווינקעל פאַר זיין צעטרייסעלטען קערפּער. פאַר זיין קאָפּ מיט די אַלטע מיגרענען, פאַר זיינע פערקאַטערטע לונגען. ערגעץ ווייט איז פערשוואונדען זיין ווילנער לעבען און די נאָהענטע פערגאַנגענהייט. צוזאַמען דערמיט איז אויסגעמעקט געוואָרען פון זיין זכרון דאָס בילד פון מאַדמאַזעל פינבערג. מערקווירדיג. ערשט מיט אַ וואָך צוריק זענען זיי געווען צוזאַמען אַ גאַנצע נאַכט, די לעצטע נאַכט פאַר זיין אַוועקפאָהר פון ווילנא. ער האָט זיך געפיהלט בעוועלטיגט פון אַ שווערען געפיהל, דאַן האָט זיך איהם געדאַכט, אַז פון טרויער. אפשר איז עס בלויז געווען אַנ'אָבשיין פון איהר שטילער פערצווייפלונג, פון איהרע פערטהויטע בליקען, פון איהרע האָפנונגסלאָזע קושען? זי איז דאַן נישט געווען ביים קלאָרען רעיון. זי האָט זיינע הענד געקושט, ער איז אָבער געווען קאַלט, ער האָט זיך ניר געטאַרעט, אויס שוואַכקייט, אויס פיינהייט, אַרויסצורופען ביי זיך טרעהרען, נאָר דאָס איז איהם אויך נישט געלונגען.

— זאָג מיר, שמואל, זאָג, ווערסט מיך נישט פערגעסען? — האָט זי מיט אַ האַלב־דיכטערישען קול, קראַמפּפענדיג זיינע הענד אין איהרע, איהם געפרעגט.

ער האָט געקוקט אויף איהר און עס האָבען אויף איהם געמאַכט אַנ'איינדרוק איהר טרייער, איהר ליעבע און איהר וועהטאָג; זי, מיט איהרע שוואַרצע קליידער, מיט די פינקלענדיגע דימענט־נאָדלען און איהרע פעך־שוואַרצע האָר, מיט איהר בלייכען, אויסגעמאַטערטען געזיכט, איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ מאַרטירערין און אַ הייליגע. זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטהון און ער האָט, כלומר'שט, בעליידיגט אַרויסגערעדט:

— ווי פאַלט דיר דאָס איין צו פרעגען?... ליעבינקע! — האָט ער איהר, אויס געוואָהנהייט, שטיל געשעפּטשעט דאָס וואָרט, ביי וועלכען זי, וואָס האָט אַזוי געדורשט נאָך זיינע לאַסקעס, פלעגט זיין משוגע פון גליק.

— טייערער! — האָט זי מיט געבעט אויפגעהויבען איהרע

דענד צו אידם, וועמען זי האט ליעב געהאט מיט דער גאנצער קראפט פון איהר היסטערישען געמיט...

כדי נישט צו שטערען איהר געפיהל, האט ער געקוּשט איהרע הענד, די קושען זענען געווען קאלטע און נישט-אויפריכטיגע. נאר אזוי באלד, ווי ער האט איהר צום לעצטען מאל מעכאניש-שטארק א דריק געגעבען די האנד און ער האט זיך געזעצט אויפ'ן ווענעל, וואס האט אידם אוועקגעטראגען איבער די ליכטיגע, רויִגע גאסען, האט ער אן איהר גלייך פערגעסען. פונקט ווי ער וואלט זיך בעפרייען פון א לאנגען און שווערען היפנאז, וואס האט געהאלטען געפאנגען זיין שוועכליכע נשמה. און קומענדיג אין בליאס-קענדיגען ערשטען קלאס פון וואקזאל האט ער, ווי זיין שטייגער, אנגעהויבען צו זוכען מיט זיינע בליקען פרויען-געזיכטער, פרויען-פיגורען און פרויען-ליפען... און ווען מען האט געגעבען דעם ערשטען קלונג און עס איז געווארען א געדרענג אין טהיר און ער האט צווישען עולם זיך צוגעפרעסט צו א פרישער, ראזער און שמעקענדיגער פוילין, האט זיך ביי אידם ארויסגעריסען א שטילער, פערשטיקטער געלעכטער פון ווילדער, אומענדליכער פרייד.

און קומענדיג אהיים האט ער אן דער גאנצער וועלט פערגעסען. ער האט זיך געפיהלט, ווי ער וואלט צוריק אריינגעפאלען אין דעם קינדערשען וויעגעלע, אז א טרייע מאמעשע האט פערוויעגט אידם... נאר ערשט דא, אויף די היימישע, ווייכע קישענס. אין זיין ווארימען צימערל, אין דער פריעדליכער היימישער שטילקייט האט ער דערפיהלט ווי קראנק ער איז!...

ענדליך, אויפ'ן זעקסטען טאג, האט מאדמאזעל פיינבערג אליין דערמאהנט וועגען זיך מיט א בריעף. שמואל האט גלייך דערקענט איהר געגרייזעלטע האנדשריפט, דער ראזער קאנווערט האט געשמעקט מיט איהרע שטארקע און עקסצענטרישע פארפומען, און ער האט אידם מיט אינגעדולד און מיט ביזקייט אווארף געגעבען אויפ'ן טיש...

פעוונער האט זיך געזעצט אויף א שטוהל ביים טישעל, ער האט געקוקט אויפ'ן בריעף און ער איז געווען ביז אויף איהר, אויף זיך און אויף דער גאנצער וועלט.

— ווען וועל איך שוין פון איהר פטור ווערען! — האט ער צו זיך געזאגט.

נאר אין זיין געדריקטען הארצען האט א צווייטער פעוונער גערעדט:

— וואָס איז זי שולדיק? האָסט דען אַליין איהר צעהנדליגע מאָל נישט געזאָגט, אַז דו ליעבסט זי?

— האָב איך דאָן געזאָגט ליגען!

— ניין, דו האָסט אַליין געגלויבט אין דיינע ווערטער!

— אַלע ליגנערס גלויבען אין זייערע אייגענע ווערטער!

פּעוונער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אַז דער קאָפּ ברענט איהם. און אויפרייסענדיג דעם בריעף, האָט ער געברומט:

— גאָלע ליגען! ליגען!

זי האָט איהם געשריבען מיט איהר היסטערישען אַקצענט:

„מיין האָפנונג! ווייסט דאָך, מיין איינציגער, וואָס עס הייסט ליעבען מיט'ן גאַנצען האַרצען!? מיין לעבען, מיין יוגענד און מיין צוקונפט זענען אין דיין רשות, נעהם און טהו מיט זיי, וואָס דו ווילסט. מיר וואָלט נישט געווען שרעקליך צו שטאַרבען פון דיין האַנד, איך בין בערייט דיר זיך אָבצוגעבען, ווי אַ טיגער, צום צופליקען. פון דיין יעדען גוטען וואָרט, פון דיין יעדער לאַסקע ווער איך יונג, פון דיין בליק בליה איך... דו ווייסט גאָר אַליין נישט, וויפיעל, וויפיעל איך בין דיר שולדיג, וויפיעל זונען־שיין דו טראָגסט אַריין אין מיין לעבען! זאָג מיר, שמואל, זאָג, ביסטו אויך אַזוי גליקליך מיט מיר, ווי איך מיט דיר?“...

— אָ, איך בין גליקליך! — האָט איין פּעוונער מיט ביטערקייט געזאָגט.

— ווען זי וואָלט דאָ געווען, וואָלטסו מיט איהר אַנדערש גערעדט! — האָט דער צווייטער פּעוונער געענטפערט.

— אידיאָט! — האָט דער ערשטער מיט צאָרן אויסגערופען.

פּעוונער האָט אָנגעריבען אַ שוועבעלע און אָנגעצונדען דעם בריעף.

— שוין צייט, איך זאָל אויפהערען צו לייגען!

נאָכדעם האָט פּעוונער זיך דערפיהלט אַזוי קראַנק און דערשלאָגען, אַז ער איז מיט ציטערנדיגע קניע קוים דערגאַנגען צום בעטעל און זיך אויסגעלעגט. ער האָט זיך דערמאָהנט אָן מאַדמואזעל פיינבערג'ס בלייכען געזיכט. איהרע טונקעלע דורשטיגע אויגען האָבען מיט פאָרוואורף געקוקט אויף איהם, וואָס האָט צובראָכען איהר האַרץ. נאָר זי איז דען געזוען די איינציגע? אַ גאַנצע רייה... זיי זענען דורכגעגאַנגען אין זיין לעבען, ווי אַ כאָר פון ראָזע, דופטענדיגע און שפּיעלענדיגע קינדער אין ווייסע פריהלינגס־קליידער... וואָס איז מיט זיי? וואו זענען זיי?

IV

ראובן ווײַנער האָט אָרגאַניזירט אַ שפּאַציר אין פֿעלד אַרײַן. אײן מאָל אין וואָך פֿלעגט ער אײַנאָרדענען אַזאַ מין „פּראָגולקע", אײן מאָל אין וואָך פֿלעגט ער מיטן גאַנצן עולם גײן אין קינעמאַטאָגראַף „אילוזיאָן", וואָס האָט זיך נישט לאַנג געעפֿנט אין סטאַראָ-באַזאַר, און אײן מאָל אין וואָך פֿלעגט דאָס ביסעל יוגנט, אויך אונטער זײַן לײטונג, פֿאָרן קוליק. עס איז דאַן געווען אַ קאַלטע, ליכטיקע ווינטערדיקע נאַכט. געשפּאַצירט האָבן אַ חוץ ווײַנערן פֿרענקעל, פֿעדזנער, חיהלע, ליזע און פֿאַליע.

דער שנײ האָט פֿרײלעך געסקריפּעט אונטער זײערע פֿיס. פֿאַליע האָט ציערלעך, ווי אַ קלײנער יונקער, געשריטן מיט קלײנע טריטעלעך און ליזע איז, ווי אַלע מאָל, אַ שווײַגנדיקע, געגאַנגען און נאָך איר האָט זיך געטראָגן אַ לאַנגער שאָטן פֿון איר הויכער פֿיגור. פֿרענקעל האָט זיך האַמעטנע געריבן די הענט און געקלאַפּט אײן אָבזאַץ אָן צווײטן, כלומרשט, ווי אַ פֿויער. און ווײַנער, ווי אַ נעכטער גענעראַל, האָט געמיטלעך געשפּרײַזט, ווי בײַ זיך אין דער הײם, ווי אַ פּריץ אין זײַן אײגענעם פּאַרק. ווי פֿיל יאָר ער שפּאַצירט שוין איבער דער געגנט! חיהלעס שאַרלאַך-בלויע אויגן האָבן געברענט, ווי בײַ אַ קלײן וועלפּעל, איר געזיכט איז, דוכט זיך, געווען אומבאַוועגלעך, נאָר אַ קוים-מערקלעכער שמײכעל האָט געשוועבט אויף אירע קלײנע ליפּעלעך און האָט צוגעגעבן איר עטוואָס-פֿאַרוויטעלטן געזיכט אַ געהײמען חן. פֿעדזנער האָט זײַנע אויגן פֿון איר נישט געקאָנט אָפּרײַסן און אינערלעך האָט ער גערעדט צו זיך:

— ווי איך זע, גוטער ברודער, געפֿעלט זי דיר, נאָר ווי קומט אַזאַ עובר-בטל, ווי דו, צו איר?

דאָך האָט ער חיהלען גענומען אונטער דער האַנט און ער האָט שפּאַסנדיק צו איר געזאָגט:

— שעמט זיך נישט. איר זענט שוין אַ גרויסע, מען מעג שוין גײן מיט אײַך געאָרעמט.

חיהלע האָט זיך טאַקע נישט פֿאַרשעמט. זי האָט נאָר אומגעקערט איר געזיכט צו אים און ער האָט דערזען אירע קלוגע אויגן און אירע שעלמישע ליפּעלעך.

פֿאַליע האָט זיך געווענדט צום עולם:

— קינדער, לאָמיר זיך פּרובן אין לויפֿן!

— גוט, לאָמיר לויפֿען! — האָט פֿרענקעל זיך אָבגערופֿען.

פּאַליע האָט פֿער׳חידוש׳ט אַ קוק געגעבען אויף פֿרענקלען. זי האָט זיך עס אויף איהם נישט געריכט. זיי האָבען זיך געשטעלט גלייך... איינס, צוויי, דריי, און זיי האָבען זיך אַלאָז געגעבען. פּאַליע איז געלאָפֿען, ווי אַ יונג פֿריציש לאָשאַקעל, האָפֿערדיג און גראַציעז; פֿרענקעל האָט קאָמיש געוואָרפֿען מיט די הענד און מאָדנע דערביי מיט׳ן קאָפּ, ווי אַן אָקס, געשטויסען אין דער לופֿט אַריין. ווייגער האָט זיך געשטעלט מיט די הענד אין די זייטען און געלאַכט, חיה׳לע האָט אַפּלאָדירט.

— ווילט איהר לויפֿען? — האָט זי פֿעוזנער׳ן געפֿרעגט.

— ווי קום איך צום לויפֿען? — אויף די עלטערע יאָהרען!...

חיה׳לע האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען און געזאָגט:

— איך האָב פֿיינט אַלטע!

חיה׳לע איז פּלוצלונג געוואָרען אומעטיג: זי וויל שפּאַצירען נור מיט בחורים, וואָס קאָנען לויפֿען מיט איהר אין אַזוינע שיינע, ווינטערדיגע נעכט. זי האָט איהר האַנד האַסטיג אַרויסגעריסען פֿון ווייגער. צוזאַמען מיט איהר האַנד האָט זיך עס אין זיין האַרצען אָבגעריסען און זי האָט זיך אַלאָז געגעבען לויפֿען. מיט געבעט האָט ער נאָכגערופֿען:

— חיה׳לע, אַנטלויפֿט נישט פֿון מיר!

— חאַפּט מיך, אויב איהר קאָנט! — האָט זי געענטפֿערט.

פֿעוזנער האָט געשוויגען. צוריקגעגאַנגען איז פֿעוזנער ווידער אומעטיג. חיה׳לע האָט דאָס דערפֿיהלט, עס האָט איהר געפֿרעהט און געבייצט, און ווען דער עולם האָט זיך גענומען געזעגענען, האָט זי איהם פֿערבעטען צו זיך מיט פֿעוזנער׳ן, וועגען וועלכען זי האָט זיך אַזוי פֿיעל אָנגעהערט, אַליין!

די וואַרימקייט, דאָס ליכט, חיה׳לעס היימיש, מיידעלש צימערל האָבען פֿעוזנער׳ן אויפֿגעלעבט. מאַניערליך און צערטליך, ווי אַ געניטער דאָן-זשואַן, האָט ער פֿערבעטען חיה׳לען צו זיך אויף דער סאָפֿע און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען שטיל, מיט יענעם טאָן, וועלכער, ער האָט געוואוסט, פֿערדרייעט און באַגייסטערט אַ פֿרויען-האַרץ. זי האָט איהם געלאָזט נעהמען איהר האַנד און פֿון זיינע שמערצליך-געפֿיהלפֿולע בליקען האָט איהר קליין הערצעל שטאַרק געשלאָגען. ער האָט זי אַרומגענומען און מעכאַניש אַ זאָג געגעבען:

— מיין ליעבע!

— א נייע ליעבע אויף דיין קאפ, ליגנער! — האט דער צווייטער פעוזנער אין זיין הארץ זיך אבגעריסען.

זיין האנד איז צוריקגעפאלען. חיהלע איז רויט געווארען. זיי בײדע איז געווארען נישט אנגענעהם. ער איז נאכדעם נישט לאנג געזעסען ביי חיהלען. געהענדיג אהיים האט איהם געשווידערט פון קעלט און ערגעץ אין זיין בעוואוסטזיין האט געלויערט און גע־עגבערט א שמערצליכער און א האפנונגסלאזער געדאנק, אז דאך ליעבט ער זי. ער האט די גאנצע נאכט נישט געשלאפען. די לבנה האט, ווי איהם אויף צו להכעיס, אריינגעשיינט אין פענסטער און זיך געריצט מיט איהם. ווי א חיה, וואס מען האט איהר איהרע נעגעל אבגעשניטען, האט ער געקריצט מיט די צייהן, און דער פעוזנער, דער בר דעת, האט איראניש גערעדט צו איהם:

— שוין צייט, ברודער, אויפהערען די שטיק!

V

פעוזנער איז געווארען קראנק. דער דאקטאר האט בשום אופן נישט געקאנט פעסטשטעלען, צי איז עס ביי איהם א צוקיהלונג, צי א נערווען־קראנקהייט. אינעווייניג, אין די ביינער, האט גענאגט א מאַטער און טעמפער וועהטאג. אזוי פיהלט זיך א מענש נאכדעם, ווי ער האט א לאנגע צייט גענומען הייסע וואנעס. פונקט ווי מען וואלט די הייוון פון זיין יונגען ארגאניזם אויסגעצאפט.

די נעכט זענען געווען ליכטיגע און פראסטיגע. דער דאקטאר האט בעפוילען איבערוקען דאס בעטעל צום אויוועלע און גאנצע שעה'ן פלעגט פעוזנער ליגען אנטקעגען פענסטער, וואו עס האט זיך אויסגעשפרייט, ווי א ליכטיגער פאלאץ אין א שאטענדיגען פארק, די געגענד פון סטארא־באזאר. פעוזנער האט ארויסגעקוקט פון פענסטער, ווי אנ'ארעסטאנט פון זיין קאמער.

אין דעם דאקטאר'ס פערטראכטע און ערנסט־פערזארגטע אויגען, אין דאס סוד'ען זיך הינטער דער טהיר, אין דער מאמע'ס פערוויינטע אויגען, אין דער געניטער פרעהליכער מינע, מיט וועלכער יעדער פלעגט צו איהם אריינקומען, אין דעם פערזארגטען געזיכט פון זיין טאטען, וואס וואלט נישט פערשמעקט צו איהם, ווען ער וואלט נישט געווען געפעהרליך, האט פעוזנער פערשטאנען, אז זיין לאגע איז א קריטישע.

ער האט ביים דאקטאר געפרעגט, אינטער פיער אויגען, וואס

ס'קאָן זײַן זי האָט פֿליגעל געהאַט, מײַן נְשָמָה,
ס'קאָן זײַן זי האָט ערגעץ פֿערזאַמט אַ נְקָמָה...
זי באָדט זיך אין טרויער בײַ מיר אין די אויגען
און קאָן שוין נישט פֿרײַ זײַן, און קאָן זיך נישט בויגען...

III

מײַנע אײַנזאַמע טעג
אויף מײַן אײַנזאַמען וועג...
ווי זיי לויפֿען געשווינד,
מיט'ן ווינד, מיט'ן ווינד...

עס טהוט באַנג יעדע שָעה...
שוין קיין יוגענד נישטאָ.
און אַזוי פֿיעל געוואַרט,
און אַזוי זיך גענאַרט.

מײַנע אײַנזאַמע טעג
אויף מײַן אײַנזאַמען וועג!
ווי פֿערהאַלט מען די צײַט,
וואָס אנטלויפֿט מיט אײַך ווײַט?...

IV

אין טומעל פֿון לעבען פֿערליער איך
די שענסטע פֿון מײַנע פֿערלאַנגען;
מיך טרייסט נישט די פֿרײַנדשאַפֿט פֿון מענשען,
צו גאָט איז מײַן צער נישט דערגאַנגען.

איך גײה מיט מײַן תּפילה אין האַרצען,
איך זוך און איך קאָן נישט געפינען
אַ ווינקעל צו דאַווענען בעזונדער,
בעזונדער דעם הימעל צו דינען...

עס זענען מיר פרעמד אַלע טעמפּלען,
וואָס אַנדערע בויען און שאַפען.
זיי מאַכען דעם הימעל נישט נעהנטער,
די טעמפּלען... עס בויען זיי שקלאַפען.

V

שפּריץ מיט פּערל־טראָפּענס,
זילבערנער פאָנטאַן!
בײַ די קליינע שטראָמען
קניעט אַ בלאַסער מאַן.

זינדיג און צושראָקען
שטרעק איך אויס די הענד;
שפּריץ מיט קאַלטע טראָפּענס —
מײַן נשמה ברענט...

יעדער פרישער טראָפּען
שווינקט אַראָב אַ זינד...
און די אויגען זעהען,
ווי עס בליהט און גרינט...

VI

דער ווײַסער װעגעל פֿלאַטערט,
דער ים איז ברייט און טיף...
דער ווײַסער װעגעל פֿלאַטערט —
פֿאַרשאַנקערט איז דאָס שיף.

ווען ווען דאָס שיף בעפֿרײַען
א העלד א קאַפּיטאַן, —
צופּליקט װעט זײַן אויף ברעקלעך
דער ווײַסער װעגעל דאַן...

ידידיה מרגלית.

די נקמה פון דער ליעבע.

(ערצעהלונג).

I

עס איז שוין געווען ווינטער, ווען שמואל פעווזנער איז געקומען פון ווילנא אהיים, אין סטאראָ-באָיאַר. ערשט מיט א פּאָר טעג פריהער האט מען די דאָפּעלטע פענסטער אריינגעשטעלט, די שפּאַרעס מיט פּאַפּיר פערקלעבט און אין די ראַמען זאמד אַרום גלעזער מיט אָליעם אָנגעשאָטען און מיט וואַטע פערצויגען. דער פראָסט האט שוין זיינע קריסטאַלענע קווייטען אויף די שויבען אויסגעמאָלט. אויף שמואל'ן האט אַ וועה געטאָן מיט דער ווייטער, ווייטער יוגענד. אויף די האַרטע פערפראָרענע גאַסען איז געלעגען ווייכער, ווי וואָל, שניי, אין וועלכען די פוס האט אזוי צאַרט פערזונקען, ווי אין סאַמעט. בייטאָג איז ער, מייסטענס, געזעסען אין דער-היים. בייטאָג האט ער געקאָנט אין גאַס בעקאַנטע טרעפען. וואָס וועט ער ענטפערן אויף דער שאלה: וואָס טה'ט ער איצט אין סטאַראַ-באָיאַר? ביינאַכט פלעגט ער אַליין אין די גאַסען וואַנדערן. דיזעלבע הייזער, דיזעלבע איינזאַמע גאַסען, דיזעלבע נאַקעטע דעמבען אויף די הויפען און דערזעלבער הימעל. עס זענען געווען ליכטיגע נעכט, מיט דער לבנה און אָהן דער לבנה, בלויע מיט פינקלענדיגע שטערען אויסגעשאָטען און טונקעלע מיט גרויע וואָלקענס, דורכגעזיפּט מיט אַ זילבערנעם לבנה-שיין. די

לופט איז געווען שטייף און קאלט. פונקט פאר א יונגער הייסער פרוסט. ער האט אמאל געשוועבט אויף די דאזיגע גאסען, ער מיט אנ׳עולם יונגווארג.

שמואל איז געקומען אהיים אונערווארטעט. מען האט אידם פלומר׳שט געפרעגט, וואס מאכט ער און וואס הערט זיך אין ווילנא. די עצם פראגע, פארוואס ער איז געקומען, האבען זיינע על־טערן און ער זיך געהיט ניט צו בערידען. דער טאטע האט גלאט געשוויגען: ער האט שוין לאנג זיך מיאש געווען פון שמואל׳ן: א בחור, וואס האט געקאנט ביי זיך פועל׳ן בלייבען א לעדיגער, א מלמד, איז סתם קיין מענש נישט. צורעדט האט ער זיך וועגען דעם מיט דער מאמען ערשט אויף מארגען, ווען זיי זענען גראד געבליבען אליין...

ווען דבורה, זיין מאמע, האט דערפילט, אז זי איז איינע אליין, אויג אויף אויג, מיט אידר שמואל׳ן, מיט אידר קינד, מיט די גרויסע, שווארצע אויגען און מיט׳ן איינגען שמייכעל אויף זיי־נע נאך־פרישע ליפען, וועמען זי האט, דוכט זיך, ערשט נישט לאנג אויפ׳ן שויס געהאלטען, א שלעפערדיגען אין בעט געטראגען, אויסגעטהון און שלאפען געלעגט, מיט׳ן אנגענעהמען קינדערשען געלעכטער, וועלכען זי פלעגט אין מינוטען פון בענקונג זיך סטא־רען צו דערמאהנען, איז זי געווארען רויט און א טוי האט בערלאפען אידרע האלב־אויסגעלאשענע אויגען.

שמואל האט נישט געווארט ביז די מאמע וועט אידם פרע־גען נאך וואס ער איז געקומען און ער האט אליין אנגעהויבען צו רעדען:

— איך בין געקומען אהער אויף א גאנצען ווינטער...

— זעדר גוט! — האט דבורה טרויעריג און געדריקט געענט־פערט.

שמואל האט מיט א טרויעריגען שמייכעל צוגעגעבען:

— איך האב געלד.

א קליין פייערל האט א בלישץ געגעבען אין דבורה׳ס ואוי־גען, נאר זי האט פערביסען די ליפען, אידר פרייד נישט ארויס־צווייזען. ביי אידר וואלט שמואל געווען אנ׳אנגעלעגטער גאסט אפילו ווען ער וואלט קיין גראשען געלד נישט געבראכט, אידם פרעדט עס נור צוליעב דעם טאטען...

מען האט אידם אפגעלאזט א בעזונדער צימער; פארט א מענש, וואס האט געלד. האלב אין ערנסט און האלב אין שפאס

האט ער זיך מיט דער מאמען בעדונגען, מען זאל יעדען טאג הייצען אין אויוועלע: נישט פאר קיין יודען געדאכט, אויף די „עלטערע יאהרען" ברעכיין איהם די ביינער. אין ווירקליך, איז שמואל געוועזען מיד. דאס איז געוועזען א מידיגקייט, פון וועלכער קיין שלאף און קיין רוה קאנען נישט בעפרייען. אין צימערל איז געווען זויבער און ליכטיג. גערעדט האט וועגען דער פריעדליכער שטילקייט א וועק־זייגער מיט א מעטאלענעם קל. און א געמהל פון שטילען גליק האט אנגעפילט שמואל'ס הארץ, ווען ער איז צום ערשטען מאל געבליבען אליין אין צימערל ביים הייסען קאפעל־אויוועלע. מיט ריינקייט און יוגענד האט געוועהט פ'ן ווייסען בעטצייג און פון ציכטיגען טישטוך. דער זייגער האט היימליך געשלאגען, די לאמפ האט געברענט און אין פענסטער האט אריינגעקוקט א ליכטיגע, פראסטיגע נאכט און א בריליאנטענע שניי־וועלט.

אויף יענער זייט פענסטער זענען וואונדער געשעהן. דימענטען האבען געברענט מיט א פאספארישען ליכט אויף די שניי־בעדעקטע דעכער. שווארצע, לאנגע , משונה'דיגע שאטענס האבען זיך געלעגט פון די הייזער, פון די בוימער און גערטנער, פונ'ם פייער־לעשער־טורם. ווייטע שטרעקען האבען אונטער'ן גאלדיג־זילבערנעם שיין פון דער לבנה געברענט, ווי קריסטאל אין פערלמוטער. די שביצען פון די הוילע בוימער זענען געוועזען שווארץ פון די קאמפאניעס שלאפענדיגע קראהען.

„ווען איך וואלט געוועזען יונג!" — האט שמואל געטראכט.

ווען ער וואלט געוועזען יונג, וואלט ער איצט אויפ'ן „קאטאק" געוועזען, ער וואלט געוועזען שכור פון מיידעלשען, קלינגענדיגען געלעכטער און מיידעלשע פלאמענדיגע בעקעלעך. יונגווארג ווינטער אויפ'ן גליטש!

II

פון שמואל'ס אמאליגע חברים איז כמעט קיינער נישט געבליבען. די מוטיגערע און שטארקערע זענען אין דער גרויסער וועלט אוועק. אבגעשטעלט האבען זיך ניר די שוואכערע, די שלים־מזלות. זיי זענען געוועזען צוויי: דניאל פרענקעל, א לעהרער אויף רוסיש, און ראובן וויינער, אנ'אלטער בעל־הבת'ישער בחור. אין א פאר טעג ארום, נאך שמואל'ס קימען, האבען זיי זיך בעוויזען מיט א וויזיט. זיי האבען זיך, פונקט ווי סטארא־באיאר, נישט געביטען. דערזעלבער פרענקעל מיט די האמעט'ע בעוועגונגען, מיט

די תּמיד־אָבגעפּראָרענע הענט אין אויערן, מיט די שאַרע, דורכדרינגענדיקע אויגן און מיט זײַנע אָבגעטראָגענע קליידער: אַ בלויזע פון פינפטן יאָהר, אַ מאַנטל פון דער ישיבה און אַ יעלער הוט פון דער צײַט פון די ערשטע עקאָנאָמישע שטרײַקן. פּונקט ווי פריהער ווייסט ער אַלץ און קען קיין זאַך נישט. דערזעלבער ווײַנער, אַ לײַטישער בחור מיט אַ פּאָר שענע, אימפּאָנירענדע וואָנסעס, תּמיד עלעגאַנט געקליידט אין רײנע מאַנזשעטען און קראַגענס, ברונעט און הויך. דוכט זיך, אַ מענש בעשאַפן פאַר'ן לעבען, נור אײן זאַך פעהלט איהם: ער האָט קיין פּראָפעסיע נישט, ער האָט קיין געשעפט נישט. זוכט ער עס. נאָר ער זוכט עס שוין גאַנצע צעהן יאָהר.

שמואל האָט זיי אַרײַנגעפיהרט צו זיך אין צימערל. פרענקעל האָט, ווי זײַן שטייגער, געשוויגען, געזעצט זיך אויף אַ שטוהל און אָנגעקוקט שמואל'ן מיט אַ קוים־בעמערקבאַרער פרייד: אַן אַלטער, אַמאָליגער חבר. ווײַנער, דאַגעגען, האָט זיך גענומען גאַנץ פריינדלעך אויספרעגען שמואל'ן, ווי ער האָט געלעבט אין ווילנאַ און נאָך צוואַנציג אַנדערע פראַגען, וואָס מען פרעגט בײַ אַזאַ מין געלעגענהייט.

שמואל האָט געענטפערט אויף זײַנע שאלות מיט האַלבע ווערטער. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געגעבען:

— זײַ מיר מוחל, דו פרעגסט מיך נאַרישע שאלות. ווילנאַ איז טאַקע אַ גרויסע שטאָדט, יודען לעבען דאָרט, זיי מאַכען געשעפטען, זיי באַנקראָטירען, זיי עמיגרירען; עס זענען דאָרט פאַראַן כּלל־טוער, פערזאַנען, צײַטונגען און, בכלל, אַ געזעלשאַפטליך לעבען. אָבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טהון? איך בין דאָרט געווען, נישט מעהר, ווי אַ רעפּעטיטאָר בײַ גימנאַזיסטען פון זעקסטען און זיבעטען קלאַס. איך בין אַ פאַכמאַן..

— אַ פאַכמאַן אויף גימנאַזיסטקעס?

— און זייערע עלטערע שוועסטער און אינטעליגענטע מאַמעס!

אויף פרענקעל'ס געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ שמייכעל פון אַ נזיר בײַם אָנבליק פון אַ זינדיגען, וואָס טראָגט נאָך דעם פאַרשכּור'נדיגען ריח פון זינד אין זײַנע קליידער.

דערנאָך האָבען זיי נאָך לאַנג גערעדט: דאָס איז געווען אײנער פון יענע שמועסען, בײַ וועלכע מען רעדט און דאָס האַרץ איז ווײַט פון די ווערטער און אין הינטערגרונד פון געדאַנק קלערט

זיך וועגן אַנדערע זאַכן און עס נאָגט ערגעץ טיף די זאָרג.

— חברה, לאָמיר גאָר אַרײַנגיין צו חיה׳לען! — האָט ווײַנער ענדלעך פֿאָרגעשלאָגן.

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חיה׳לע? — האָט שמואל געפֿרעגט.

— מיר ביידע האָבן שוין געמעגט זײַן אירע טאַטעס... נאָר זי איז קלוג, ווי אַן אַלטע.

— און שיין?

— ממש נישטאָ קיין ווערטער.

שמואל האָט זיך געווענדט צו פֿרענקלען:

— און דו קענסט זי אויך?

פֿרענקעל האָט אַ קנייטש געגעבן דעם שטערן:

— אַן עופֿעלע!

— אַזוי? שלעפּסטו זיך גאָר אַרום מיט עופֿעלעך — האָט שמואל געחוזק׳ט פֿון ווײַנער׳ן.

— ווען ער גייט מיט זיי אין גאַס, זעט ער אויס, ווי אַן אַלטע דודן מיט היהנדעלעך! — האָט פֿרענקעל אַ זאָג געגעבן.

אַ בייז פֿײַערל האָט אַ בלינצל געגעבן אין ווײַנער׳ס אויגן און ער האָט שטיל אין אײַנגעהאַלטן געענטפֿערט:

— ביסט אַן אַלטער וואָרים!

— קריגט זיך נישט, קינדער! — האָט פֿעוזנער זיי איינגענומען און אין זייער אַ הייטערער שטימונג איז ער מיט ווײַנער׳ן אַוועק צו חיה׳לען.

ווען ער האָט דערזען חיה׳לען, איז ער אומעטיק געוואָרן. אַזאַ פֿרישע, אַזאַ בליהענדע שיינהייט! עס איז אין איר געזיכט דער דופֿט פֿון דעם ערשטן ראָזן עפּל פֿון זומער, אויף וועלכן אַ יוד מאַכט שהחינו. פֿעוזנער׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מיידעל, וואָס ער זעט. ווי אַ קליין וועלפֿעל האָט זי מיט אירע שאַרלאַך־בלויע אויגן געקוקט פֿון אונטער דעם שטערן אויף פֿעוזנער׳ן, דעם בערימטן סטאַראָ־באָאַרער דאָן־זשואַן, וועגן וועלכן זי האָט זיך אַזוי פֿיל אָנגעהערט. אין אירע יעדער באַוועגונג מיט איר שלאַנקן קערפּער מיט די האַלב־צײַטיקע, אָבער געטאָקטע פֿאָרמען האָט זיך געשפּירט, אַז זי האַלט עקזאַמען פֿאַר אַן עקספּערט אין פֿרויען־שיינהייט, און איר קליין הערצעל האָט זיך געצאַפּעלט פֿאַר פֿרייד, באַמערקנדיק ווי פֿעוזנער עסט זי מיט די אויגן.

— זיצט, גאָספּאָדין פּעווזנער!

ביי פּעווזנערן איז דאָס האַרץ פאַרגאַנגען, הערענדיג זיין נאָמען אַרויסגערעדט פון חיה׳לעס יונגע ליפּעלעך, וואָס זענען געווען געפאַרבט אין בלוט און מילך.

עס האָבן זיך דערהערט קלעפּלעך אין טהיר פון חיה׳לעס צימערל. חיה׳לע איז לייכט, ווי אַ פלינקע וועוויאָרקע, אויפגעשפּרונגען און אויסגערופען: אַריין, קינדער! און עס זענען אַריינגעפלויגען אָהן אַנ׳אָטעם צוויי זיבעצעהן-אַכטצעהן-יעהריגע מיידלעך. עס איז אָן זייערע פאַרפלאַמטע געזיכטער געווען קענטיג, אַז זיי האָבן אויף דער גאַס אין „סניעזשקעס" געשפּיעלט. מיט אַ געשיקטען רעווערענס האָט חיה׳לע פאָרגעשטעלט אירע חבר׳טעס פאַר די געסט: ליזע ב. און פאָליע ה. ליזע איז געווען הויך און שלאַנק, מיט שוואַרצע, איינגעפאַלענע אויגען. אָנגעטהון איז זי געווען אין גימנאַזיסטישע, ברוין-טונקעלע קליידער, אַ הוט האָט זי געטראָגען אויך אַ טונקעלען מיט ברייטע ראַנדען. פון איהר גאַנצער בענעהמונג, פון איהר טונקעלען, אָנגעשטרענגטען און בעגייסטערטען געזיכט, פון אירע שענע, עטוואָס נאַכלעסיגע בעוועגונגען איז געפאַלען אַ שאָטען, וואָס פלעגט מאַכען אַ טיעפען איינדרוק. פאָליע, דאַגעגען, איז געווען, ווי קיועקזילבער, בעוועגליך; אַלץ אין איהר האָט געשפּיעלט און געשמעטערט: איהר פול פּנים׳על מיט דעם וועגעלע אויף דער קין, מיט אירע קלאָרע ציינדלעך, מיט איהר גרוי קאָפּטעלע מיט די ניי-גאָלדענע קוטאַסען. עס האָט פון איהר געשפּריצט מיט יוגענד.

פּעווזנער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטען און אַ זאָג געגעבען:

— איך האָב שוין לאַנג נישט געזעהן מיידלעך מיט רויטע בעקעלעך!

— פּאָזשאַלויסטאַ, גאָספּאָדין פּעווזנער, נור נישט מיט איראָניע!—האָט פאָליע, ווי אַ מושב׳ער מענש, אַ זאָג געגעבען פּעווזנערן.

פּעווזנער מיט וויינערן האָבן זיך נישט-ווילענדיג צולאַכט, הערענדיג אַזאַ שטרענגען אויסרייד פון אַ קינד.

— וואָס טהוט מען איצט?—האָט חיה׳לע געפרעגט דער געזעלשאַפט—מען דאַרף עפּיס צוטראַכטען!

— אַז דיינע געסט זענען לאַנגווייליגע!—האָט פאָליע זיך געבייזערט, מעשה קינד.

— שפּילט אין ציכענען! — האָט פּעוזנער פאָרגעשלאָגען.

— און וואָס מיינט איהר, מיר האָבען קיין ציכענען נישט? — האָט חיה׳לע געזאָגט און פון אַ פּודעלע אַרויסבעקומען ווייסע שטיינדלעך, וועלכע זי האָט נאָך זומער אָנגעקליבען אויפ׳ן פעלד. פלינק האָט זי איהר פּיטערל, מיט פּיי אונטערגעשלאָגען, אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָדלאָגע, אַ וואינק געגעבען צו פּאָליע׳ן און זיי האָבען זיך ביידע געזעצט אויף דער ערד און גענומען שפּילען.

— גאָספּאָדין פּעוונער, קוקט זיך נור איין אויפמערקזאַם! — האָט חיה׳לע בעפוהלען.

— איך דאַנק אייך פאַר דער אָנגענעהמער אַרבייט! — האָט פּעוזנער אַ ביסעל בעליידיגט געזאָגט.

— אייך געפעלט זי נישט?

— אָ, ניין! וואָס דאַרף מען בעסער, ווי קוקען אויף אייך? — האָט פּעוזנער האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט געענטפערט.

ליזע האָט דערווייל זיך געזעצט אויף דער סאָפע, פ׳ן אַ ווינקעל פון הינטער אַנ׳אויסגעהעפטען האַנדטיך בעקומען אַ גיטאַרע און האָט אָנגעהויבען צו נעהמען אויף איהר טענער.

אַ לאָמפּ מיט אַ גרינער אַבאַזשיר האָט אָנגעפילט מיט אַ ווייכען, ליעבליכען ליכט דאָס קליין צימערל מיט די העלע, מיידעלשע טאַפּעטען, מיט די קליינע קיילעכדיגע טישלעך, וועלכע זענען געווען אַרומגעצויגען מיט קלאָרע טיכער, מיט אַנזיכטס-קאַרטען אויף די ווענד. ווי אַ פערליעבט, צובראָכען האַרץ האָט געקלונגען די גיטאַרע אונטער ליזע׳ס האַנד.

אַ צורודערטער האָט פּעוזנער פּלוצלינג זיך אויפגעהויבען און זיך געזעגענט מיט דער קאָמפּאַניע. חיה׳לע האָט איהם שטאַרק געדריקט די האַנד און זיך ענטשולדיגט פאַר איהם, וואָס מען האָט איהם געלאָזט זיצען אַליין.

קומענדיג צו זיך אין צימער האָט פּעוזנער זיך אַנידערגעוואָרפען אויף זיין בעטעל. ער האָט זיך געפיהלט מיד און אויסגעשעפּט, ווי נאָך אַ הייסער וואַנע. אין רעכטען אויער האָט אָהן אַנ׳אויפהער געהילכט אַ טאָן און די ביינער האָבען איהם געבראָכען.

III

פּעווזנער איז שוין גאַנצע פֿינף טעג געווען אין דער־היים. ער האָט זיך איינגעלעבט מיט זיין קליינעם, וואַרעמען צימערל, אין וועלכען ער האָט פֿערבראַכט כמעט דעם גאַנצען מעת לעת. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ענדליך, נאָך לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען, האָט ער געפֿונען אַ ווינקעל פֿאַר זיין צטרייבעלטען קערפּער, פֿאַר זיין קאָפּ מיט די אָפּטע מיגרענען, פֿאַר זיינע פֿעריקאַטערטע לונגען. ערגעץ ווייט איז פֿערשוואונדען זיין ווילנער לעבען און די נאָהענטע פֿערגאַנגענהייט. צוזאַמען דערמיט איז אויסגעמעקט געוואָרען פֿון זיין זכרון דאָס בילד פֿון מאַדמאַזעל פֿיינבערג. מערקווירדיג. עפּעס מיט אַ וואָך צוריק זענען די געווען צוזאַמען אַ גאַנצע נאַכט, די לעצטע נאַכט פֿאַר זיין אַוועקפֿאָהר פֿון ווילנאַ. ער האָט זיך געפֿיהלט בעוועלטיגט פֿון אַ שווערען געפֿיהל, דאַן האָט זיך איהם געדאַכט, אַז פֿון טרויער. אפשר איז עס בלויז געווען אָנ־אָבשיין פֿון איהר שטילער פֿערצווייפֿלונג, פֿון איהרע פֿערטהויטע בליקען, פֿון איהרע האָפֿנונגסלאָזע קושען? זי איז דאַן נישט געווען ביים קלאָרען רעיון. זי האָט זיינע הענד געקוישט, עס איז אָבער געווען קאַלט, ער האָט זיך נור געטאַרעט, אויס שוואַכקייט, אויס פֿיינהייט, אַרויסצורופֿען ביי זיך טרעהרען, נאָר דאָס איז איהם אויך נישט געלונגען.

— זאָג מיר, שמואל, זאָג, וועסט מיך נישט פֿערגעסען? — האָט זי מיט אַ האַלב היסטערישען קול, קראַמפּפֿענדיג זיינע הענד אין איהרע, איהם געפֿרעגט.

ער האָט געקוקט אויף איהר און עס האָבען אויף איהם געמאַכט אַן איינדרוק איהר טרויער, איהר ליעבע און איהר וועהטאָג; זי, מיט איהרע שוואַרצע קליידער, מיט די פֿינקלענדיגע דימענטנאָדלען און איהרע פּעך־שוואַרצע האָר, מיט איהר בליכען, אויסגעמאַטערטען געזיכט, איז איהם פֿאָרגעקומען ווי אַ מאַרטירערין און אַ הייליגע. זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטהאָן און ער האָט, כלומרשט, בעליידיגט אַרויסגערעדט:

— ווי פֿאַלט דיר דאָס איין צו פֿרעגען?... ליעבינקע! — האָט ער איהר, אויס געוועהנהייט, שטיל געשעפּטשעט דאָס וואָרט, ביי וועלכען זי, וואָס האָט אַזוי געדורשט נאָך זיינע לאַסקעס, פֿלעגט זיין משוגע פֿון גליק.

— טייערער! — האָט זי מיט געבעט אויפגעהויבען איהרע

דענד צו איהם, ווען די האָט ליעב געהאַט מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהר היסטערישען געמיט...

כדי ניט צו שטערען איהר געפיהל, האָט ער געקושט איהרע הענד, די קושען זענען געווען קאַלטע און נישט־אויפריכטיגע.

נאָר אַזוי באַלד, ווי ער האָט איהר צום לעצטען מאָל מעכאַניש־שטאַרק אַ דריק געגעבען די האַנד און ער האָט זיך געזעצט אויפ׳ן וועגעל, וואָס האָט איהם אַוועקגעטראָגען איבער די ליכטיגע, רויִשיגע גאַסען, האָט ער אָן איהר גלייך פערגעסען. פונקט ווי ער וואָלט זיך בעפרייען פון אַ לאַנגען און שווערען היפנאָז, וואָס האָט געהאַלטען געפאַנגען זיין שוועכליכע נשמה. און קומענדיג אין בלאַס־קענדיגען ערשטען קלאַס פון וואָקזאַל האָט ער, ווי זיין שטייגער, אָנגעהויבען צו זוכען מיט זיינע בליקען פרויען־געזיכטער, פרויען־פיגורען און פרויען־ליפען... און ווען מען האָט געגעבען דעם ערשטען קלונג און עס איז געוואָרען אַ געדרענג אין טהיר און ער האָט צווישען עולם זיך צוגעפרעסט צו אַ פרישער, ראָזער און שמעקענדיגער פוילין, האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַ שטילער, פערשטיקטער געלעכטער פון ווילדער, אונענדליכער פרייד.

און קומענדיג אַהיים האָט ער אָן דער גאַנצער וועלט פערגעסען. ער האָט זיך געפיהלט, ווי ער וואָלט צוריק אַריינגעפאַלען אין דעם קינדערשען וויעגעלע, אַז אַ טרייע מאַמעשע האַנד פערוויעגט איהם... נאָר ערשט דאָ, אויף די היימישע, ווייכע קישענס. אין זיין וואַרימען צימערל, אין דער פריעדליכער היימישער שטילקייט האָט ער דערפיהלט ווי קראַנק ער איז!...

ענדליך, אויפ׳ן זעקסטען טאָג, האָט מאַדמאַזעל פיינבערג אַליין דערמאָהנט וועגען זיך מיט אַ בריעף. שמואל האָט גלייך דערקענט איהר געגרייזעלטע האַנדשריפט, דער ראָזער קאָנווערט האָט געשמעקט מיט איהרע שטאַרקע און עקסצענטרישע פאַרפומען, און ער האָט איהם מיט אינגעדולד און מיט בייזקייט אַ וואָרף געגעבען אויפ׳ן טיש...

פעוזנער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטוהל ביים טישעל, ער האָט געקוקט אויפ׳ן בריעף און ער איז געווען בייז אויף איהר, אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט.

— ווען וועל איך שוין פון איהר פטור ווערען! — האָט ער צו זיך געזאָגט.

נאָר אין זיין געדריקטען האַרצען האָט אַ צווייטער פעוזנער גערעדט:

— וואָס איז זי שולדיק? האָסט דען אַליין איר צענדליקער מאָל נישט געזאָגט, אַז דו ליבסט זי?

— האָב איך דאָן געזאָגט ליגן!

— ניין, דו האָסט אַליין געגלויבט אין דײַנע ווערטער!

— אַלע ליגנערס גלויבן אין זייערע אייגענע ווערטער!

פּעוזנער האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז דער קאָפּ ברענט אים. און אויפרייסנדיק דעם בריוו, האָט ער געברומט:

— גאַלע ליגן! ליגן!

זי האָט אים געשריבן מיט איר היסטערישן אַקצענט: „מײַן האָפענונג! ווייסט דאָך, מײַן איינציקער, וואָס עס הייסט ליבן מיט'ן גאַנצן האַרצן!? מײַן לעבן, מײַן יוגנט און מײַן צוקונפט זענען אין דײַן רשות, נעם און טו מיט זיי, וואָס דו ווילסט. מיר וואָלט נישט געווען שרעקלעך צו שטאַרבן פון דײַן האַנט, איך בין בערייט דיר זיך אָבצוגעבן, ווי אַ טיגער, צום צופליקן. פון דײַן יעדן גוטן וואָרט, פון דײַן יעדער לאַסקע ווער איך יונג, פון דײַן בליק בליה איך... דו ווייסט גאָר אַליין נישט, וויפיל, וויפיל איך בין דיר שולדיק, וויפיל זונען-שײַן דו טראָגסט אַרײַן אין מײַן לעבן! זאָג מיר, שמואל, זאָג, ביסטו אויך אַזוי גליקלעך מיט מיר, ווי איך מיט דיר?“...

— אָ, איך בין גליקלעך! — האָט אײַן פּעוזנער מיט ביטער-קייט געזאָגט.

— ווען זי וואָלט דאָ געווען, וואָלסטו מיט איר אַנדערש גערעדט! — האָט דער צווייטער פּעוזנער געענטפערט.

— אידיאָט! — האָט דער ערשטער מיט צאָרן אויסגעשריגן.

פּעוזנער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע און אָנגעצונדן דעם בריוו.

— שוין צײַט, איך זאָל אויפהערן צו לײַגן!

נאָכדעם האָט פּעוזנער זיך דערפילט אַזוי קראַנק און דערשלאָגן, אַז ער איז מיט ציטערנדיקע קניע קוים דערגאַנגען צום בעטל און זיך אויסגעלייגט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַדמואַזעל פײַנבערגס בלייכן געזיכט. אירע טונקעלע דורשטיקע אויגן האָבן מיט פּאָרוואורף געקוקט אויף אים, וואָס האָט צעבראָכן איר האַרץ. נאָר זי איז דען געווען די איינציקע? אַ גאַנצע רייִ... זיי זענען דורכגעגאַנגען אין זײַן לעבן, ווי אַ כאָר פון רויזע, דופטענדיקע און שפּילענדיקע קינדער אין ווײַסע פרילינגס-קליידער... וואָס איז מיט זיי? וואו זענען זיי?

IV

ראובן ווײַנער האָט אָרגאַניזירט אַ שפּאַציר אין פעלד אַרײַן. אײן מאָל אין וואָך פלעגט ער אײַנאָרדענען אַזאַ מין „פּראָגולקע“, אײן מאָל אין וואָך פלעגט ער מיט׳ן גאַנצן עולם גײן אין קינעמאַטאָגראַף „אילוזיאָן“, וואָס האָט זיך נישט לאַנג געעפנט אין סטאַראָ-באַזאַר, און אײן מאָל אין וואָך פלעגט דאָס ביסל יוגנט, אויך אונטער זײַן לײטונג, פאָרן קוליק. עס איז דאַן געווען אַ קאַלטע, ליכטיקע ווינטערדיקע נאַכט. געשפּאַצירט האָבן אַ חוץ ווײַנער׳ן פרענקעל, פּעזונער, חיהלע, ליזע און פּאָליע.

דער שנײ האָט פרײלעך געסקריפּעט אונטער זייערע פיס. פּאָליע האָט ציטערלעך, ווי אַ קלײנער ינקער, געשברײַט מיט קלײנע טריטעלעך און ליזע איז, ווי אַלע מאָל, אַ שווײַגנדיקע, געגאַנגען און נאָך איהר האָט זיך געטראָגן אַ לאַנגער שאָטן פון איהר הויכער פיגור. פרענקעל האָט זיך האַמעטנע געריבן די הענט און געקלאַפּט אײן אָבזאַץ אָן צווייטן, כלומרשט, ווי אַ פויער. און ווײַנער, ווי אַן עכטער גענעראַל, האָט געמיטלעך געשפּרײַזט, ווי בײַ זיך אין דער הײם, ווי אַ פּריץ אין זײַן אײגענעם פּאַרק. וויפיעל יאָהר ער שפּאַצירט שוין איבער דער געגענד! חיהלעס שאַרלאַך-בלויע אויגן האָבן געברענט, ווי בײַ אַ קלײן וועלפעל, איהר געזיכט איז, דוכט זיך, געווען אומבאַוועגלעך, נאָר אַ קוים-מערקלעכער שמײכעל האָט געשוועבט אויף איהרע קלײנע ליפּעלעך און האָט צוגעגעבן איהר עטוואָס-פערוויטעלטן געזיכט אַ געהײמען חן. פּעזונער האָט זײַנע אויגן פון איהר נישט געקאָנט אָפּרײַסן און אינערלעך האָט ער גערעדט צו זיך:

— ווי איך זעה, גוטער ברודער, געפעלט זי דיר, נאָר ווי קומט אַזאַ עובר-בטל, ווי דו, צו איהר?

דאָך האָט ער חיהלען גענומען אונטער דער האַנד און ער האָט שפּאַסענדיק צו איהר געזאָגט:

— שעמט זיך נישט, איהר זענט שוין אַ גרויסע, מען מעג שוין גײן מיט אײַך געאַרעמט.

חיהלע האָט זיך טאַקע נישט פערשעמט. זי האָט ניר אומגעקערט איהר געזיכט צו איהם און ער האָט דערזעהן איהרע קיגע אויגן און איהרע שעלמישע ליפּעלעך.

פּאָליע האָט זיך געווענדט צום עולם:

— קינדער, לאָמיר זיך פּרובען אין לויפען!

— גוט, לאָמיר לויפֿן! — האָט פֿרענקעל זיך אָפּגערופֿן.

פֿאָליע האָט פֿאַרחידושט אַ קוק געגעבן אויף פֿרענקלען. זי האָט זיך עס אויף אים נישט געריכט. זי האָבן זיך געשיידט גלייך... איינס, צוויי, דריי, און זיי האָבן זיך אַלאָז געגעבן. פֿאָליע איז געלאָפֿן, ווי אַ יונג פֿריש לאָשאַקעל, האָפֿערדיג און גראַציעז; פֿרענקעל האָט קאָמיש געוואָרפֿן מיט די הענט און מאָדנע דערביי מיטן קאָפּ, ווי אַן אָקס, געשטויסן אין דער לופֿט אַריין. ווייטער האָט זיך געשטעלט מיט די הענט אין די זייטן און געלאַכט, חיה׳לע האָט אַפּלאָדירט.

— ווילט איר לויפֿן? — האָט זי פֿעוזנערן געפֿרעגט.

— ווי קום איך צום לויפֿן? — אויף די עלטערע יאָרן!...

חיה׳לע האָט אויף אים אַ קוק געגעבן און געזאָגט:

— איך האָב פֿיינט אַלטע!

חיה׳לע איז פּלוצלונג געוואָרן אומעטיג: זי וויל שפּאַצירן נור מיט בחורים, וואָס קאָנען לויפֿן מיט איר אין אַזוינע שיינע, ווינטערדיגע נעכט. זי האָט איר האַנד האַסטיג אַרויסגעריסן פֿון זיינער. צוזאַמען מיט איר האַנד האָט זיך עס אין זיין האַרצן אָפּגעריסן און זי האָט זיך אַלאָז געגעבן לויפֿן. מיט געבעט האָט ער נאָכגערופֿן:

— חיה׳לע, אַנטלויפֿט נישט פֿון מיר!

— חאַפּט מיך, אויב איר קאָנט! — האָט זי געענטפֿערט.

פֿעוזנער האָט געשוויגן. צוריקגעגאַנגען איז פֿעוזנער זעהר אומעטיג. חיה׳לע האָט דאָס דערפֿילט, עס האָט איר געפֿרעהט און געדייצט, און ווען דער עולם האָט זיך גענומען געזעגענען, האָט זי אים פֿאַרבעטן צו זיך. מיט פֿעוזנערן, וועגן וועלכן זי האָט זיך אַזויפֿיעל אָנגעהערט, אַליין!

די וואַרימקייט, דאָס ליכט, חיה׳לעס היימיש, מיידעלש צימער האָבן פֿעוזנערן אויפֿגעלעבט. מאַניערליך און צערטליך, ווי אַ געניטער דאָן־זשואַן, האָט ער פֿאַרבעטן חיה׳לען צו זיך אויף דער סאָפֿע און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן שטיל, מיט יענעם טאָן, וועלכער, ער האָט געוואוסט, פֿאַרזיכט און באַגייסטערט אַ פֿרויען־האַרץ. זי האָט אים געלאָזט נעהמען איר האַנד און פֿון זיינע שמערצליך־געפֿיהלפֿולע בליקן, האָט איר קליין הערצעל שטאַרק געשלאָגן. ער האָט זי אַרומגענומען און מעכאַניש אַ זאָג געגעבן:

— מיין ליבע!

— אַ נייַע ליעבע אויף דיין קאָפּ, ליגנער! — האָט דער צווייטער פעווזנער אין זיין האַרץ זיך אָפּגערופען.

זיין האַנד איז צוריקגעפאַלען. חיהלע איז רויט געוואָרען. זיי ביידעי איז געוואָרען נישט אַנגענעהם. ער איז נאָכדעם נישט לאַנג געזעסען ביי חיהלען. געהענדיג אַהיים האָט איהם געשוידערט פון קעלט און ערגעץ אין זיין בעוואוסטזיין האָט געלויערט און געעגבערט אַ שמערצליכער און אַ האָפנונגסלאָזער געדאַנק, אַז דאָך ליעבט ער זי. ער האָט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען. די לבנה האָט, ווי איהם אויף צו להכעיס, אַריינגעשיינט אין פענסטער און זיך גערייצט מיט איהם. ווי אַ חיה, וואָס מען האָט איהר איהרע נעגעל אָפּגעשניטען, האָט ער געקריצט מיט די ציינער, און דער פעווזנער, דער בר דעת, האָט איראָניש גערעדט צו איהם:

— שוין צייט, ברודער, אויפהערען די שטיק!

V

פעווזנער איז געוואָרען קראַנק. דער דאָקטאָר האָט בשום אופן נישט געקאָנט פעסטשטעלען, צי איז עס ביי איהם אַ צוקיהלונג, צי אַ נערווען־קראַנקהייט. אינעווייניג, אין די ביינער, האָט גענאָגט אַ מאַטער און טעמפער וועהטאָג. אַזוי פיהלט זיך אַ מענש נאָכדעם, ווי ער האָט אַ לאַנגע צייט גענומען הייסע וואַנעס. פונקט ווי מען וואָלט די הייוען פון זיין יונגען אָרגאַניזם אויסגעצאַפּט.

די נעכט זענען געווען ליכטיגע און פראָסטיגע. דער דאָקטאָר האָט בעפוילען איבעררוקען דאָס בעטעל צום אויוועלע און גאַנצע שעה'ן פלעגט פעווזנער ליגען אַנטקעגען פענסטער, וואו עס האָט זיך אויסגעשפרייט, ווי אַ ליכטיגער פּאַלאַץ אין אַ שאָטענדיגען פּאַרק, די געגענד פון סטאַראָ־באָיאַר. פעווזנער האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער, ווי אַנ'אַרעסטאַנט פון זיין קאַמער.

אָן דעם דאָקטאָר'ס פערטראַכטע און ערנסט־פערזאָרגטע אויגען, אָן דאָס סוד'ען זיך הינטער דער טהיר, אָן דער מאַמע'ס פערוויינטע אויגען, אָן דער גענויטער פרעהליכער מינע, מיט וועלכער יעדער פלעגט צו איהם אַריינקומען, אָן דעם פערזאָרגטען געזיכט פון זיין טאַטען, וואָס וואָלט נישט פערשמעקט צו איהם, ווען ער וואָלט נישט געווען געפעהרליך, האָט פעווזער פערשטאַנען, אַז זיין לאַגע איז אַ קריטישע.

ער האָט ביים דאָקטאָר געפרעגט, אינטער פיער אויגען, וואָס

מיט איהם איז. ער האט איהם געבעטען, ער זאל איהם דעם אמת נישט פערהוילען...

— מיין פריינד,—האט דער דאקטאר געענטפערט—אייער קרענק איז אזעלכע, וואס האט נישט קיין בעשטימטען נאמען אין דער מעדיצין. איהר בעדייטונג קאן אויסגעשעפט ווערען מיט צוויי ווער־טער: פריהצייטיגע עלטער. אייגענטליך, קאנען מיר עס גאר נישט קורירען, דער איינציגער מיטעל קעגען דעם איז אבסאלוטע גייסטי־גע רוה, אהן דעם וועלען אלע מעדיקאמענטען קיין ווירקונג נישט האבען...

— צו וואס קאן עס פיהרען, אויב דאס וועט זיך פערע־גערן?— האט פעוזנער גאנץ רוהיג געפרעגט.

— צו פאראליז...

דערווייל האט דער דאקטאר, א יונגערמאן מיט א שווארץ בער־דעל, וועלכער איז נאך נישט־לאנג ארויס פון אוניווערזיטעט און האט זיך נאך געאינטערעסירט מיט מעדיצינישע פראבלעמען, אנ־געהויבען אויפ'ן קול אנאליזירען פעוזנער'ס קרענק און ער־קלערען, זיין דיאגנאז און ער האט א זאג געגעבען:

— דאס נעהמט זיך...

פעוזנער האט איהם איבערגעשלאגען מיט א ביטערען שמייכעל:

— פון וואנען דאס נעהמט זיך ווייס איך אהן אייך...

ווען דער דאקטאר איז אוועק און פעוזנער איז געבליבען אליין, איז איהם פלוצלונג בעפאלען א פאנישע שרעק, ווי ער וואלט, ערוואכענדיג פון שלאף, זיך דערזעהן געבונדען און איבער איהם שטעהט א גזלן מיט א האק, וועלכע ער איז בערייט יעדע מינוט אראב־צולאזען א פראסטיגער וועהטאג האט איהם גענומען קראמפען די גלידער, נאר דאס האט איהם באלד אבגעלאזט.

— אבסאלוטע גייסטיגע רוה!—האט ער גערעדט צו זיך— ווי אזוי קאן איך אבער האבען די אבסאלוטע גייסטיגע רוה? פון וואנען זאל איך זי נעהמען?

די מאמע מיט איהרע טרעהרען, די אינגעדליך־לאנגע און שלאפלאזע נעכט, זיין געמיט, וואס איז געווען פערקלעמט פון זיין אייגענער אהנמאכט, און אפילו די איינזאמע שטילקייט פון זיין צימער האבען איהם נישט געקאנט געבען די אבסאלוטע גייסטי־גע רוה!

טרעהרען האבען אנגעפילט זיינע אויגען. אין זיך אומקעהרענ־דיג מיט'ן געזיכט צו דער וואנד און צודריקענדיג זיין שטערן צו

איהר. האָט ער פאַר עמיצען, וואָס זעהט זיין אומגליק און איז, אפשר, דער חייב אין איהם, לאַנג געזיינט. ערשט האָט ער זיך דערמאָהנט אָן מאַדמואַזעל פיינבערג און ער האָט בעגריפען, ווי ווייט ער נויטיגט זיך איצט אין איהר. איהם פעהלט איצט אַ טרייע פרויענהאַנד, וואָס וואָלט מיט איין צערטליכען גלעט איבער זיין שטערן פערטריעבען פון איהם אַלע זיינע ספקות, וואָס וואָלט מיט דעם גערויש פון איהר קלייד פערהילכט די גרילען פון זיין געדאַנק...

און מיט שטומען פאָרוואורף איז איפגעשטאַנען פאַר זיינע אויגען פיינבערג'ס בלייך און טרויעריג געזיכט. ער האָט זיך דערמאָהנט יענע נעכט, ווען זי האָט געוואַכט איבער איהם, בעת ער איז געווען קראַנק אין ווילנא. עס איז געווען שטיל אין זיין איינזאַמען, בחורישען צימער, אויפ'ן הוילען, קיילעכדיגען טיש האָט געברענט אַ סטעאַרין-ליכט, פון ערגעץ פון דער שטילקייט פון דער נאַכט האָבען זיך דערטראָגען קלעפּ פון רעדער איבער'ן ברוק, לאַנגע שאָטענס זענען געפאַלען אויף די ווייסע, הויכע ווענד פון דער ביכער-עטאַזשערקע, פון די שטוהלען און פון פיינבערג, וועלכע איז געזעסען איבער איהם, אין הויף האָט זיך געהערט אַ האַרצרייסענדיגעס געוויין פון אַ קינד און דאָס גלעקעל ביים טיער האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגען. ער איז געווען טויט-קראַנק, ער איז געווען פערקיהלט און פון יעדען ריהר האָט איהם אַ שטאָך געגעבען אין זיין קראַנקען האַרץ, נאָר ער איז געווען רוהיג: זיין האַנד איז געלעגען אין איהרער, איבער זיך האָט ער געשפירט איהר בוזעם, איהר האַרץ, וואָס האָט געשלאָגען פאַר איהם, נור פאַר איהם, און ליעגענדיג מיט'ן קאָפּ אין איהר שויס, זענען שעהן ווי מינוטען פערפלויגען.

— וואו ביסטו איצט?—האָט ער געשעפטשעט.

— מיין גוטע!—האָט ער גערעדט צו די וואַנד.

מיט די לעצטע כחות איז ער איפגעשטאַנען פון זיין געלעגער און ער האָט אָנגעשריבען פיינבערג'ן אַ בריוועל: „גוטע ראָזע! איך בין טויט-קראַנק. איך ליעג צו-בעט. דאָס קומט פון אַ שטאַרקער נערווען-ערשיטערונג. דו ביסט דער איינציגער מענש, וואָס קאָן מיך אויסקורירען. קום, איידער עס וועט זיין שפּעט. קום! דיין שמואל!“

ער האָט געבעטען זיין מאַמען, זי זאָל רופען די דיענסט. ער האָט זיך צוריק געלעגט אויפ'ן בעט. פיינבערג וועט קומען, ער ווייסט, אַז זי וועט קומען. מיט וואָס אָבער, געזונד ווערענדיג, וועט

ער איהר בעצאָהלען? אויס דאַנקבאַרקייט וועט ער איהר לייגען און ער וועט איהר זאָגען, אַז ער ליעבט זי, אַז זי איז דאָס איינציגע גליק אין זיין לעבען.

— האָסט שוין גענוג געליינט!—האָט דער צווייטער פעווזנער זיך געבייזערט.

די דיענסט, אַ יונגע שיקסע, אַ פערוויטיגטע פון פראָסט אין אַ באָרוויסע מיט אַ מעכטיגען בעזעם, וואָס האָט זיך שטאַרק געהוי-בען פון איהר פערסאָפּעטען אָטעם, איז אַריינגעקומען און געבראַכט, וואָס דער „פּאַניטש“ דאַרף האָבען. פעווזנער האָט מיט אַ שמערצליכער קנאה געקוקט אויף איהרע געזונדע, פערדאָרעוועטע, אָבער דאָך שע-נע פיס: ווי אָרים ער איז אין פערגלייך מיט איהר!

— אין אויוועלע איז איינגעהייצט?—האָט ער זי געפרעגט.

— עס ברענט!—האָט זי געענטפערט.

— נעהם און וואַרף אַריין אין פייער דעם בריעף!

זי האָט מיט איהרע קעצישע אויגען אַ קוק געגעבען אויף איהם, גענומען דעם בריעף און איז אַוועק מיט איהם.

VI

פעווזנער האָט קיין נאַכט נישט געשלאָפען, נאָר צווישען די לאַנגע, אײנגעדליך־לאַנגע און שמערצליך־לאַנגע וואַכענדיגע שטונ-דען האָט ער געצעהלטע מינוטען האַלב־געדרעמעלט און עס האָ-בען זיך איהם געפּלאָנטערט אין די דאָזיגע שנעל־פערפליהענדיגע סעקונדען משונה׳דיגע און דריקענד־טייטליכע חלומות, פון וועלכע דער קאָפּ האָט איהם געברענט. אָט געהט ער איבער די ליכטיגע ווילנער גאַסען מיט זשעניען, מיט זיין ערשטער ווילנער בעקאַנטער. עס איז שוין אַרום עלף אַ זייגער, די שטיינערנע טראָטואַרען און דער געבלאַסטער-טער ברוק, וואָס איז דורכגעשניטען מיט טראַמוואַי־רעלסען, זע-נען לעער, נאָר פון די גרויסע גלעזערנע וויטרינען שלאָגט אַ העל-ליכט און אין די טהירען שטעהען עלעגאַנטע פּרייליינס אין דער ציערליכקייט און גלאַנץ פון זייערע פּרעכטיגע קליידער און אין דער ווייט גלאַנצען רייהען גאַז־לאַמטערנעס, וואָס קומען זיך צוזאַמען אין דער פּערספּעקטיוו; זיי געהען מיט געשווינדע טריט, ער פיהלט איהר הייסען אָרעם און נאָהענט קוקען איהם אַריין איהרע בלויע אויגען און עס גלעטען צאַרט זיין געזיכט די בלאָנד־גאָלדענע לאָ-קענס פון איהרע האָר און פּלוצלונג גיט זי אַ לאַך און איהר

קלינגענדיגער געלעכטער גיט אַ טרייסל זײַן אײַנגעווייד און ער לאָזט זי אַרויס פון זײַן אָרעם און זי ווערט אין אַ שוואַרצען טויער פערפאַלען. ער ציהט אויס זײַן האַנד נאָך איהר און ערוואַכט מיט אַ שרעקליכען וועהטאָג אין די שלייפען... ער ליעגט ווײַטער מיט אָפענע אויגען און הערט זיך צו אונענדליך־לאַנג צו דעם טאָן, וואָס הילכט אין זײַן אויער, און קוקט אויפ'ן זייגער, עס איז נאָך האַלב־צוויי, מעהר נישט, ווי האַלב־צוויי, און ער פיהלט, אַז שלאָפען קאָן ער נישט. ער נעהמט צעהלען די קאַפּעל פון איוועיע, ער צעהלט זיי איין מאָל, צוויי מאָל, נאָר יעדעס מאָל קומט אַרויס אַנאַנדער צאָהל. ער דרעהט זיך איבער פון איין זײַט אויף דער אַנדערער און הויבט־אָן אויסצוהערען יעדען גליעד באַזונדער, ער בעוועגט איהם, ער טאַפּט איהם און ווען ער דערפיהלט אויף איין רגע אַ גרינגקײַט און עטוואָס עהנליכעס צו געזונד, גיט אין איהם אַ ציטער אַ שטילע, פערקלעמטע האָפנונג, ווי אַ שטילער, ריהרענדער טאָן, וואָס האָט ערגעץ אין די טיעפעניש פון זײַן נשמה אַ פלאַטער געגעבען און אויפגעלעבט אַנ'אַלטען, לאַנג־פערשוואונדענעם גליק... און תיכף נאָכדעם הויבט־אָן ערגעץ־וואו אַ קראַנקער נערוו צו קאָנוואולסירען און אַ גאַליגער יאוש פילט ווידער אָן זײַן נשמה...

ער דערפיהלט ווײַטער אַ שווערקײַט אין קאָפּ און זײַנע אויגען הויבען אָן זיך צו שליסען, נאָר אויף איין שמאָלער ליניע בלײַבען זיי אָפען, אַזוי אַז עס דרינגט אין זיי אַרײַן דאָס רויטע, אונערטרעגליכע ליכט פון לאָמפּ און ער דערפיהלט אויף זײַנע ליפּען אַ הייסען קוש און אַ ברענענדיגען אָטעם; ריטשעל קושט איהם. ער פיהלט איהר הייס געזיכט אין איהרע טינקעלע, גרויסע דורשטיגע אויגען, זי קושט איהם מיט לײַדענשאַפט און מיט אימפּעט מיט אַ פערשטיקטען אָטעם רעדט זי: „איך וועל דיך צוקושען אויף טויט!"

פעוונער'ן פערחאַפּט דער אָטעם, ער שטיקט זיך, עס ווערט איהם פינסטער און ער ערוואַכט.

— וואָס וועט זײַן? וואָס וועט זײַן? איך וועל פון זינען אַראָפּגעהן! — האָט ער צו זיך גערעדט און עס האָט איהם בעפאַלען אַ שרעק; ווי אַ ווײַטע שרפה האָט טיעף אין זײַן בעוואוסטזײַן אַ בליץ געגעבען די משוגעת.

ווען דער דאָקטאָר איז, אין דער פריה, נאָך אַזאַ נאַכט, גע־

קומען, האָט איהם פּעווזנער געבעטען, ער זאָל איהם געבען אַ מי־טעל צום שלאָפען.

דאָס איז פאַר אייך אין דעם צושטאַנד געפעהרליך: — האָט דער דאָקטאָר איבערצייגענדיג געזאָגט.

— אָבער נישט געפעהרליכער, ווי משוגעת?

דער דאָקטאָר האָט פּעווזנער'ן אַריינגעקוקט אין די אויגען.

— איך וועל ערפילען אייער פערלאַנג: — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט אַ ציטערנדיגען קול...

אין אַ קורצער צייט נאָכדעם, ווי דער דאָקטאָר איז אַוועק, איז פרענקעל געקומען.

פּעווזנער האָט זיך זעהר דערפרעהט מיט איהם.

— האָסט זעהר גוט געטהון, וואָס דו ביסט געקומען אַליין, אָהן דער קאָמפּאַניע. זיץ!

פרענקעל האָט אין דעם פּאַלטאָ און אין די קאַלאָשען זיך געזעצט אויף אַ שטוהל אַנטקעגען פּעוזנער'ן. ער האָט איהם אָנ־געקוקט מיט זיינע שאַרע, דורכדרינגענדיגע אויגען. ער האָט איהם נישט געפרעגט, ווען ער איז קראַנק געוואָרען און וואָס טהוט איהם וועה, ער האָט עס געוואוסט, ער האָט איהם אפילו נישט געפרעגט, ווי ער פיהלט זיך. צו וואָס טויגען די פוסטע רייד? ער קאָן איהם סיי־ווי נישט העלפען. זיי האָבען אַלאַנגע צייט געשוויגען. ענדליך האָט איהם פּעווזנער געפרעגט:

— וואָס הערט זיך ביי דיר?

פרענקעל האָט זיך האַמעטנע אַ בעזוגנ געגעבען אויף זיין שטוהל און מיט אַ שמערצליכען, קוים־מערקבאַרען שמייכעל געענטפערט:

— איך בעהאַלט זיך פון לעבען...

— אפשר, גלייכער...

— איך וואָלט זיך געביטען מיט דיר..

— נישטאָ אויף וואָס. פריהער האָט אין מיר געברענט אַ פייער, איצט רויכערט נור.

— איז דען דיין לאַגע אַזוי האָפנונגסלאָז?

— איך בין נישט אַזוי פיזיש, ווי גייסטיג קראַנק...

— און די ערינערונגען?

— פון וואָס?

— פון שטורמדיגע טעג און הייסע נעכט...

— זיי מאַטערען מיך...

פרענקעל האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנד: — געווּג וועגן דעם! אַליין איינס!

זיי האָבן אַ צייט געשוויגן. דאַן האָט פּעווזנער פלוצלונג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק־געבענדיג אויף פרענקלען מיט רויטע און ברענענדיג־צומישטע אויגן, האָט ער געזאָגט:

— און איצט ווייסטו, וואָס איז מיין טיפסטער און ליידענשאַפטליכסטער פערלאַנג?

פרענקעל האָט אים נישט געפרעגט: וואָס? ער דאָט געקוקט אויף פּעווזנער'ס בלייכן, אויסגעמאַטערטן געזיכט און עס איז אים געווען שרעקליך אונאַנגענעהם און עס האָט אים וועה געטהון.

— מיין איינציגער פערלאַנג איז איצט שלאָפן, שלאָפן אָהן אַ סוף, גאַנצע וואָכן און מאָנאַטן... רוהען...

און אין דעמזעלבן אָוונד האָט פּעווזער איינגענומען אַ צווייענדיגע דאָזע פון די שלאָף־טראָפּענס, וואָס דער דאָקטאָר האָט אים פערשריבן, און ווען ער האָט דערפיהלט, אַז עס הויבט אים אָן צו דרעמלען, איז אַ שטילע פרייד, ווי אַ זיסע, איינוויגענדיגע רוהיגקייט, אַריין אין זיין האַרצן, און אין זיין מידען מוח האָט געפּיקט שטיל, אָבער דרינגענד, אַ געדאַנק, טאָמער וועט ער מעהר נישט אויפשטעהן. נאָר ער האָט אים נישט געשראָקן... שלאָפן... רוהען...



משה טײַטש.

* *
*

ווײַט און ברײַט זיך ציהט די בײַט
פֿון הימעל און פֿון שײַן —
אַרום אַ קײַט
פֿון וואָלקען פֿײַן;

שפּאַצירט אַ זון אַרומ'עט און
פֿערגעהט און קומט צוריק
און טראָגט אַ קרוין,
געשמידט פֿון גליק.

און זעהט זי נאָר, עס געהט אַ פּאָר,
וואָס יונג איז און פֿערטראַכט,
דאַן גאָלדיג־קלאָר
זי זיך צולאַכט, —

און ווינקט זיי צו אין שטילער רוה
און ווארפֿט די קרוין זיי
צו די פֿים:
גענים!

א שטיינמאַן.

מיניאַטורען.

I

אין אָוועגד.

איך האָב געשפּרייזט הין־און־הער איבער׳ן צימערל, און אין קאָפּ האָט זיך פונאַנדערגעוויקעלט אַנ׳אונענדליכער קנויל פון פּיינליכע רעיונות. כ׳האָב געטראַכט פון מיין טריבען לעבענס־גאַנג, פון מיין שורש־נשמה אין פון דעם, וואָס ס׳וועט זיך מיט מיר פערלויפען אין יאָהרען אַרום. פון דערבייאיגען פּאָדער־צימער האָט זיך געלאָזט הערען אַנ׳אונאויפהערליך געכליפּערײַ פון אַ וויג־קינד, וואָס האָט זיך פערגאַפּט וויינענדיג און געשטערט מיין געדאַנקען־לויף און מיין זיך־קווענען. ס׳האָט די נשמה געלעכצט נאָך פולער רוה. נאָך אַ טויט־שטילשווייגען, — קיין שאָרך פון׳ם אַרומיגען, ס׳זאָל קיין איינציגער קלאַפּ פון מיין אונרוהיג האַרץ פאַר מיין אויער נישט געהן פערלאָרען! נאָר דאָס געכליפּערײַ פון׳ם וויג־קינד האָט אַלץ מעהר געשטייגט, זיך צוזאַמענגעסענדיג מיט׳ן געברומערײַ פון אַ מאָנאָטאָניש ליעד. ס׳איז דערנעבען אַ מוטער געזעסען. האָט געוויעגט און עפּיס אונטערגעברומט... זיי האָבען קינדער געבוירען — וועמען געהט דאָס אָן מיין רוה? —

ביז איך מיט אימפּעט אַרויס פון שטוב, זיך געלאָזט לויפען איבער גאַסען. אָבער אויך דאָ האָט עס מיך געטראָפען. די ברוי־

זענדע מענגע פון מענשען־קעפּ האט מיר אקעגענגעטראגען געלאַ־סענע פערדביקות'טע און נישטיגקייטען מענשען־פּנים'ער. ווי זיי טראגען זיך מיט'ן שטראם, שפרייזען האסטיג, ווי אונטער א בייטש, יאגען זיך, ווי נאך אנ'עפּיס!... האב איך זיך געפלאנטערט צווישען זיי, געקומען מיט זייערע עלענבויגענס אין בעריהרונג, געשלונגען דעם גאסען־שטויב, און ס'האט אין מיר געוואָרען פערדרוס. דאס זענען זיי, די מענגע! זייער צאהל — אונענדליך, זייער בליק — שטאר, דער שמייכעל — א גערוס פון וואך... די פלעמלעך פון די לאטערנעס האבען חוצפה'דיג פערשפּרייט ארום מיר נעצען, געקראכען אין די אויגען אריין.

א בעזויגטער פון צער און צארן, האב איך געשפּרייזט צווישע, זיי, ווי א פרעמדער, א געהיימער פיינד, און נישט געשפּירט האב איך, אז פאר מיר טראגען זיך פארביי אונענדליכע שיקזאלען, פלאטערנדע נשמות, געפאנגענע אין נעץ פון קערפּערס. בעטריבטע מענשען־קינדער; מיין בליק האט נישט אריינגעדרונגען ביז צו די טיעפעניש פון זייערע נשמות, נישט דערגרייכט ווייטער פון דער אויבערפלאך, ווייל בעטרונקען בין איך געווען פון פערדרוס און אלץ טיעפער האט מיין הארץ געזונקען אין זודיגען קעסעל פון מיין בלוט.

האב איך צו זיך געזאגט: אנטלויף פון דאנען, אנטלויף!

אין קארידאר פון א פרעמד הויז בין איך שטעהן געבליבען.— ווער מיר דא? וואס מיר דא? וואס האב איך צו טהון דא ביי א פרעמדער טהיר?... פון יענער זייט טהיר האבען זיך שוין אבער געלאזט הערען האסטיגע טריט. אז מ'האט מיך ביים טיש אוועקגעזעצט, בין איך געוואָרען איינער פון'ם שטאט. די מענשען לאָזען זיך וואוילגעהן. מען בעהאנדעלט בשעת די צוביי־עסען וויכטיגע וועלט־פראגען, ביז מען קומט ארויף אויף ליטעראטור. ס'רעדט זיך וועגען די זעהר בעריהמטע ווערק פון א זעהר בעריהמטען שריפטשטעלער. שוין דער בלויזער קלאנג פון'ם נאמען פערמאגט אין זיך די קראפט אויפצופלאצען מיין געדולד, און די בעריהמטע ווערק לעגען זיך אויף מיין געמיט, ווי א אונענדליכער פאלשער קלאנג, — האב איך געהערט און געשוויגען, ביז איך בין אויפגעשפּרונגען א צו'כעס'טער און גערעדט:

— אזוי איז שוין פון אלע יאהרען, מיינע הערען: דאס פרעכע און שאבלאָנע ווערט געהויכט און געקרוינט, ווערענד דאס שענסטע און בעסטע ווערט בעווארפען מיט קויט. יא, איך האב

זיך שוין לאַנג נאָכגעטראַכט וועגן דער דאָזיגער ערשיינונג און בין געקומען צום בעשלום: קלאָר, ווי דער טאָג, אַז נור דער פאַל־שער טאָן, דער רייסענדער פויקען־קלאַנג גלעט דאָס אויער פון דער מענגע, די טויב־ברומענדע חיה... דאָס האַרץ וועהטאָגט, צו־זעהענדיג די טריאומפירענדע טאַלענטלאָזיגקייט, וועהטאָגליכער איז אָבער צוצוזעהן, ווי דאָס עכטע און דאָס שענסטע, דאָס צאַרטעסטע און שטילסטע: די פּאָעזיע — ווי זי איז געפאַלען! קומט איינער און ברענגט־מיט פון דאָס שענסטע און בעסטע פון זיין נשמה, פונ'ם הינטערגרונד פון זיין וועזען — באַלד טראָגט מען איהם אַקעגען אַ שפּיי. די צאַרטעסטע און אידעאַלסטע מענשען־קינדער, אויף זייער ערצויגענע, וואַלגערען זיך שוין לענגסט אין די וועלט־רינשטאָקען!... און וואָס אַנבעלאַנגט די בעריהמטע ווערק פון דעם בעריהמטען שריפטשטעלער...

האָט מיך דער עולם אָנגעקוקט פערוואונדערט, און איינער האָט איבערגעריסען מיינע רייד, בעמערקענדיג קליגעריש:

— ס'רעדט אַ פאַן־מאַן וועגן אַ קאָלעגע...

דאָס האָט מיר אָבגעקלונגען ווי אַ טיעפע בעליידיגונג. צי דען גאַרט נישט שטענדיג מיין גאַנץ וועזען ווענען צו ריהמען? צי דען פלאַטערט נישט אויף מיינע ליפען אַנ'אייביגעם לויב־געזאַנג? — נאָר... וואָס האָב איך דאָ איבערהויפּט צו טהון?

ס'האָט זיך מיין האַנד אויסגעשטרעקט איבער דער לענג פון טיש:

— אַל'דאָס בעסטע, מיינע העררען!

כ'האָב נור אַריבערגעטראָטען די שוועל פון יענעם בעשיידענעם געצעלט, און באַלד האָט מיך דורכגענומען אַ שוידער. נישט אַרויס איז זי צו מיר אַקעגען, ווי געוועהנליך, אין די אויגען זענען געווען אַראָבגעלאָזען עפּיס מעהר ווי געוועהנליך, גערעדט האָט זי ווינציגער ווי שטענדיג, געשמייכעלט — מעהר. איהר שטימע האָט געקלונגען עטוואָס שטילער, און איהר געלעכטער — עטוואָס העכער. כ'האָב בעמערקט: ס'האָט געפלאַסען ערגעץ־וואו־הין איהר יעגאַנ־קען־שטראַס, נאָר נישט בעריהרט האָט ער פאַרבייליפענדיג דעם, וועמעס ס'גאַנץ וועזען מיט'ן מינדסטען פון די געדאַנקען זענען פערקניפּט מיט איהר מינדסט פינגערל.

אַרויס פון דאַנען, געשווינדער, אַרויס פונ'ם בעשיידענעם געצעלט! אין קאַמפּ־הויז אַריין, די נעכט פון אַלע הימלאָזע און גאָט־פערגעסענע, וואו ס'שלענגלען זיך לאַנגווייליגקייט־זילען צו־

זאַמען מיט די ווײַלען פֿון ציגאַרען-רויך...

— קעלנער!...

נאָר נישט ער מערקט.

ס'דרעהט זיך הין-און-הער דאָס גוטמוטיג-העפֿליך בעשעפֿעניש — מיך האָט ער פֿערזעהן. און ווען זײַן פּרובענ"ער בליק איז ענדליך געפֿאַלען אויף מיר, מיך בעטראַכטענדיג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, האָב איך אין איהם איבערגעלייענט: גרינגשעצונג.

זעהט ניר, זעהט, ס'אַר אַנ'ענגשאַפּט, קאָפּ אויף קאָפּ. האָבען זיך אויסגעזעצט מיט זייערע ווײַבער, דאָפּעלט-בעשעפֿעניש'ן...

אַ פֿלוך אויף זיי, אויף זייערע ווײַבער מיט די זויג-קינדער, וואָס וויבלען און גריבלען אויף שריט און טריט!... צוריק, צוריק אין מײַן אָרים געצעלט — מײַן טרייסט, מײַן פֿרייד, מײַן קבר! בעסער צווישען דײַנע פֿיער ווענד אויסשפּײַען מײַנע איינזאַמע יאָהרען און טעג...

אַ מידער שפּרײַז איך איבער די גאַסען. שאַ—שטיל. זעלטען אַ דורכגעהער. אויפ'ן הימעל בלאַנקט אַ לבנה...

אין פּאָדער-צימער איז פֿינסטער. אַ בלאַסער לבנה-שײַן פֿלאַטערט-אַרום, בלײַכט זיך אויפ'ן דרעמלענדיגען געזיכט פֿון דער מוטער. שמײַכלענדיגע ליידען אויף איהר געזיכט, מוטער-שמערץ... זי דרעמעלט אויף איהר בעטעל, און איהר אויסגעשטרעקטע האַנד ליעגט אויפ'ן דרעמלענדיגען געזיכט פֿונ'ם קינד, וואָס שלאָפֿט אין וויעגעלע, ווי זי וואָלט דאָס פֿון עפּיס בעשיצען... ס'האָט זיך איהר פֿונ'ם האַרצען אַ טיעפֿער זיפֿץ אַרויסגעריסען...

אויף דער סאָפֿע ליעג איך. שטיל. מײַן בליק צום פֿענסטער. דאָרטען, אויבען, געגענאיבער מיר, שלײַכט זיך די בלאַסע לבנה. ס'איז מיר אַזוי לייד מיט אַלע און אַלעמען... גאָט, אויף וועמען גיס איך פֿערדרוס? — ווידער האָבען זיך פֿאַר מיר פֿאַרבײַגעטראָגען, ווי זיי וואָלטען פֿון אונענדליכקייט אַרויסגעשוואומען, די מענגע מענשען-קעפּ און מענשען-געזיכטער, בעגאָסענע מיט בלאַסען לבנה-שײַן און אונענדליכע לעבענס-מגילות, בעשריבענע מיט לייד און פּײַן, האָבען זיך פֿאַר מיר פֿונאַנדערגעוויקעלט, מיט זייערע שיקזאַלען, און אונצאָהליגע אויסגעשטרעקטע אָרעמס האָבען זיך צו מיר געצויגען און איהר מינדסט פֿינגערל... ס'איז מיך אַ רחמנות בעפֿאַלען אויף מיר און אויף זיי — און מײַנע ליפּען האָבען געשעפּטשעט אַ געבעט:

— גאָט, פֿערגיב זיי, פֿערגיב מיר... לעהרען מיך דײַנע וועגען,

און געבען זאלסטו מיר אין האנד א וואגשאל פון ליעבע אין גנאה, און זיין זאל איך אימשטאנד אלץ צוצוועהן אין צו פערצייהען... זיי זענע, דאך מענשען, נור מענשען...

שטילקייט און פריעדען האבען געפלאבען צו מיר פון דארט, פון אויבען... טויערען פון אונענדליכער לייכטזעליגקייט האבען זיך געשפאלטען, פאר מיר, פאר זיי... א וועג פאר אלע מענשען־קינדער... און א פערלאנג האט בעהערשט ארייצונעהמען אלע מענשען־קינדער אין איין וויעג, ווי דער וועלט־רוים די גרוס, און זיי וויעגען, וויעגען, צערטלען מיט ליעבע און געזאנג, איינהילען זיי אין גנאד און פריעדען אויף אלע אייביגקייטען.

II

פריה בעגינען.

פריה בעגינען האט זיך די זון ארייגעשלייכט דורכ'ן פענסטערל און מיין ארים געצעלט און מיר א שליידער געטהון א בינטעל שטראהלען. האב איך מיין געזיכט מיט ביידע הענד פערשטעלט און אויסגעשריען:

— אוועק פון מיר, אוועק, איך וויין די וועלט!

האט די זון זיך פערגנביעט אונטערוויילעכטס, פערשפרייט ארום מיר א נעץ פון שטראהלען און מיך געפאנגען. אוי, גאט, נאך א ביסעל בין איך שוין בלויז זון!

בין איך פלינק ארויס פונ'ם בעטעל, און מיטען צימער שטעהן געבליבען, וועהמיטליך אויסגעשריען:

— וואס האט ביי מיר צו טהון א זון? —

פון ערגעץ־וואו האט עס א ווינטעל אנגעטראגען, ס'האט זיך געבען מיין פענסטער אפגעשטעלט, מיר א געקלאפט און שטיל געמורמעלט: „עפען־אויף, דו מענש איינער, דאס פענסטער. זעה: דער פריהלינג איז שוין אנגעקומען!“

מיט אנ'אימפעט האב איך אראפגעלאזט די שטארען פון מיין פענסטער, מיט א געפייזער אויסגעשריען:

— ניט עפען איך אויף! שוין לאנג געגעבען ווארט: דער־אויסען פון אלעמען!...

איך האב איינגעגראבען דעם קאפ אין קישען. דערווייל האט זיך אויפ'ן הימעל עפיס אפגעטהון. מיט דער זון איז עטוואס טרוי־

עריגם געשעהן — וואלקענס האבען זי אין געפעניעניש גענומען.
איך האב עס געזעהן: איך האב דורך די שפארינקעלעך פון די שטארען נאכגעשפירט... נייע ווינטען זעיען פון דער גארער וועלט אנגעלאפען מיט א געברומערײ, ביי מיין פענסטערל שטעהן געבליבען, אנגעקלאפט. נאר איך האב מיט פערדרוס אקעגעגעשריען:

— צי דען וועל איך מיין בעשלום אומענדערן? — דעראויסען פין אלעמען!...

וואס הער איך? עפים א הארצרייסענד געמירמעל פון יעניער זייט פענסטער. א שטיל-נאגענד קרעכצען פון א גוסס, אדער א פערשטיקט כליפען פין אניעופ׳עלע... צי גאר א וועה-זיפץ פון מיין אייגענעם הארצען?...

איך בין פין בעטעל אראבגעשפרונגען. יא, פון יענער זייט פענסטער פליסט עס, ווי א מין שטיל געוויין, דרינגט אין מיין נשמה אריין... איך האב א ווײלע געשפרײזט הין-און-הער איבער׳ן צימער. ביז איך האב פארזיכטיג די פארטקע געעפענט, א קוק געטהון: געווען איז א פויגעלע — און ס׳איז נישטא! אניאיבערגעשראקענס האט עס געמאכט פליגלען. וואס א פויגעלע קאן! פאר וועמען ס׳האט זיך דאס דערשראקען... צי דען האב איך עטוואס שלעכטס פערטראכט? צי דען איז עס מיין שטיגער?

דאס פויגעלע איז געפלויגען, געפאכעט אין ליפטען מיט די פליגעל. געוואנדערט א היבש ווײלע, ביז ס׳האט זיך ווי בעדענקט און צוריקגעקעהרט צו מיין פענסטער. די זון האט אויך פין אונטער די חמארעס זיך ארויסגעשלאגען. איך האב איהר נאכגעשפירט אלעס געזעהן. פין יענער זייט שטעהט דאס פויגעלע און ס׳האלט אין איין פישטשען. אלץ העלער ווערט דער שיין פין דער זון און אלץ שוואכער ווערט דאס צוויטשערן פינם פויגעלע. קוים-קוים א צוויטש. ס׳האט זיך אויף דער זון פערקוקט, און איך האב זיך אויפ׳ן פויגעלע פערקוקט — די זון האט עס בעשענקט מיט פערשיעדענע פארבען און ס׳בעקומט אלערליי קאלירען: גין-גאלדענע, פורפורנע, זילבערנע.

איך בין געשטאנען פערגאפט, ציגעזעהן דאס פארבען-שפיעל, און עפים א געדאנק איז מיר ארויסגעשוואומען פון די נשמה-בעהעלטעניש, געפלאטערט אין מוח:

— איך וואלט וועלען לאנג, לאנג אזוי שטעהן און קוקען, קוקען אויף דעם פארבען-שפיעל, אלע מיינע יאהרען און לעבענס-טעג, ווייל מיט עפים אנדערש האט מיך גאט נישט בע-

שענקט אויף דער וועלט איז עפּיס אַנדערש איז נישט פֿאַרהאַן אויף דער גאָרער וועלט, וועלכעס זאָל האָבן דעם ווערטה, כ'זאָל אויף דעם קוקן...

III

ווײַט געזונד.

וואָס פֿערמאָג איך אויף דער וועלט און וועמען האָב איך דאָ? נישט קיין גיטער און נישט קיין רײַכטימער, נישט קיין שאָף און נישט קיין רינדער.

זאָל איך זיך בעקלאָגן, וואָס כ'האָב נישט קיין דאַך איבער'ן קאָפּ — בין איך דען מיט אַ בּאָדן אונטער די פֿיס בעוואָרנט?

טאַטע-מאַמע האָבן מיך אויף דער וועלט געבראַכט, און קיין אָרט פֿאַר מיר און איהר נישט אָנגעוויזן. אין-דערפֿינכטעח האָב איך דעם ערשטן שײַן פֿון וועלט דערזען...

די מאַמע האָט מיך גענאַרט: ראָזינקעס מיט מאַנדלען צוגעזאָגט, — אַ פּיבנע שטיקל ברויט געקאַרגט!

אַ קבצן בין איך, פֿון די בײַדלעך אַ געבאָרענער. אַ שפּראָצלינג פֿון דעם גאָט-געבענשטן געזינדל, אַ לײַבלכער ברודער פֿון אַלע וועלט-נע-ונד'ניקעס, צווישן די מײַנע אַ שלים-מזל. זיי וואַנדערן אַרום מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס, איך — נאָך נישט געשאַפֿן איז פֿאַר מיר אַ טאָרבע. זיי — אַ מענגע פֿון צען אין פֿאָהן, איך — איבער דער גאַנצער וועלט שלעפּ איך זיך, אַ נאָמענלאָז און צעבלאָז בעשעפעניש. זיי — בעשענקט מיט אַ וואַנדער-שטעקן, איך — אַ פּוס-געהער אין-דער-לופֿטן.

עלענד בין איך אויף דער וועלט, נישט ווי אַן אַלט-געזעגסענער בוים אין דער וויסטע, נאָר ווי אַ שטרוי-שטעקעלע, וואָס ווערט געשלײַדערט פֿונ'ם שטראָם.

מיט וואָס זאָל איך פֿערברענגען מײַנע יאָהרען און טאָג?

גאָטעס-דינסט? — כ'האָב זיך פֿערקוקט פֿון מײַן שעפּפער, ווי ער פֿון זײַן שעפּפונג.

גאָט-געבעט? — צוליעב וועמען זאָל איך דעם אַלמעכטיגענס נאָמען רופֿען? צי זאָל איך בעטן אויף רעגן? ווען דען מײַנע פֿעלדער שמאַכטן אין דער טרוקעניש?... אויף וועלט-פֿרידן? אָט אַ דער וועלט, וועלכע שפּײַט-אויס אַזעלכע, ווי איך?... אויף

אײַער רוה? — מײַן זאָרג, טאָמער וועט איהר נישט אויסלעדיגען אײַערע וויין־בעכער ביז'ן דעק?... אויף דער ציקונפט פון מײַן פאָלק? — וועה דעם פאָלק, וואָס געבוירט אַזעלכע, ווי איך!...

איך שטרעק מײַן האַנד אין גע״ה. פריעדען אויף אײַך, רוה אין מײַן האַרצען! צי מאָהנט ווער בײַ מיר אַ חוב? — נישט געריסען האָב איך פרוכטען פון אײַערע בוימער, נישט גערוהט אויף אײַערע לאָנקעס.

כ'האָב געבראַכט אַהער אַ געוויכט מיט אַ שײַן פון גאָט בע'חנ'ט — האָט איהר יענעם גלאַנץ אָבגעמעקט!

דאָס ביסעל, מיט וועלכען גאָט אין פאָלק האָבען מיך בעשענקט, וועל איך אויסהויכען פאַר אײַך ביז'ן לעצטען טראָפען.

צי דען זאָל איך מיט אײַך שותפות שליסען? בעהיט מיך גאָט!... און נישט אַ בעשערטע וועל איך פון אײַך פאַר מיר אויסדערוועהלען. אײַערע אַ טאָכטער און איך — נישט קיין גלײַכער שידוך. איך האַס זײַער אומווירדיגען קערפער, ווי איך פעראַכט די טריפה'נע פײַערלעך, וועלכע פינקלען אין זײַערע אויגען; זיי, וועלכע שפריצען גיפט, ווי שלאַנגען, לעקען, ווי די הינט, זשומען, ווי די פליעגען, אויף אַלע מערק אין גאַסען...

ענדע! איך בין פון אײַך פרײַגעשפראָכען... און פערנעהמט מײַן אויער ווען־נישט־ווען אַ ליעבע־געשעפטשערײַ פון אײנער פון אײַערע טעכטער, קלינגט דאָס מיר אָב ווי אַ פאַלש שפריך!...

און נישט פאַלען זאָל איך ווען־נישט־ווען אויף אײַך צו לאַסט. כ'בין אַוועק פון אײַך מיט'ן גוטען ווילען, — נישט פאַרוואָרף און נישט בעקלאָגען זיך! אַליין געשמידט פאַר זיך אַ רייף, אַנ'אײביגע רינג, — נישט אַריבערצוטרעטען...

און ווען מײַן טאָג וועט קומען — דאַן פאַר אײַך דאָס ווינציגסטע: אַ בעגרעבער איז פון שטענדיג אָן געווען מײַן פאַך...

אויסער פיער אײלען פאַר מײַן קבר — יאָ, דאָס איז אײַער פליכט. זײַט בערייט, מײַנע העררען, הײַנט־מאָרגען וועל איך קומען אויפמאָהנען מײַן חוב...

מ. מ. הורוויץ.

אין מִדְבָּר.

כ'האָב מיין טעמפּעל געבויט מיר אין מִדְבָּר,
א מִזְבֵּחַ אין מִזְרָח געשטעלט,
כ'האָב א סך דאָרט געאָפּפערט קָרְבָּנוֹת
און באלויכטען דעם טעמפּעל מיט ליכט.

כ'האָב געוואָרט, אז די זון זאָל ערשיינען,
אז זי זאָל מיט א גליהענדען שטראהל
מיר דעם מִדְבָּר, דעם טעמפּעל באלייכטען
און צוטרייבען די שאָטענס אַרום...

נאָר עס יאָגען זיך שָׁעָה'ן נאָך שָׁעָה'ן,
ביסליך לעשען־זיך־אויס מיינע ליכט;
פון די שָׁעָה'ן איז יאָהרען געוואָרען —
און נישטאָ יענע שטראהלענדע זון!

רחל פֿײַגענבערג.

דער וואונדער־קוואַל.

(אַ מעשה'לע).

I

אַמאָל איז אויף דעם אָרט אַ בוים געשטאַנען.

ער איז געוואַקסען הינטערן שטעדטעל בײַם ברייטען וועג, וואו האָט זיך געצויגען דעם אין וואַלד אַרײַן און דערבײַ האָט אַ קליין שטעגעלע געפֿיהרט צום בית־עולם.

אַלטע לײַט געדענקען נאָך דעם בוים גאָר פֿון אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ הויכער, אַ גלײַכער, באַדעקט מיט געדיכטע צווייגען און בלעטער. דעמאָלט איז ער נאָך געווען שטאַרק. איהם האָבען נישט געאַרט קיין ווינטען, קיין האָגעל. אַפֿילו אַ דונער, דערציילט מען, האָט דער בוים אויך אַמאָל בײַגעקומען. אַ שטיק פֿײַער האָט איהם אַ קלאַפּ געגעבען אין אַ זײַט, נאָר ס'איז גלײַך אָבגעשפּרונגען. דערנאָך האָט זיך די ברענענדיגע קויל אַרומגע־דרעהט אין־דער־לופֿט און איז נעבען דעמזעלבען בוים מיט אַ קנאַל אין דער ערד פֿערזונקען.

אַ גרוב איז אויף יענעם אָרט געוואָרען, און דער בוים איז געבליבען גאַנץ. זײַנע וואָרצלען האָבען זיך ערנעהרט אין די פֿײַכטע טיעפֿענישען פֿון דער ערד און דער שטאַם האָט זיך געקרעפֿ־טיגט. אין זײַנע האַרטע אָדערען האָט וואַרים בלוט געפֿליסט, דורך דער הויט האָט עס געשפּראָצט, דורך אַלע גלידער פֿון גוף ביז די מינדסטע צווייגלעך און בלעטער.

און אַ צײַט מיט יאָהרען איז בײַ דעם בוים פֿון זײַט אַרויס־

געוואַקסען נאָך אַ בוים, וועלכער איז אויך געווען גרויס און שטאַרק, נאָר ער האָט געקוקט אַ ביסעל אין-דער-קרים. נאָך אין דער יוגענד, ווען ער איז געווען אַ דינינקער, אַ ווייכינקער, און האָט אויך געהאַלט וואַקסען צום הימעל אַרויף, האָבען איהם שוין די אַרומיגע צווייגען געבויגען אַראָב און נישט-ווילענדיג האָט ער זיך אַזוי לאַנג געניינט צו דער ערד, ביז ער איז אין-דער-קרים געבליבען שטעהן. אונטען איז די שטרעקע צווישען ביידע ביימער אַלץ ווייטער געוואָרען, און אויבען איז זייער אחדות געווען ווי פריהער. די צווייגען האָבען זיך שטייף אונטער די אָרעמס געהאַלטען און אַזוי קינציג איבערגעפלאָכטען, דאָס מען האָט נישט געקאָנט דערגעהן, ווער צו וועמען עס געהערט.

אומזיסט פלעגט זיך די זומערדיגע זון מאַטערן חאָטש איין בליק אַריינוואַרפען צווישען די צווייגען. פון אויבען ביז אַראָב איינגעהילט אין זיין גרינעם קיהלען מאַנטעל, האָט ער פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט. ביי די גרעסטע היצען האָט זיך דער בוים פון פריה ביז נאַכט אין זיין קילעבדיגען גרויסען שאָטען געבאָדען און מיט זיין פרישען דופטיגען אָטעם האָט ער אַלע שלעכטע ריחות פערטריבען פון זיך.

דער שאָטען פון דעם געבענשטען בוים האָט פערנומען אין דער ברייט ביידע וועגען. און ווער עס איז אַדורכגעגאַנגען, האָט דאָרטען זיין אָפּרוה געפונען:

אַ פערוואָגעלטער פעדלער, וואָס איז געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף מיט אַ פּאַק סחורה אויף די פּלייצעס, פלעגט זיך דאָ אַהעקוועצען און ווישען מיט די קיהלע בלעטער די גרויסע טראָפּענס שווייס פון רויטען פּנים. אַ פערשמאַכטער אָרימאַן, געבויגען אין דרייען, רוקט זיך קוים צו מיט שטעקען אין דער האַנד און צולעגט זיך אין שאָטען, ווי אין אַ גוטער היים. אַ יונגע גויקע מיט אַ וויגעלע אויפן רוקען, בעהאַלט זיך אונטער די געדיכטע צווייגען פון אַ גוס-רעגען. און קומט שבת, לאָזט זיך דאָס גאַנצע שטעדטעל יונגוואַרג פערהאַפען אַנאָרט אונטערן קיהלען בוים. אַלע טרפה מעשה-ביכלעך האָט מען דאָ תמיד געלעזען, אַלע געהיימע ליבעס זענען דאָ געוואָרען געשלאָסען.

אַזוי איז אַמאָל געווען דער קיהלער בוים הינטערן שטעדטעל. אַ צייט מיט יאָהרען איז אַוועק פון דעמאָלט. דער זכרון

ביי די עלטערע מענשען איז שוואכער געוואָרען. קיינער האָט נישט געדענקט, ווען ס'איז געשעהן...

דער בוים האָט אָנגעהויבען פוילען.

אין דעם הויכען שטאַרקען בוים איז אַ לאָך געוואָרען, אַזוי ווי אימעצער וואָלט איהם פון זייט אַ שטיק פלייש אויסגעשניטען. אינווייניג איז געווען פוסט און די ווענד צוהאַקט אין טיפע שפּאַלטען. אַ פערדומפּפטער ריח האָט זיך פון'ם אויסגעפוילטען בוים געטראָגען.

אָפט פלעגט זיך אַהין מיט אַ גערויש אַריינכאַפּען אַ ווינד און דער הויכער ריעזיגער בוים איז פערציטערט געוואָרען. אַ טיפער קרעכץ פלעגט זיך אַרויסרייסען פון זיין קראַנקער ברוסט און דער גרויסער צושויבערטער קאָפּ האָט זיך איהם געבויגען אין אַלע זייטען.

נאָר נישט אומזיסט איז דער בוים אָהן אַ האַרץ געבליבען.

זקנות פלעגען דערצעהלען, וואָס זיי האָבען געהערט פון זייערע באָבעס: נאָך פון פאַרצייטען האָבען יענע [illegible], אַז פון ווייבערשע טרעהרען איז צופוילט געוואָרען דער בוים.

אָט וואָס אַלטע ווייבער פלעגען דערצעהלען.

פון־דער־פרעמד, פון גאָר ווייטע קאַנטען, איז אין שטעדטעל אָנגעקומען אַ שנור. אַ פאַרשוין אַ ווייבעל איז דאָס געווען, אַן איידעל קינד, אַ שטילע, ווי אַ טויב. נאָר אַ יתומה איז זי געווען. און דערפאַר איז זי אין אַ פערגרעבטער שטוב אַריינגעזאַלען. איהר מאַמע איז געווען אַ אשה צנועה און האָט דאָס אָנגענומען פאַר ליעב. נאָר אַ מאַמעס אַ האַרץ איז דאָך עס... האָט זי פאַר'ן אַוועקפאָהרען דער טאָכטער אָנגעזאָגט מיט די ווערטער:

— מיין קינד, זאָלסט וויסען, אַז דו פאָהרסט איצט אַוועק אין אַ פרעמדען קאַנט, אין דיין מזל, מיין קינד, ווייסט דער לעבעדיגער אַליין. דעריבער געדענק־זשע, טאָכטערקע, מיינע ווערטער: ווען דיך אימעצער מבייש זיין, וועט מען דיר שלעכטס טהון, זאָלסטו קיינמאָל דיין צער נישט שטיקען אויפ'ן האַרצען. קיינער זאָל נישט זעהן, זאָלסטו זיך גוט אויסוויינען אין אַ ווינקעלע — און דיין גאַנצער וועהטאָג וועט, ווי מיט די האַנד, אָבנעהמען.

די טאָכטער האָט זיך געזעגענט מיט דער מוטער און האָט אַריינגענומען איהרע קלוגע ווערטער גוט אין זינען אַריין.

און נישט אומזיסט האָט דער מאַמען געזאָגט דאָס האַרץ.

איהר קינד איז אריינגעפאלען אין א שטוב פון קריגעריי, פון קללות, אין א שטיב פון פערשטערטע שבתים און יום=טובים. די שוויגער האט געשאלטען, דער מאן האט זי מבייש געווען מיט מאוס'ע ווערטער, און דאס עלענדע ווייבעל האט אלץ בעהאלטען די צרות פין לייטען, נאר פין=צייט=צו=צייט פלעגט זי לויפען אויסען שטעדטעל, צופאלען צום גרויסען בוים אויפ'ן מיטען וועג און וויינען אויף איהר שלעכטען מזל.

און א צייט ארום איז דאס ווייבעל, א בלוט יוגענד, פון א קינד=בעט געשטארבען. איהר מאמע איז געווען ווייט, אין אנ=אנדער קאנט, האט זי לאנג נישט געוואוסט דערפון. נאר איינמאל איז די טאכטער אליין געקומען איהר צו=חלום און האט איהר געזאגט, אז זי איז געשטארבען.

— ווי אזוי האט זיך דיר דארטען געלעבעט, מיין קינד? — האט די מוטער געפרעגט פין שלאף, און די טאכטער האט איהר געענטפערט מיט די ווערטער:

— שווער, מאמינקע, צו דערצעהלען. אויב דו ווילסט וויסען פון מיין לעבען, פאהר אהין אין שטעדטעל. אויפ'ן וועג צום בית=עולם שטעהט דארטען א גרויסער בוים. איהם זאלסטו פרעגען, פאר איהם פלעג איך מיין הארץ אויסוויינען.

און אזוי איז געווען.

די מוטער האט זיך אוועקגעלאזט אין יענעם שטעטעל אריין און געהייסען זיך פיהרען צום גרויסען בוים. נאר אז זי האט איהם דערזעהן, איז זי אין חלשות געפאלען. פון איהר קינדס טרעהרען איז דער בוים צופוילט געווארען. דער שיינער בוים האט בעקומען א וואונד אין זייט און אינוועניג איז ער געווען פוסט... קליין און גרויס זענען אויפ'ן וואונדער געלאפען און פון דעמאלט אן האט זיך דער בוים געבאדען אין טרעהרען. אלע ווייבער זענען געגאנגען צו איהם אויסוויינען די הערצער.

און דער בוים האט אלץ געפוילט.

אזוי, פין ווייטען, האט ער אפילו אויסגעזעהן העלדיש, ווי פריהער. זומער פלעגט ער זיך, ווי אין די אלטע גוטע יאהרען, אויספוצען אין זיין גרינעם קיהלען מאנטעל, וועלכער האט איהם

די וואונה פון הארצען צוגעדעקט, און ווי אמאל, האט ער זיך מיט שטאלץ געקוקט אויף דער ברענענדיגער זון.

דאס איז אבער אלץ געווען אינטערן בלויען ריינעם הימעל, ווען די אנגעגליהטע לופט ריהרט זיך נישט און אלץ ארום דרעמעלט. פערחלשטע, מיט בלייכע ליפען, חלומ'ען גראזען, בלומען און בוימער פון טהוי מיט קיהלע נאכט-שאטענס,—דעמאלט חלומ'ט דער צופוילטער בוים אויך. פאר זיינע אויגען זעהט ער די פראכט פון זיין גרויסען שאטען מיט די גרינע דופטיגע קליידער, און ער דאנקט דעם בורא פאר זיין גרויסען חסד. און א לאנגער שטילער שמונה-עשרה גיט ער איהם אפ זיין שבח והודיה.

נאר אט איז פון עק הימעל עפיס א שטיקעל וואלקען ארויס-געשוואומען. ער איז גרינג, ווייס, ארומגעזוימט מיט קארונענע ברע-גען. און דער לופט ווערט א בעוועגונג, אלע געוויקסען דער-פרעהען זיך, ווי א מלאך וואלט אויף זיינע פליגעל א גוטע בשורה געבראכט, און אויף דעם קראנקען בוים פאלט-אן אנ'אימה. דער קלארער וואלקען וואקסט, ווערט טונקעלער, און דער בוים מיט זיין גרויסען פעסטען שטאם ציטערט, ווי א נישטיג דאר צוויי-געל. און אט בעהאלט זיך די זון צווישען די וואלקענס, דער גרויסער שאטען פון בוים ווערט אינגאנצען פערשוואונדען, און שפל ווערט ביי זיך דער אלטער גבור. דער ווינד בויגט איהם מיט עזות אין אלע זייטען, און די אלטע ביינער קנאקען פאר ווער-טאג. פלוצלונג חאפט ער זיך גאר אריין אינוועניג און זיין פוכט הארץ. דער בוים הויבט-אן ברומען און זיין יאמער פערהילכט די לופט.

נאר אזוי האט דער בוים א סך יאהרען געלעבט. ווי טאג אזוי נאכט האבען איהם ווייבערשע טרעהרען געוואשען. טרעהרען פון יודישע טעכטער זענען עס געווען, און דער בוים האט נישט אויסגעהאלטען. ער האט געפוילט, געפוילט, ביז ער איז אום-געפאלען...

ה

באלד הינטערן שטעדטעל, און אנ'אלט געבויגען שטיבעל, מיט א פענסטער אין פעלד ארויס, האט געוואוינט אנ'אלטער

פארצייטיגער גמרא-מלמד, און זיין קרענקלעכע טאכטער די ענונה האט אנדערש דערציילט די מעשה.

„דער בוים וואלט נאך א צייט מיט יארן געשטאנען,— האט דערציילט די בלאסע, פארביינקטע ענונה, זיצנדיג אויף דער נידעריגער שוועל פון איר טאטנס האלב-איינגעפאלענעם שטיבל,— יארנלאנג וואלט ער נאך געשטאנען, ווען עס טרעפט זיך נישט דאס אומגליק מיט דער כלה.

„א שיינע, געראטענע כלה איז געווען, האט זי געהאט אן עילוי א חתן. איז ער געפארן אין שטאט אריין לערנען און איז דארט אראפ פון וועג. ער האט זיך אריינגעלאזט אין אפיקורסות. דערנאך איז ער אנטלאפן ערגעץ ווייט שטודירן און איז שוין מער צוריק נישט געקומען. טאטע און מאמע האבן זיך פון אים אפגעזאגט, און דער כלה האט מען אנדערע שידוכים אנגעהויבן רעדן. דער טאטע האט איר פארגרעסערט דעם נדן, די טייערסטע קליידער האט מען איר געלאזט מאכן. נאר זי אליין האט פון קיין זאך נישט געוואלט הערן. זי האט דעם חתן אייביג נישט געקאנט פארגעסן. מען איז מיט איר געפארן צו רבנים, צו גוטע יודן. ווייזן אים אליין האט מען געהערט, אז ער האט שוין דעם לעבעדיגן גאט פארגעסן און האט חתונה געהאט מיט א גויה. נאר די כלה האט נישט אויפגעהערט צו טרויערן נאך אים. זי פלעגט זיך באהאלטן פון מענטשן און זיצן אליין אין-דער-שטיל, נאר פון בעטן, ווען דאס גאנצע שטעטל האט נאך געשלאפן. פלעגט זי דער שמש פון דער חברה-תהלים באגעגענען און עך גאס מיט א שאל איבער'ן קאפ, ווי אנ'אבלטע. און איינמאל איז ער אזוי פארמעלין נאכגעגאנגען, האט ער געזען, ווי זי איז געבליבן שטיין נעבן דעם גרויסן בוים. אזוי איז זי געשטאנען עטלעכע מינוט, און פלוצלינג איז זי צוגעפאלן מיט'ן קאפ צום בוים און האט זיך פונאנדערגעוויינט אויפ'ן קול...

„און דעמאלט איז צום בוים געקומען א סוף. אירע טרערן זענען געווען הייסע, ווי פייער. ארום האט גראז אויפגעהערט צו וואקסן. די ערד איז, ווי א שטיין, הארט געווארן און דער בוים אליין האט זיך צעברעקלט אויף שטיקלעך. אלעמאל איז פון אים אנ'אנדער צווייג אפגעפאלן. דערנאך האט ער זיך אויסגעדרייט מיט'ן ווארצל, און אויף דעם ארט האט ארום-

געשלאָגען אַ קוואַל. פון דער כּלה׳ס טרעהרען איז אַ קוואַל געוואָרען״.

III

אַ משוגע׳נע יודענע, וועלכע האָט אַרום די צוויי וועגען געבלאָנדזשעט, האָט געזאָגט, אַז די מעשה מיט דער כּלה איז אויך נישט אמת. דער בוים וואָלט נאָך יאָהרענלאַנג געשטאַנען, ווען נישט די מאַמעשע טרעהרען.

„אַ מאַמע איז אַמאָל געווען,—פלעגט די יודענע דערצעהלען,—האָט גאָט זי געבענשט מיט אַ געראָטענעם בן-יחיד. איז דער בחור יונג געשטאָרבען, און געשטאָרבען נישט מיט זיין טויט; אַ פרישען, אַ געזונדען האָט מען איהם דערהרג׳עט אין מיטען העלען טאָג—און די מאַמע האָט איהם נישט געקאָנט פערגעבען. טאָג און נאַכט האָט זי געשאָלטען די גזלנים, נאָר איהרע קללות זענען נישט מקוים געוואָרען. אַ זינדיגע איז זי געווען, האָט זי אָנגעהויבען תשובה טהון, איז געקומען אַ בת-קול פון הימעל און האָט געזאָגט, אַז די רשעים וועט דער אייבערשטער אליין בעשטראָפען און דער בן-יחיד איהרער, וואָס איז אומגעקומען אויף קידוש-השם, איז שוין דערפרעהט געוואָרען אין גן-עדן. און די מאַמע האָט איהם נאָך מעהר ליעב בעקומען, ווי פריהער...

„קלאָר, ווי געפאַלענער שניי, פלעגט זי איהם דאָס בעט אויסבעטען. די פענסטער פלעגט זי אַרומשטעקען, ער זאָל זיך חלילה נישט פערקיהלען, נאָר ער האָט אויסגעהער׳ט צו קומען נעכטיגען אַהיים. פלעגט זי וואַרטען ביז האַלבע נאַכט אין דערנאָך איז זי אין פעלד אַרומגעגאַנגען און האָט געשריען: מיין זוהן! מיין זוהן! ווער האָט דיר שלעכטס געטהון?... געה אַהיים נעכטיגען!... מיין זוהן!...—נאָר ער פלעגט נישט ענטפער׳ן קיינמאָל. פלעגט זי זיך שטעלען אונטער׳ן בוים נעבען וועג אין וויינען, אין דער בוים האָט זיך מחיה געווען. מאַמעשע טרעהרען זענען עס געווען, וואַרימע, קלאָרע, ווי פערל.

„דער בוים האָט אָבער נישט געקאָנט אַריבערטראָגען דער מאַמעס גרויסען צער. אַ גאַנצער ים טרעהרען איז געווען אין איהרע אויגען. אַנ׳אַלטע מאַמע האָט איהר איינציג קינד פערלאָרען... אין דער בוים איז פאַר וועהטאָג צופוילט געוואָרען. ער איז אומגעפאַלען.

„דערנאָך ערשט האָבן אַלע דערזען, וואָס אינווייניג אין דעם בוים טוט זיך. ביי דער ערד האט פון די ווענד טראָפּענס וואַסער געטריפט און אין דער טיפעניש האט אייגען געקלאַפּט אַ קוואַל“.

אין אַ צייט אַרום האט זיך דער קוואַל אַרויסגעשלאָגן פון דער ערד גלייך אין טהאָל אַריין. אין דעם אייגענעם קליינעם טהאָל, וואָס דער דונער האט אַמאָל אויסגעגראָבן. און פון דע־מאָלט אָן פליסט אויף דעם אָרט אַ קלאָר לויפיג טייכעל.

יעקב לערנער.

עלענד.

טריב און טריב איז ערד־און־הימעל;
ס'צאַנקט דער טאָג פֿערשעמט און שטום.
כ'האָב שוין לאַנג מײַן צוועק פֿערלאָרען,
כ'זוך קיין וועג — איך בלאָנדזשע־אום...

כ'בלאָנדזשע־אום אָהן צער, אָהן בענקען,
ווי א רויך אין וויסטען רוים,
מיט מײַן שטומען נאָג אין האַרצען,
מיט מײַן קאַלטען ברוגז־טרוים...

ס'טהוט א וועה און ווערט אנשוויגען...
ס'שוידערט נור פֿון צײַט צו צײַט.
כ'זוך, אָן־וואָס זיך אָנצוהאַלטען —
עפּיס ווינקט און שרעקט פֿון ווײַט!

ווי א שווארצער גײַסט אין נעבעל,
טרוימט א בוים פֿערטײַפֿט, פֿערקיהלט...

האָט איִהם ווער אַהער פֿערשטויסען
און איִן חֵרם אײַנגעהיִלט?

אָדער האָט איִהם ווער פֿערשאָלטען,
שטײַף און שטרענג אַוועקגעשטעלט
און בעפֿעהלען: דאָ אויף אײביִג
שווײַג איִן שרעק די טויבע וועלט? —

ס'טריִפֿט די נאַכט פֿון גרויען אומעט,
כ'טהוט אַ וועה און ווערט דערשטיִקט.
ווי אַ סוד פֿון בֵּית־הַקְבָרות
האָט מיִר ווער איִן הארץ געשיִקט...

ב. כארלינױס.

לילית.

מיר זענען געזעסען, א היימישער, אינטימער קרײז פון יונ־
איינער האט געפרעגט:

גע לײט, און גערעדט װעגען פרױען.

— װאו ליעגט דער אײגענטליכער סוד פון דעם פרױען־
װעזען? װאו ליעגט דער צױבער פון דער כמעט־מיסטישער קראפט,
מיט װעלכער זײ װירקען אױף אונז און לאזען אונז פון זיך נישט
אב? איהר זאגט: די פרױ איז שען, זי װירקט אױף אונז עסטעט־
טיש. אבער דערמיט, רבותי, איז נאך גארנישט ערקלערט. װעגען
װעלכער שענקײט רעדט איהר? רעדט איהר װעגען דער שענקײט
פון פארמען און איהר אידעאלסטען אױסדריק, איז אפילא
פון בעלװעדער נישט װעניגער שען, איידער װענוס פון מילא;
רעדט איהר־זשע װעגען דער שענקײט פון אױסדריק, דאן איז
בעטהאװענס מאלפישע געזיכט און א געװאלטיגער מאס שענער,
איידער דאס געזיכט, למשל, פון דער הערצאגין פון דעװאנשיר
אדער פון דער לײדי האמילטאן. פרעגט זיך דאך: װאו איז דא
די מאס? װאו איז דא די עסטעטיק? איהר זאגט: די פרױ איז
ליבלישער און זי װירקט אױף אונז מיט איהר צערטליכקײט און
איהר װײכער נאטור. אמת. טא פארװאס געהען מיר גלײכגילטיג
פארבײ גראד די גיטע און מילדע פרױען און יאגען זיך דוקא
נאך די שלעכטע און טײװלאנישע?

פון דער פראגע האט זיך ענטװיקעלט אן אלגעמײנער גע־

שפּראַך. יעדערער פֿון אונז האָט, לויט זײַן טעמפּעראַמענט און זײַן ערפֿאַהרונג, באַלויכטען דעם ענין פֿון אַן אַנדער זײַט, דער־צעהלענדיג דערבײַ פֿערשידענע פֿאַקטען פֿון זײַן לעבען.

ווען מיר אַלע האָבען שוין געהאַט געענדיגט, האָבען עטליכע באַמערקט:

— נו, און וואָס זאָגט עפּיס אונזער דאָן־זשואַן בערנשטיין?

בערנשטיין, אַ שלאַנקער ברונעטער יונגערמאַן מיט טונקעלע, או־מעטיג־פֿערטראַכטע און גלײַכצײַטיג עקשנותדיגע אויגען, איז אין דער הינזיכט פֿון דעם שוואַכען געשלעכט געווען די צענטראַלע פֿיגור פֿון אונזער געזעלשאַפֿט: ער איז געווען אַ מענש מיט „פּרעטענ־זיעס", מיט פֿערשידענע באַציהונגען, מיט אַ קאָלאָסאַלען ער־פֿאָלג בײַ פֿרויען. אונז איז דעריבער געווען באַזונדער אינטערע־סאַנט, צו הערען זײַן מיינונג וועגען דער פֿראַגע.

ער האָט רוהיג גערויכערט זײַן פּאַפּיראָס און געענטפֿערט:

— וואָס ס'געהערט צו דער פֿראַגע אַליין, האָב איך אייך אַבסאָלוט נישט, וואָס צו זאָגען. איהר ווייסט: עס איז שוין צוועלף־פֿופֿצעהן יאָהר, אַז איך לעב מיט פֿרויען און אין זייער אַטמאָס־פֿערע, און ביז היינטיגען טאָג שטעה איך פֿאַר דער פֿרוי, ווי פֿאַר אַ מיסטעריום, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס האָט זיך בײַ מיר אָבגעזעצט אַ פֿערביסענע פֿיינדשאַפֿט צו דער פֿרוי פֿאַר איהר אינטעלעקטועלער אָרימקייט און גייסטיגער באַגרענעצטקייט. נאָר אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך איבערגעבען איין עפּיזאָד פֿון מיין כלומרשט דאָן־זשואַנישער קאַריערע, וואָס האָט אַ שטיקעל שייכות צו דעם, וואָס איהר האָט דאָ דערמאָהנט וועגען גוטע און שלעכטע פֿרויען. ווילט איהר?

דער עולם האָט זיך באַקוועם איינגעזעצט אויף די ער־טער און בערנשטיין האָט דערצעהלט:

— דאָס איז פֿאָרגעקומען מיט אַ יאָהר זעקס־זיבען צוריק. איך האָב געמוזט איבער אַ געוויסע סבה אָבפֿאָהרען אויף עטלי־כע מאָנאַטען פֿון וו., און דער גורל האָט מיך פֿערטראָגען אין ד., אַ פּויליש שטעדטעל בײַ דער דײַטשער גרענעץ.

דאָס איז געווען אַ אויסגערוימט שטעדטעל מיט בעשיידענע איין־ און צוויי־שטאָקיגע הײַזלעך, מיט ריינע אַספֿאַלט־טראָטואַרען, וואָס זענען בײַ די זײַטען באַפֿלאַנצט מיט ביימער, און שטילע געמיטליכע געסלעך, וועלכע זענען ביינאַכט באַלויכטען געוואָרען פֿון לוקס־לאָמפּען. די מענשען אינים שטעדטעל זענען אויך גע־

זײַנען געמיטלעכע, צוגעלאָזענע, און נאָכדעם ווי איך האָב דאָרט אָפּגעדינט די ערשטע עטלעכע וואָכן, האָב איך שוין געהאַט אַ געוויסע צאָהל באַקאַנטע, נאַטירלעך — פֿון דער יוגנט.

איך אַלײן האָב מיר אויך זעהר גוט אײַנגעאָרדנט. איך האָב געהאַט אַ סך פרײַע צײַט און אַ שײנעם באַזונדערן צימער, און אַזוי ווי דערצו בין איך געווען אויך מאַטעריעל גוט פֿאַרזאָרגט, האָב איך מיך געשפּירט מונטער און זאָרגלאָז.

ווען איך האָב שוין געהאַט מיך פעסטער אײַנגעלעבט אין שטעדטעל, האָט זיך אין מיר אָנגעהויבן וועקן די באַקאַנטע געבעלדיגע בענקשאַפט, וואָס וועקט זיך געוויינלעך בײַ אַ מענטשן יונגענמאַן, ווען ער לעבט זיך אײַן אין אַ נײַער סביבה. די עטלעכע פרײַלײַנס, וואָס האָבן געהערט צו דעם קרײַז פֿון מײַנע באַקאַנטע, זענען געווען נישט אינטערעסאַנטע, שײנע — מיט אַזעלכע מײדלעך קאָן מען אין בעסטן פֿאַל ע ר נ ס ט זײַן. און מיר האָט זיך, ווי מײַן שטײַגער איז און ווי איהר קענט מיך, געבענקט נאָך יענער שטימעריש-לײַכטער און צוגלײַך אויך האַר-ציגער באַציהונג, צו וועלכער איך האָב שוין דעמאָלט אויך געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקײַט.

וואַ-זשע נעהמט מען זי?

איך האָב געטוען גענויער נאָכפרעגן מײַנע באַקאַנטע וועגן די שטעדטעלדיגע פֿאַרשטעהערינס פֿון דעם שענעם געשלעכט, און צו מײַן אָנגענעהמער איבערראַשונג האָב איך ענטדעקט בײַ זײ גאָר אַ נײַעם אוצר.

וואָס איז?

דאָס שטעדטעל פֿאַרמאָגט אײן פרײַלײַן, איז זי שוין — „משוגע צו ווערן!" — אין אינטערעסאַנט — „זי דרעהט אַלעמען די קעפּ אַראָב" — און רופן רופט מען זי אויף דעם לשון פֿון דער שטעדטעלדיגער יוגענד נישט אַנדערש, ווי — ל י ל י ת.

פֿאַרוואָס עפּעס לילית? גאַנץ אײַנפאַך. וויפֿיעל יונגע לײַט עס זענען פֿאַראַן אין שטעדטעל און אין דער סביבה, האַלטן אַלע אין אײן טראַכטן און חלומען וועגן איהר, און זי — זי לאָזט קײן אײנעם פֿון זײ נישט צו צו זיך און פּײַניגט זײ מיט איהר רוהיגקײט און גלײַכגילטיגקײט.

איך האָב זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס הײסט?

איינער פון די יונגע לייט, „דעם גבירס בחור", זאַקס, האָט מיר מיט אַ געוויסער פערביטערטקייט געענטפערט:

— דאָס איז אַ טיפּלאָגיש מיידל מיט הילדע קאַפּריזן און שטימונגען. אַמאָל איז זי געמיטלעך און מונטער און בערעדעוודיק — עס איז אַ פערגעניגן מיט איר צו זיצן. זי איז קלוג און האָט גייסט און שאַרפזין און שיינע באַוועגונגען און געשמאַק — איך זאָג אייך: אַן עקזעמפּליאַר! נאָר אָט באַפאַלט זי אַ מין משוגעת און — זי האָט זיך שוין באַלד צוויי וואָכן אויף דער ווייסער וועלט נישט געוויזן.

מיך האָט דאָס עקסצענטרישע פרייליין שטאַרק פעראינטערעסירט און איך האָב מיט אַ גרעסערער נייגעריקייט ווייטער געפרעגט:

— איז נישטאָ קיין איינער פון אייך, צו וועלכן זי באַציט זיך מער אָדער ווייניקער פריינדלעך, מיט וועלכן זי איז נאָענטער, אינטימער?

די יונגע־לייט האָבן ערנסט געקוקט איינע אויף די אַנדערע, און דער פריערדיקער האָט מיר גאַנץ אָפנהאַרציק ערקלערט:

— נאָענטער, אינטימער? ניין. מיט קיינעם נישט פון אונז. מעגלעך, אַז מיר זענען פאַר איר ווירקלעך צו־יונג און אומאינטערעסאַנט. עס איז אַ חרפה אויסצוזאָגן: אונז קומט אָפט אויס פשוט רויט צו ווערן פון איר האַלטן־זיך מיט אונז, פון איר שטאָלצער דרייסטקייט. עס טרעפט: דו זיצט מיט איר און רעדסט און אַנטוויקלסט אַ באַשטימטן געדאַנק, און עס געלינגט דיר. דו רעדסט שיין, איבערצייגנד; די ווערטער קומען ביי דיר אַרויס וואַרעמע, קרעפטיקע, לעבעדיקע, און דיר דאַכט זיך: אָט, עס האָט זי „גענומען", עס האָט געמאַכט אויף איר אַן איינדרוק. נאָר פּלוצלונג טוט זי אויף דיר אַ קוק מיט אירע רייצנדע קאַלטע אויגן, אַ קוק פון אויבן אַראָפּ, מיט אַ קאַלטער, שטאָלענער איראָניע. און דו פילסט דיך, ווי ווען מ'וואָלט דיך אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שטראָם וואַסער. דו ווערסט ביי זיך קליין, נישטיק, דיינע אייגענע ווערטער קלינגען דיר שרעקלעך נאַריש און באַנאַל — דו פערשעמסט דיך פאַר זיך אַליין.

איבעריקנס, — האָט זאַקס צוגעגעבן — איז דאָס איבערהויפּט אַ גיפטיקע נאַטור. ווען זי ווערט פון וואָס־ס'איז צוקאָכט, איז זי שרעקלעך אכזריותדיק. זי ווערט ווילד ווי אַ בעסטיע און רייסט און ברעכט און שטיקט. זי האָט אַמאָל געהאַקט ביי זיך אין הויף

אַ קאַץ און זי אַ שלײַדער געטהון מיט אַזאַ אימפּעט, אַז יענע איז געבליבען ליגען אויפ'ן אָרט אַ צישמעטערטע.

איך האָב בעטראַכט דאָס פײַנליך־דערשלאָגענע, בעלײדיגטע געזיכט פון דעם יונגענמאַן, וואָס האָט צו מיר אַזוי אָ־גען און אַזוי אויפריכטיג גערעדט, און מיך האָט בעהערשט די לײדענשאַפטליכע קאַמפּפס־לוסטיגקײט, וואָס בעהערשט יעדען אויסגעפּרובטען סאָלדאַט, ווען ער דערשמעקט פּולווער.

עס איז געווען ניט בלויז דאָס געוועהנליכע געפיהל פון יעדען מאַנספּערזאָן, וואָס איהם ווילט זיך אַמשטאַרקסטען בעזיעגען גראָד יענע פרוי, וועלכע זעהט־אויס צו זיין אונבעזיעגבאַר. ווען איך האָב געטראַכט וועגען בעזיעגען לילית'ען און זי צוברעכען, איז עס שוין געווען פאַר מיר אויך אַ פראַגע פון *נקמה*, וואָרום ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך האָב נאָך דערווײַל ניט געהאַט דעם מינדסטען צוזאַמענשטויס מיט לילית'ען, האָב איך מיך שוין געפיהלט פון איהר בלוטיג בעלײדיגט אין מײַן מענשליכען און מאַנסבילישען כבוד. איך האָב זי אין דער מינוט איינפאַך *געהאַסט*. — געהאַסט דערפאַר, וואָס זי האָט געוואַגט אויסצונוצען די שוואַכקײט פון די אַלע עהרליכע יונגע־לײט און האָט זיי געפּייניגט און פון זיי חוזק געמאַכט.

בערנשטײן האָט בעמערקט די פערוואונדערטע אויגען פון עולם אַרום טיש, און ער האָט זיך פערלאַכט:

— עס איז נאַריש און ניט־געדעכט? אמת. אָבער קאָנט איהר מיר דען ערקלערען, וואָס איז *ניט* נאַריש אין דער אַזוי־גערופענער בעציהונג צווישען אַ מאַנספּערזאָן און אַ פרוי? איך האָב אַן אַלטען בעקאַנטען, זאָגט ער, אַז די קווינט־עסענץ פונ'ם לעבען איז דאָס ביסעל נאַרישקײט, און די קווינט־עסענץ פון דעם ביסעל נאַרישקײט איז—די ליעבע... אַלענפאַלס גיב איך אייך איבער אַ פאַקט. איך האָב זי אין דעם מאָמענט געהאַסט און פעסט בעשלאָסען, זיך צו שטעלען מיט איהר אין קאַמפּף.

ווען איך האָב געפרעגט זאַקס'ן, וואו מ'קאָן זי זעהן, האָט ער געענטפערט, אַז ווען עס וועט זיך ענדיגען בײַ איהר דאָס משוגעת און זי וועט אַרויס אין גאַס, וועט ער מיר געבען צו וויסען און דעמאָלט וועט ער אונז שוין ווי־ס'איז צונויפפיהרען.

און אַזוי איז עס ווירקליך געווען.

און עטליכע טעג אַרום נאָך דעם דערמאָהנטען געשפּרעך איז זאַקס צו מיר אַרײַנגעלאָפען און אָנגעזאָגט:

— קומט. זי איז אוועק אויפ'ן שאסיי.

— ווער?

— לילית.

מיין כעס אויף איהר איז שוין לאנג געהאט אבגעגאנגען. איך האב מיך שוין געהאט בערוהיגט און זיך אליין געפרעגט: וואס האסטי אייגענטליך צו איהר? יעדע פרוי האט, אזוי צו זאגען, א רעכט אויף געוויסע קאפריזען, אין בפרט נאך א שיין יונג מיידעל, אין דערצו א פעסטער, שטאלצער כאראקטער.

איצט האט זיך מיר שוין סתם געוואלט בעקענען מיט איהר — פון נייגיריגקייט וועגען. עס איז דאך אמיזאנט, זיך ארומצוקריגען מיט אזא נפש און אפילו פון איהם בעזיעגט צו ווערען.

איך האב אויטאמאטיש געכאפט א קוק אין שפיעגעל און נאכדעם, ווי איך האב עטוואס אורדנונג געבראכט מיין טואלעט, זענען מיר ארויס אויפ'ן שאסיי, אויפ'ן בולוואר פון שטעדטעל. דא האבען מיר בעגעגענט עטליכע בעקאנטע, וואס זענען צו אונז צוגעשטאנען, און אזוי ווי נישט איך און נישט זאקס האבען געוואלט ארויסגעבען איינער פאר'ן אנדערען דעם סוד, אז מיר טראכטען וועגען איהר, וועגען לילית'ען, האבען מיר ביידע געזוכט זיך אריבערצושטייגען איינער דעם צווייטען אין פערשווייגען זי און פארבייגעהן איהר נאמען. ער האט מיר דערצעהלט וועגען זיינעם א פעטער, א וואלד-סוחר, וואס די גוים האבען זיך ביי איהם צובונטעוועט און ווילען נישט האקען דאס האלץ, און איך האב זיך פונאנדערגערעדט וועגען דעם נייעם פרעזידענט אין פראנקרייך און וועגען דעם קאמפף פון די דארטיגע פארטייען. ביסלעכווייז האבען זיך די דאזיגע געמאכטע געשפרעכען פערוויקעלט און מיר האבען זיך אזוי אריינגעצויגען אין זיי, אז מיר האבען באמת ביידע פערגעסען אינגאנצען אן לילית'ען, נאר אט —

נישט ווייט פון אונז האט אפגעהילכט א מונטערער קלארער פרויען-געלעכטער, און זאקס האט זיך האסטיג א חאפ געטהון:

— זי געהט!

מיר זענען שווייגענדיג און מיט לאנגזאמערע טריט געגאנגען פאראויס, און נאך עטליכע מינוטען האבען מיר זיך בעגעגענט: איך בין געשטאנען אויג-אויף-אויג מיט לילית'ען. מיט איהר זענען געווען נאך צוויי פריילינס און א בעקאנטער יונגערמאן; איך האב זי אבער אינסטינקטיוו גלייך דערקענט און מיך עטוואס פערלארען — יא, זי איז ווירקליך שען געוועזען! דער ברייטער לילא-

שאַל, וואָס איז געווען קאָקעטיש איבערגעוואָרפן אין דער לענג פון איהר שלאַנקער, שען־געפאָרמטער פיגור; די ווייסע, עטוואָס מענליכע הענד; דער שטאָלצער אַרויסרופענדער האַלז; דער פרי־שער פולער קאָפּ קאַשטאַניען־האָר מיט צוויי דיקע לאַנגע צעפּ פון פאָרענט; דאָס לענגליך־קיילעכדיגע געזיכט מיט דער צאַר־טער, דורכזיכטיגער הויט, מיט די זאַפטיגע פולע ליפּן און די ניט גאַנץ געעפנטע, קאַלטע שאַפיר־אויגן, — פון אַלץ האָט געאָטעמט מיט פערשכור'נדער יוגענדליכער מיידעלשאַפט און גלייכ־צייטיג אויך מיט עטוואָס בעהאַלטענעס, זינדיגעס.

איך האָב, קענטיג, צו־שטאַרק און צו־אָפען זי בעטראַכט, וואָרום זי האָט מיך אָבגעמאָסטען מיט אַ בייזליכען בליק און שאַרף אַ קוק געטהון אויף זאַקס'ן. יענער האָט זיך געזאָצט און מיך פאָרגעשטעלט פריהער פאַר די צוויי פריילינס און דאַן פאַר איהר, מעהר פייערליך:

— רעגינע העלער, אויף אונזער לשון לילית, — בערנשטיין.

— און אויף אונזער לשון? — האָט זי רוהיג געפרעגט, גע־בענדיג מיר די האַנד און קוקענדיג אויף זאַקס'ן.

— פאַר זיי — האָט זאַקס עטוואָס פערלעגען געענטפערט — האָבען מיר נישט קיין בעזונדער לשון. דער הער איז צו אונז געקומען אויף אַ קורצער צייט פון דער גרויסער וועלט און וועט באַלד צוריקפאָהרען.

לילית האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטהון אויף מיר.

— פון וו., דאַכט זיך?

— פון וו.

און מעהר האָב איך מיט איהר אויף דעם גאַנצען וועג נישט גערעדט, דען כמעט נאָך איידער איך האָב געענדיגט אַרויסזאָגען די צוויי ווערטער, האָט זי שוין געהאַלטען איינס פון די פריי־ליינס אונטער'ן אָרעם און זיך געלאָזען געהן מיט איהר, אַזוי ווי זי וואָלט גאָר נישט בעמערקט אונזער אַלעמענס אָנוועזענהייט, אַזוי ווי מיר וואָלטען קיינער נישט געווען דערביי. ע־שט ביים געזעגענען־זיך, פאַר איהר וואוינונג, האָט זי זיך געווענדעט צו מיר און צווישען אונז איז פאָרגעקומען דער פאָלגענדער דיאַלאָג. זי האָט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס געפרעגט:

— אונזערע שטעדטעלדיגע ריטער האָבען איך פון מיר א סך שלעכטס דערצעהלט?

איך האָב זי רוהיג אָנגעקוקט.

— אלענפאלס געניג, אום אייך אינטערעסאנט צו מאכען אין מיינע אויגען.

— איהר האט ליעב שלעכטע?

— איך האב געזאגט: אינטערעסאנט. ליעב האב איך לויטערע, פיינע מענשליכע נאטורען.

— נאר די שלעכטע זענען אין אייערע אויגען אינטערעסאנטער?

— שלעכטע מענער זענען העסליך. א שיינע שלעכטע פרוי איז ווי א רייצענדע שלאנג: עס איז אנאנגענעהמער ספארט, זיך צו שפיעלען מיט איהר פון צייט צו צייט און זי צו... דרעסירען.

— דרעסירען?!

— דערנעהנטערן, צופאסען מעהר צו זיך.

— עס איז, דאכט זיך, א געפעהרליך שפיעל?

— פאר מיר זענען פרויען קיינמאל נישט געפעהרליך.

— ווייל איהר זענט שטארקער?

— ווייל איך בין שטארקער.

— מיט וואס?

— איך האס זיי.

ליליט האט האסטיג אויפגעעפענט ביידע אויגען און אין זיי האט א בליץ געטהון א קאלט ווילד פייערל. גלייך אבער האט זי זיך בעהערשט און מיט אנערנסטען, שטילערען טאן בעמערקט:

— דרייסט.

איך האב זי געפרעגט, צי זי פיהלט זיך נישט פערזענליך בעליידיגט, און געזוכט ווי וויים מעגליך, מילדער צו מאכען דעם איינדרוק פון מיין צו-שארפען און נישט גאנץ קארעקטען ארויס-טריט. זי האט קאלט געשמייכעלט און רוהיג געזאגט:

— איהר זענט נישט קאנסעקווענט, הער בער... העד בערנשטיין. אויב האסען, איז האסען.

איך האב מיך פערטיידיגט:

— איהר האט מיך נישט גאנץ ריכטיג פערשטאנען, פריילין. אויב איהר וועט מיר געבען די געלעגענהייט, וועל איך אייך איי-בערצייגען אין דעם, אז וויפיעל מיין האס בעציהט זיך נור אויף דער פרוי אלס טיפ, אבער נישט אויף בעשטימטע פרויען, פון וועלכע יעדערע האט זיך געוועהנליך איהרע סימפאטישע און אנ-טיפאטישע שטריכען.

זי האט געלאכט.

— זענט איהר, הייסט עס, אויך נישט שרעקליך.

— אבסאלוט נישט. איך האב פיינט די פרוי — און פרויען זענען דאך מיין שוואכע זייט און אהן פרויען פיהל איך מיך, ווי אהן לופט צום אטעמען.

— און איהר האט פרויען און פיינט זיי נישט און באליידיגט זיי נישט?

— איך בין שטאלץ אויף דעם, וואס פון אלע פרויען, מיט וועלכע איך בין געווען אינטימער באקאנט, וועט זיך ביי קיינער נישט הויבען די האנד, מיך צו באשולדיגען אין ווייניג טאקט, אין א שלעכטער מענשליכער בעהאנדלונג.

זי האט זיך קלינגענדיג פונאנדערגעלאכט.

— א פיינער דזשעק דער בויכשניידער!

— איהר זענט פאלשטענדיג גערעכט, פריילין. עס איז ווירקליך קאמיש, אבער דאך א פאקט. ווען איך וואלט זיין א קינסטלער, וואלט איך געמאלט דעם איצטיגען מאנספערזאן אין דער געשטאלט פון דזשעק דעם בויכשניידער, וואס ליעגט אין די ארעמס פון א פרוי.

זי האט מיך געחאפט:

— גלויבט איהר, הייסט עס, אז דזשעק איז דער נאטירליכער פארשטעהער פון דער איצטיגער מענער-וועלט?

—נישט דער נאטירליכער, נאר דער פאטאלאגישער. יעדערער פון אונז טראגט אין זיך א געוויסע דאזע האס צו דער פרוי, אין ווען דאס דאזיגע געפיהל קאנצענטרירט זיך ביי איינעם אין א אוננארמאלער, אונגעהויערער מאס, ענטשטעהט דערפון די פסיכאפאטאלאגישע ערשיינונג, וואס דריקט זיך אויס אין בויכשניידעריי און נאך אזעלכע עקסצעסען.

לילית האט געוואלט נאך-וואס אפווענדען, נאר פון הויז איז ארויסגעקומען א שוועסטערל זי רופען, און מיר האבען זיך מיט איהר געזעגענט.

פון דעם געשפרעך אן האב איך מיך מיט לילית'ען א סך מאל בעגעגענט און א סך מיט איהר פערבראכט, און אין דעם משך פון דער גאנצער צייט איז מיר נישט געלונגען זיך צו אריענטירען אין דעם כאראקטער פון איהר בעציהונג צו מיר.

ווען מיר האבען זיך בעגעגענט עטליכע טעג נאך אונזער בעקאנט-ווערען, האט זי זיך געהאלטען מיט מיר קאלט, אפיציעל. אזוי ווי זי וואלט מיט מיר קיין איין ווארט נאך נישט

האָבען גערעדט. זי האָט זיך געווערטעלט איבער די פֿערשיידענסטע פֿראַגען און נור זעלטען זיך געווענדט צו מיר מיט אַ וואָרט — זי האָט מיך אָפֿען איגנאָרירט.

מיך האָט אָט די אינפֿערשעמטע דיפּלאָמאַטיע שטאַרק אויפֿגעבראַכט און איך בין געוואָרען ערנסט־בייז. איך האָב געשליידערט גיפֿטיגע בעמערקונגען וועגען די פֿראַגען, וואָס זי האָט בעריהרט, און ווען זאַקס האָט פֿאַרבייגייענדיג דערמאָהנט דעם אין יענער צייט סענסאַציאָנעלען פּראָצעס פֿון דער פֿרוי ה., האָב איך זיך אָן דעם אָנגעחאַפּט און מיט אַ גאַליגער ביטערקייט גענומען שיטען פּעך און שוועבעל אויף דעם אַלגעמיינעם וועזען פֿון דער פֿרוי, וואָס האָט קיין גייסט און קיין פּערספּעקטיווע נישט, וואָס האָט קיין זין און קיין אויג נישט פֿאַר גרויסע היסטאָרישע ערשיינונגען, וואָס די גאַנצע ברייטע וועלט און די גאַנצע אונענדליכקייט פֿונ׳ם מענשליכען ברעכען און שאַפֿען און בויען ווערט ביי איהר געמאָסטען מיט׳ן אַרשין פֿון קיך און בודואַר.

איך האָב מיך געקאָכט:

— די פֿרוי איז אונזער שוואַכקייט. מיר ליעגען ביי איהרע פֿיס, ווייל זי גיט אונז פֿער׳שכּור׳ונג, ווייל זי רייסט אונז אַרויס פֿון דעם שווערען לעבענס־קאַמפּף, ווייל זי גיט אונז אויף מינוטען די אילוזיע פֿון קינדהייט און שוואַכקייט און צערטליכער ווייכקייט. און זענען מיר מיט דער פֿרוי — ווערען מיר קליין, הערען מיר אויף צו זיין די שטאַרקע און אַלמעכטיגע, הערען מיר אויף צו זיין די טאָן־געבער פֿון לעבען. וואָס איז אַ צעזאַר אין די אָרעמס פֿון אַ קלעאָפּאַטראַ? — אַן אײַנפֿאַכער סענטימענטאַלער יונגערמאַן. און נאַפּאָלעאָנ׳ס ליעבעס־בריעף צו זשאָזעפֿינע׳ן האָבען געקאָנט געשריבען ווערען פֿון דעם ערשטען און בעסטען וואַזשאָר. פֿאַרוואָס פֿערשטעהט אָבער נישט די פֿרוי צו שעצען אונזער גרויסקייט און אונזער שאַפֿונגס־קראַפֿט? פֿאַרוואָס פֿערשטעהט זי נישט דעם קאָפּ צו בויגען פֿאַר דעם געניוס פֿון אונזער געשלעכט, וואָס האָט אַזוי פֿיעל געקעמפֿט, אַזוי פֿיעל צושמעטערט און אַזוי פֿיעל געבויט?

לילית, וואָס איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אָן־אַ־זייט און האָט זיך געשפּיעלט מיט זאַקס׳ס שטעקען, ווי זי וואָלט גאָר נישט געהערט אונזער געשפּרעך, האָט זיך האַסטיג אָבגעטיילט פֿון אונזער קאָמפּאַניע און מיט׳ן גאַנצען אימפּעט זיך געלאָזען לויפֿען פֿאָראויס. איהר שאַל האָט געפֿלאַטערט פֿון הינטען, דער שטעקען

איז געווען אויפגעהויבען אין־דער־הויך, אזוי ווי זי וואלט זיך פער־מעסטען איהם אראבצולאזען איבער'ן קאפ, און ווען זי איז אזוי צוגעשפרונגען צו א יונגען דינעם בוימעל, וואס איז גע־שטאנען איינזאם אן־א־זייט און זיך געוואקעלט פון ווינט, האט זי מיט דער גאנצער קראפט איהם א קלאפ געטהון אין דער מיט מיט'ן שטעקען.

א פייף האט דורכגעשניטען די לופט, די אויבערשטע העלפט פון בוימעל איז אבגעפאלען מיט א טויבען אבקלאנג, און לילית איז געשטאנען אין מיט א פערשזור'טער ווילדקייט אויפגעהויבען דעם שטעקען און אראבגעלאזען, אויפגעהויבען און אראבגעלאזען — פון בוימעל איז נישט געבליבען מעהר, ווי א קליין פעריתומ'ש שטענגעל הארט ביי דער ערד. לילית האט נאכאמאל זיך פערמאסטען מיט'ן שטעקען, אין ווען ער האט זיך אבגעשלאגען אן ליידיגען רוים, האט זי זיך ווייטער געלאזען לויפען, אין אבשליידערנדיג דעם שטעקען ווייט אין פעלד, האט זי זיך אווארף געטהון אויפ'ן גראז און איז אזוי געבליבען ליגען.

איך בין געשטאנען מיט אויפגעריסענע אויגען.

— וואס איז דאס?

— זי איז שוין משוגע געווארען, דער טייוועל! — האט מיר זאקס ערקלערט. — נאר עס מאכט נישט אוים. אין א סעקונדע ארום איז זי די אייגענע, וואס געזוען קומט צו.

מיר זענען שווייגענדיג צוגעגאנגען צו איהר. זי איז געלע־גען איינגעקנורעט ווי א קאץ, דאס געזיכט פערדעקט מיט'ן שאל, נאר גלייך האט זי זיך האסטיג א שטעל געטהון אויף די פיס. זי איז געווען בלייך, איהרע אויגען האבען געברענט און מיט א נערוועזער האנד האט זי זיך ארומגעוויקעלט מיט'ן שאל.

מיך האט בעהערשט א געפיהל פון מיטלייד צו דעם צער־טען קרענקליכען נפש.

איך האב זי געפרעגט:

— פריילין, וואס איז מיט אייך?

לילית האט שארף אין מיט אנ'עקשנות'דיגער נייגיריגקייט מיך אנגעקוקט. דערנאך האט זי אנגעוויזען אויף מיין גרוי'ער זשילעט און קאלט בעמערקט:

— זעהט, איין קנעפעל איז ביי אייך צוגענעהט מיט ווייסען פאדים.

איך האב זי גענומען אונטער'ן ארעם.

— איהר ערלויבט?

זי האט געשוויגען און איהר האנד נישט ארויסגעצויגען. זי האט געשוויגען אויך דערנאך, אויף דעם גאנצען וועג צוריק אהיים, חאטש מיר האבען געזוכט, זי צו צערשטרייען מיט אלערליי לייכטע פלוידערייען און שטיפערישע וויצען. זי איז געזעסען שוואך און מיד און איז געגאנגען מיט האלב-צוגעמאכטע אויגען; נאר איינמאל, ווען איך האב אויטאמאטיש צוגעדריקט פעסטער איהר ארעם צו מיינעם, האט זי זיך נערוועז א צאפעל געטהון מיט'ן גאנצען קערפער און שטארק איינגעביסען די אונטערשטע ליפ.

ביים געזעגענען-זיך איז זי געווארען עטוואס מונטערער. זי האט געפרובט זיך ארייננמישען אינים אלגעמיינעם געשפרעך, און ווען איך האב געשפאסט: „לאמיר גאר ווערען חבר. גוט?" — האט זי לייכט א פיהר געטהון איהר האנד איבער מיין געזיכט און געענטפערט:

— געה, ביסט א נאריש יונגעל.

מיט-דער-צייט האט זיך אזוי איינגעשטעלט צווישען אונז א פרייע לייכטע בעציהונג. מיר פלעגען זיך אפט טרעפען, פלוידערן וועגען פערשיעדענע פראגען, לאכען און שטיפען נאטירליך. האבען מיר זיך כסדר געשטעפעט און גערייצט אי נער מיט'ן אנדערען. איך פלעג זי רופען: „גוטע נשמה", „שיל מיט צעפלעך", „משוגע'נע בת-מלכה", און זי מיך — „די שטארקע ראסע".

— דרך-ארץ! — פלעגט זי אויסרופען ביי מיין אנקומען. — די שטארקע ראסע געהט!

און אזוי ביי יעדער געלעגענהייט:

— וואס זאגט עפיס וועגען דעם די שטארקע ראסע?

— ווי דארף אזא זאך בעטראכט ווערען פונים שטאנדפונקט פון דער שטארקער ראסע?

זענען פאר דער צייט פארגעקומען צווישען אונז אינטימערע, ערנסטערע מאמענטען? ניין. א ביסעל זענען די בעדינגונגען איינפאך נישט גינסטיג געוועזען און א ביסעל האב איך אליין עפיס אזוי ווי מורא געהאט, זיך מיט איהר אנצוהויבען. אין איהר איז געוועזען עטוואס אזוינס, וואס האט מיך אבגעהאלטען פון צוגעהן צו איהר זעהר נאהענט, חאטש איך האב אייגענטליך נישט געוואוסט, וואס דאס איז און וואס דאס בעשטעהט.

גאר אט, שוין אין דער לעצטער צייט פון מיין פערבלייבען

אין ד., איז צווישן מיר מיט ליליתן פֿאָרגעקומען אַ אינטערעסאַנטער אינצידענט.

דאָס איז געווען אין איינעם פֿון די ערשטע אויגוסט־פֿריִמאָרגנס. איך בין נאָך געווען אין־דערהיים מיט עפּעס פֿאַרנומען, ווען די גאַנצע קאָמפּאַניע, בעזונדער פֿריילעך און בעזונדער טומלדיק, האָט מיר אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער און גערופֿן אַרויסצוקומען אויפֿן שאָסיי. איך האָב אויף־גיך פֿאַרענדיקט מיין אַרבעט און בין אַרויס צום עולם. ערשט — דאָ קומט־פֿאָר עפּעס אומגעוויינלעכעס. וואָס איז? ביי זאַקסן פֿון פּויסט קוקט אַרויס און טרילערט הילפֿלאָז אַ יונג שיין קאַנאַריקל, וואָס אַ שכנע האָט אים געבראַכט פֿון וואַלד, און לילית, דאָס „שדל מיט די צעפּלעך“, שטייט און בלאָזט זיך אין מאַכט אַ בייזע און צוגלייך בעטנדע מינע:

— זאָל ער מיר געבן!

איך האָב דאָס אָנגענומען פֿון איר פֿאַר אַן אומשולדיקן קאַפּריז און האָב אויך מיך געפּרוּווט איינשטעלן פֿאַר איר ביי זאַקסן. ער האָט זיך אָבער איינגעעקשנט פֿעסט:

— ניין. איך וועל נישט געבן!

לילית האָט דאַן, אַן אָנגעבלאָזענע, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין — זי גייט נישט ווייטער!

געגן דעם האָט שוין זאַקס נישט געקאָנט בייַשטיין און ער איז ווייכער געוואָרן. מיר האָבן זיך גענומען דינגען מיט אים און סוף־כל־סוף אַרויסגעקריגן פֿון אים אַ פֿרייַז:

— זאָל זי דאָ פֿאַר אַלעמען אין די אויגן מיר אַ קוש טאָן אין האַנט, גיב איך איר דעם קאַנאַריקל.

איך האָב געקוקט אויף ליליתן און געוואַרט. וועט זי דאָס טאָן?

זי איז אויפֿגעשטאַנען, איז קאַלט און שטאָלץ צוגעגאַנגען צו זאַקסן און שוין געוואָלט אָננעמען זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, גאָר אין דער סעקונדע האָט זי אויפֿגעהויבן די אויגן און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַזאַ גיפֿטיקער שׂנאה, אַז ער האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געשווינד אַראָפּגעלאָזן די לינקע האַנט און איר אויסגעשטרעקט די רעכטע — מיטן קאַנאַריקל.

לילית האָט פֿאָרזיכטיק און נישט קוקנדיק אויף זאַקסן אַריבערגענומען פֿון אים דאָס פּישטשענדיקע פֿייגעלע, און צודריקנדיק ביידע הענט צום האַרצן, איז זי אַנטלאָפֿן פֿאָראויס.

איך האָב געקוקט אויף זאַקס'ן. ער איז געווען פערשעמט און דערשלאָגען.

— וואָס איז?

ער האָט זיך נישט געקאָנט שעמען.

— צו וואָס האָב איך איהר געגעבען דאָס פויגעלע? זי וועט עס דערשטיקען!

איך האָב נישט פערשטאַנען.

— וואָס הייסט דערשטיקען?

— איהר ווייסט נישט, — האָט ער מיר ערקלערט — איהר ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ שלאַנג דאָס איז! עס איז היינט ביי איהר אַ טייוועלשער טאָג. זי איז איצט אויף אַלץ פעהיג. קומט, קומט שנעל! — האָט ער געזאָגט — מ'מוז ראַטעווען דאָס פויגעלע פון איהרע טייוולאָנישע הענטלעך!

איך האָב נאָך נישט געהאַט בעגריפען אינגאַנצען, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, נאָר דאָך האָב איך מיך מיט איהם צוזאַמען געלאָזען לויפען נאָך לילית'ען.

לילית איז אָבער פון אונז אַנטלאָפען, און וואָס מעהר מיר האָבען זי געיאָגט, אַלץ ווילדער און צוקאָכטער איז זי געוואָרען און אַלץ שרעקליכער און אַכזריות'דיגער האָט זי — אונז אויף צו־להכעיס! — געדריקט דאָס פויגעלע אין איהרע הענד.

מיך האָט די סצענע אויף אַן אמת אָנגעהויבען אויפרעגען, און איך האָב מיך מיט'ן גאַנצען אימפעט אַוועקגעלאָזען נאָך איהר און זי געכאַפּט — איהרע ביידע אָרעמס פון הינטען זענען געווען בעסט איינגעקלאַמערט אין מיינע הענד.

לילית האָט צוגעקעדרט דעם קאָפּ אין מיין זייט און אַ קוק געטהון אויף מיר, ווי אַ צורייצטע טיגערין:

— וואָס ווילט איהר?

— גיט מיר דאָס פויגעלע.

— נ־נ־ניין!

— איך וועל עס אַרויסרייסען פון אייערע הענד.

— רייסט!

— איך וועל אייך צוקושען דאָס גאַנצע געזיכט!

— איך וועל עס דערשטיקען אין אייך אין פנים ווארפען!

פאַר דער צייט איז צוגעקומען זאַקס מיט דער קאָמפּאַניע אין געוואָלט צוגעהן מיר העלפען. לילית האָט אַ קוק געטהון אויף איינער פון די מיידלעך און שאַרף געזאָגט:

— זאָל ער נישט וואַגן צו מיר צוצוגעהן.

און זאַקס האָט זיך פּערחלאָרען און איז געבליבען שטעהן.

איך האָב געוואָלט אויסניצען דעם מאָמענט, און בעפרייענדיג איהר לינקען אָרעם, האָב איך צוגעצויגען צו זיך דעם רעכטען און מיט דער גאַנצער קראַפט צוגעדריקט דעם ביין פון איהר פויסט.

— עפענט די האַנד!

פון דעם העפטיגען ווערטאָג האָט זי זיך אינגאַנצען איינגעקנוילט, ווי אַ שלאַנג, און איהר מויל, מיט פערקריצטע ציינער, האָט זיך אויסגעקרימט, נאָר אין דער סעקונדע האָט זיך געהערט אַ שוואַכער, הייזעריגער טרילער פון קאַנאַריקעל און עס איז אַראָבגעפאַלען אויף דרערה — זי האָט עס מיט איהרע האַלבגעלעהמטע פינגער דערשטיקט.

— נאַ!

מיר האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטהון אין די שלייפען און איך האָב מיך אינגאַנצען פערלאָרען. האָב איך אין דער מינוט זי געהאַסט און פעראַכטעט? האָט מיך פער'שכור'ט דער איינגעאָטעמטער אַראָמאַט פון איהר לייב און איהרע קאַשטאַניען-האָר? האָב איך געוואָלט זי בעליידיגען און זיך נוקם-זיין אָן איהר פאַר דעם אַרויסגעוויזענעם שלאַנגען-גיפט? — איך האָב מיט מיין לינקען אָרעם האַסטיג אַרומגעחאַפּט איהר צופלאַמטען קאָפּ און מיט אַ ווילדען פייער געטומען קושען איהר האַלז, איהרע אויגען, איהרע ליפּען. דאָס איז געווען אַ מין פער'שכור'טער אויסברוך פון גיפטיגען האַס מיט יונגען, אָנגעצונדענעם בלוט, און יעדער קוש האָט אין מיר נייעם ווייַן געגאָסען און מיט יעדען קוש בין איך אַלץ געוואָרען שכור'ער, ווילדער, ברוטאַלער.

און לילית?

זי איז געלעגען פעסט איינגעשלאָסען אין מיינע אָרעמס אין איז אין אָנהויב געווען אינגאַנצען מאַכטלאָז עפּיס צו טהון געגען מיר. זי האָט שווער געאָטעמט, די ברוסט און די נאָזלעכער האָבען זיך ביי איהר פיבערדיג בעוועגט אין די אויגען, די מיט קאַלטען פייער אָנגעגאָסענע שאַפיר-אויגען, האָבען געוואַנדערט איבער מיין געזיכט, ווי זיי וואָלטען עפּיס געזוכט. נאָר אָט האָבען זיי ווילד אַ בליק געטהון און זיך אָ נ ג ע צ ו נ ד ע ן — זי האָט מיך געפּאַקט!

בעפרייענדיג איין האַנד פון מיין אומאָרעמונג, האָט זי, מיט דער פלינקייט פון אַ קאַץ, זיך אַ קעהר געטהון אינגאַנצען צו

מיר, און גלייך האָב איך דערפֿילט אַ שאַרפֿן שניידיקן ווייטאָג אינעם אויבערשטן טייל פֿון מיין לינקן אָרעם — לילית האָט מיך אין אירע ציינער געהאַלטן.

איך האָב געפּרוּווט מיך ראַנגלען און אָפּרייסן איר קאָפּ; זי האָט אָבער, ווי אַ טיגערין, זיך איינגעגעסן אין מיין לייב און איך האָב נאָר געפֿילט, ווי די קניִע ברעכן זיך מיר אונטער און עס ווערט מיר פֿינצטער אין די אויגן — — — — — — — —

ווען מ'האָט מיך אָפּגעמינטערט, האָב איך דאָס ערשטע דערשפּירט אַ העלישן פֿייער אין דער לינקער האַנט און גלייך דערמיט האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ — „לילית!"

איך בין אויפֿגעשטאַנען, האָב גענומען זאַקס'ן אונטער'ן אָרעם און מיך געלאָזן גיין אַהיים. וווּ איז זי אַהינגעקומען? וואָס טוט זי? — איך האָב דעם גאַנצן וועג געשוויגן און קיין אויג נישט אַ קער געטאָן אין איר זייט — איך האָב נישט געוואָלט זי זען, איך האָב נישט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט איר בליק.

און איך ווייס נישט, אייגנטלעך, וואָס דאָ איז געווען: צי האָט זיך ווירקלעך דערוועקט ביי איר אַ מין געפֿיל פֿון מיטלייד און חרטה? צי האָט זי אויפֿגעבראַכט דאָס, וואָס איך האָב אַרויסגעוויזן אַזאַ פּערטרויליכע פֿריינדשאַפֿט איר איצטיקן ביטערן שונא, זאַקס'ן? פֿאַרגעקומען איז אָט וואָס: ווען מיר זענען שוין געווען נאָענט נעבן מיין וווינונג, האָב איך געהערט אייגער זיך אָפּרופֿנדיק:

— זעהט, ווי בלייך ער איז! — און גלייך האָט איציקער אָפּגערופֿן זאַקס'ן, כלומרשט „אויף צוויי ווערטער". איך האָב אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו זען, וווּ ער גייט, און פֿאַר מיר איז אויסגעוואַקסן — לילית. מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ און אַ וואונדערלעך-ווייכן אויסדרוק אין די קאַלטע אויגן, איז זי געשטאַנען און צערטלעך מיר געדריקט די האַנט.

— איך וועל אַריינגיין מיט אייך.

אין מיר האָט עפּעס אַ קאָך געטאָן און עס איז מיר צוגעקומען צום האַלז.

איך האָב אַרויסגענומען די האַנט און, רופֿנדיק, אַ ווינק געטאָן צו זאַקס'ן. —

בערנשטיין האָט אַ ווײַלע געשוויגן און שטאַרק צונויפֿגעקנייטשט דעם שטערן, אַזוי ווי אים וואָלט שווער זיין, זיך צו אַריינטיפֿן אין דעם, וואָס איז ווייטער געשען. דאַן האָט ער

מיט איין אָטעם אויסגעטרונקען דאָס גלעזעל קאָניאַק, וואָס איז געשטאַנען פאַר איהם, און פאָרטגעזעצט זיין ערצעהלונג:

— פון דעם מאָמענט אָן האָב איך ליליטען מעהר נישט געזעהן. איך האָב ווי־ס׳איז אין אָרדנונג געבראַכט די האַנד און גענומען זיך קלייבען אַוועקצופאָהרען.

מיט דער קאָמפּאַניע האָב איך מיך נאָך אָפט בעגעגענט, דער־ביי איז אָבער ענטשטאַנען צווישען אונז ווי א מין געהיימער אָב־מאַך: איך האָב מיך געהיט, נישט צו דערמאָהנען איהר נאָ־מען, און פון עולם האָט אויך קיינער נישט געוואַגט, אין מיין גע־גענוואַרט, צו רעדען וועגען איהר. איינמאָל נור האָב איך פאַר־ביַיגעהענדיג אויפגעחאַפּט די ווערטער:

— זי איז שוין ווידער משוגע. זי לאָזט קיינעם צו זיך נישט צו, און שפּאַצירט־אַרום גאַנצע טעג אַליין הינטער דער שטאָדט.

איך האָב געפּרובט א טראַכט טהון און זיך אַליין פרעגען: וואָס איז דאָס פאַר א מין נפש? פיהלט זי ווירקליך זיפּיס צו מיר און איהר ווילט זיך נישט. מיך פערליערען אינגאַנצען? איז דאָס אַלץ נישט מעהר ווי א פּאָזע פון א קאַלטער קאָקעטקע? און אפשר וויל זי גאָר אויף אַזאַ אופן זיך נוקם־זיין אָן זאַקס׳ן? — און ביז איצט נאָך ווייס איך אייגענטליך נישט, אויף די פראַגען צו ענטפערן, חאָטש עס איז געוועזען נאָך א מאָמענט, וואָס האָט מיר געגעבען א גרונד צו גלויבען, אַז זי איז באמת געוועזען נישט גלייכ־גילטיג צו מיר.

דאָס איז געוועזען אין איינעם פון די לעצטע אָווענדען פאַר מיין אַוועקפאָהרען. מיר איז שווער געוועזען זיך צו שיידען מיט דעם ליע־בען, האַרציגען שטעדטעל, וואו איך האָב מיך אַזוי געמיטליך גע־שפּיעלט און אַזוי לייכט נאַריש געמאַכט, און די בענקשאַפט האָט מיך אַרויסגעצויגען אין גאַס. דער אָווענד איז געוועזען א ווייכער, א וואַרימער, נאָר אין איהם האָט זיך שוין געשפּירט דער אומעט פון הערבסט. עס האָט זיך געוואָלט געהן, בלאָנדזשען ערגעץ אָהן א בעשטימטען ציעל, און איך האָב מיך אַוועקגעלאָזען אויפ׳ן שאָ־סיי און בין פאַרביַיגעגאַנגען די אַלע ערטער, וואָס האָבען מיר דער־מאָהנט די איבערגעלעבטע נאַרישקייטען און שטיפערייען. האָב איך אין די מינוטען געבענקט נאָך ליליטען און געוואָלט זי זעהן? — עס וואָלט זיין נישט נאַטירליך, ווען איך וואָלט עס נישט פיהלען. אין דעם שטילען אומעט פון דער וואַרימער סוף־זומער־נאַכט איז אינגאַנצען צושוואומען געוואָרען דאָס בילד פון דעם טייכעל, פון

דער גיפטיגער קאַצען-נאַטור, און געבליבען איז בלויז די צאַרטע, שלאַנקע געשטאַלט פון אַ שענעם יונגען וועזען, מיט אַזוי פיעל לעבען מיט אַזאַ צאַפּעלדיגער עמפּפינדליכקייט, מיט אַזוי פיעל צוזאָגענדען בעהאַלטענעם גליק. פאַר מיינע אויגען איז געשטאַנען די ווילדע קאַפּריזנע בת-מלכה מיט דעם שטיפערישען יונגען חן, און מיר האָט האַרציג באַנג געטהון, פאַרוואָס איך האָב נישט איהרע ווייכע הענטלעך צום קושען, פאַרוואָס איך פיהל נישט אין מיינע אָרעמס דעם ציטער פון איהר פרישען קערפּער און קאָן נישט איינאָטעמען דעם פער׳שכור׳נדען אַראָמאַט פון איהר צאַרטען מיידעלשען לייב.

נאָכמעהר. טראַכטענדיג וועגען לילית׳ען, האָט זיך ביי מיר זאָגאַר פער׳גנב׳עט דער געדאַנק: אפשר בלאָנדזשעט זי דאָ אויך אַרום ערגעץ צווישען די שטומע שאָטענס פון דער סודות׳דיגער נאַכט? אפשר בענקט זי איצט אויך נאָך מיין אומאָרעמונג, אַזוי ווי איך נאָך איהרער? אָבער ניין. דער גאַנצער פינסטערער רוים אַרום איז געווען איין גרויסע פערגליווערטע שטילקייט, און נור אַ שאָרך פון אַ בוימעל האָט פון צייט צו צייט עדות געזאָגט, אַז דאָ לעבט עפּיס — לעבט און שלאָפט און בעוועגט זיך אין חלום.

וואו-זשע איז זי? שלאָפט זי איצט גאַנץ רוהיג און חלומ׳ט גאָרנישט אפילו וועגען דעם פרעמדען יונגעמאַן, מיט וועלכען זי האָט אָפּט אַזוי געמיטליך, אַזוי האַרציג זיך געשפּיעלט?

איך בין בייז געוואָרען.

— עס איז אַ טייוועל! עס איז אַ מיידעל אָהן מענשליכע געפיהלען, אָהן מענשליכע נערווען! — אין אָנשטרענגענדיג זיך, מעהר נישט צו טראַכטען וועגען איהר, האָב איך מיך אומגעקעהרט אַהיים.

נאָר דאָ האָט מיך ערוואַרט אַ סורפּריז. איך בין אַריין אין מיין צימער און אָנגעצונדען פייער, ערשט — דער טיש איז אינגאַנצען פערוואָרפען מיט פריש-אָנגעריסענע בלומען און דערביי ליעגט אַ קאַרטעל — וואָס איז דאָס? — לילית אין אַ דרייסט-פּיקאַנטער פּאָזע, מיט פלאַטערנדע האָר און אַנ׳אָפּענעם, ליידענשאַפטליך-דורשטיגען מויל, און אויפ׳ן בילד גופא איז אָנגעשריבען מיט אַ נערוועזער האַנד:

„וואו ביסטו, מיין בעזיגער, מיין אשמדאי! ווילסטו מיין לעבען? ווילסטו מיין לייב, מיין קערפּער, מיינע בעהאַלטענסטע

מיידעלשע רייצען? איך בין דיינע. רוף מיך — און איך
ליעג אין דיינע אָרעמס.

לילית."

עטוואָס ווארימעס האָט מיר אַ שטראָם געטהיין אין האַרצען. מיר האָט זיך דערמאָהנט דער מאָמענט, ווען זי האָט מיט אַזאַ צערטליכקייט מיר געדריקט די האַנד אין געוואָלט לייכטער מאַכען מיין וועהטאָג, און מיין גאַנץ וועזען האָט געשריען: „רוף זי!"

איך האָב מיך שוין געהאַט אַוועקגעזעצט און געוואָלט האַסטיג אויפשרייבען: „קום!"

גאָר — איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשעהן! — אין מיר האָט זיך פלוצלונג דערוועקט יענע אינסטינקטיווע קראַפט, וואָס האָט די גאַנצע צייט מיך אָפּגעהאַלטען פון צוגעהן צו־נאָהענט צו איהר, און... דער „קום!" איז פערגליווערט געוואָרען אויף דער פעדער.

— דו זאָלסט זי נישט רופען! — האָט עס אין מיר איצט געקלונגען, ווי אַ שטרענגע וואָרנונג, און איך האָב געענטפערט, וואָס איך האָב געענטפערט, און זי נישט גערופען — אויף צומאָרגענס בין איך אַוועקגעפאָהרען...

פּאַולאַ ר.

* * *

אַז עס וועט דיר געלינגען
איהם ביי מיר אוועקצורויבען,
זאָלסטו אינאיינעם מיט איהם
מיר די אויגען אויסשטעכען,
זיי זאָלען נישט זעהן
די צייכענס אויפ'ן וועג,
וועלכע דיינע טריט וועלען איבערלאָזען,
אוועקגעהענדיג פון מיר — — —
און פון די אויגען־לעכער
זאָלען זיך אייביג בלוטיגע טרעהרען גיסען...
אויפ'ן אָרט,
וואו זיי וועלען פאַלען,
זאָלען אַזוינע בלומען אַרויסשפּראָצען,
אַז יעדען וואַנדערער
זאָלען זיי פאַר זיך פערהאַלטען,
מיט זייערע בלעטלעך
זאָלען זיי זיך אין בלוטיגע ווערטער צוזאַמענלעגען

און פון מײַן בענקשאַפֿט
איהם דערצעהלען — — —
— — — — — — — —

אַז עס וועט דיר געלינגען
איהם בײַ מיר אַוועקצורויבען,
זאָלסטו אײַנאײַנעס מיט איהם
מיר מײַן געהער אַרויסרײַסען,
איך זאָל נישט הערען
דעם שאָרך פֿון די טריט,
ווען ער וועט פֿון מיר אַוועקגעהן — —
מײַן געהער
לאָז אין ים אַרײַנפֿאַלען,
וואו עס וועט איהם שוין מעהר
קײן פֿאַלש נישט דערגרײַכען, —
מיט די וועלען זאָל עס זיך צונויפֿמישען
און נישט אויפֿהערען
אין זײַ מיט מײַן פֿערצווײַפֿלונג צו שלאָגען — —
— — — — — — — — — ...

אַז עס וועט דיר געלינגען
איהם בײַ מיר אַוועקצורויבען,
זאָלסטו אײַנאײַנעס מיט איהם
מיר מײַן צונג אַרויסשנײַדען,
זי זאָל נישט קאָנען
מיט גאַל שפּײַען
און מײַן מויל
צו אַ קְלָלָה ברענגען — — —

מײַן צונג בעגראָב
אין אַזאַ גאָרטען,
וואו זי וועט מיט אַ בְּרָכָה פֿאַרבליִען, — —
און די בְּרָכָה
זאָל אײַנאײַנען מיט מײַן יָתוֹם׳קײַט
אונטער זײַנע פֿיס זיך לײגען
פֿאַר אַ פֿיסען־בענקעלע...

— — — — — —

און ווען איך וועל שױן
פֿון דעם אַלעם בעפרײַט זײַן,
זאָל מײַן צוועהטאָגט האַרץ
אין אַ גלאָק אויף דעם העכסטען טורם
אַרײַן
און איבער דער גאַנצער וועלט
מיט חמאַרע־פֿײַערליכע טענער
וועגען מײַן נְשָׁמָה׳ס ערלעזונג
קלינגען — — —

— — — — — —

דיר קאסעל.

אוים די כתבים פון אַ שטילען מענשען.

איך דאַרף ניר אויפדעקען אַ ווינקעל דמיון, און אַט איז דאָס: פאַרנאַכט, זומער, דער טאַטע איז נישט היע און עפּיס בין איך אונרוהיג און עפּיס ציטערט מיר דאָס האַרץ. גיה איך אין דעם לעצטען בלויען צימער, וואו עס הענגט מיין מאַמעס גרויס בילד, געמאָלט מיט אייל־פאַרבען, פעט, גראָב און נישט ריכטיג, און דאָרטען זעה איך: אַנאַנען פענסטער מיט אַ בלייכען פאַרנאַכט־הימעל און פאַר'ן טישעל, וואָס ביים פענסטער, זיצען צוויי מענשען פּנים געגען פּנים — מיין מוטער מיט'ן דאָקטאָר.. דאָס איז דערזעלבער דאָקטאָר ראַצקין, וואָס האט מיך פאַראַאָהרען געהיילט פון שקאַרלאַטין. אינסטינקטיוו גיה איך נישט ווייטער. עפּיס אַנאינגערליכע קראַפט פערהאַלט מיך ביי דער אָפּענער טהיר מיט די בלויע פאָרטיערען — און איך קוק.

דער שטילער פאַרנאַכט וויקעלט זיך מיד אין ווייך אַרום ביידען, אין זייער רעדען נאָהענט און שטיל. די מאַמע זיצט רוהיג, עלעגאַנט, געלאַסען־גלייך, די פיס ווייט אויסגעצויגען, מיט אַ בלישטשענדיגען בריליאַנט אויף אַ פינגער — איהר געליבטע פּאָזע, וואָס האָט שטענדיג אָהן ווערטער רעגירט מיין צושטיפטקייט, און דער דאָקטאָר ראַצקין, געבויגען צו דער מאַמען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, בעוועגט מיט די הענד, לאַכט נישט הויך און רעדט און ריהרט־אָן ווילעוויז דער מאַמעס אַנאַקסעל.

דער הימעל איז בלאָס-בלוי, אין צימער איז שטיל, פאַר'ן טישעל זיצען די צוויי — און איך קאָן נישט אַוועק. מיט'ן קינדערשען שכל בענעהם איך, אַז איך דאַרף איינהאַלטען דעם אָטעם.

נאָר אַט הויבט-זיך-אויף דער דאָקטאָר ראַצקין, מיט צוואָרפענע שוואַרצע לאָקען אויפ'ן שטערן, א קליינטשיקער, א דינער, א בעוועגליכער, און פאַלט-צו צו מיין מאַמען. ער נעהמט זי מיט ביידע הענד אַרום אונטער'ן אָרעם, בויגט-צו דעם קאָפּ מיט די שוואַרצע לאָקען און קושט איהר איין קוש אין די ליפּען אַריין. דער מאַמעס ליפּען זענען אונטער זיינע, און איך זעה, ווי איהרע באַקען ציהען זיך אויס — זי קושט אויך זיינע ליפּען. און לאַנג, לאַנג געדויערט עס.

מיין טאַטע איז א הויכער און א ברייטביינינער. אין יענער קינדערשער צייט — איך בין דעמאָלט אַלט געווען א יאָהר זיבען — האָט ער מיר אויסגעזעהן פאַר דעם העכסטען מענשען, אַפילו העכער פאַר'ן וואַלד, וואו מיר האָבען אַמאָל געוואוינט אויף דאַטשע, און דערפאַר האָב איך געמיינט, אַז ער איז דער בעסטער טאַטע. איצט איז ער מיר פּלוצלינג געקומען אין דמיון א קליינטשיקער, א מאָגערער, א געל-בלאַסער, מיט מאָדנע פערשמאַכטע שטומע בליקען, פּונקט ווי ער וואָלט ביי מיר הילף געבעטען. נאָר דער קוש האָט זיך גאָר אַלץ געצויגען ביי ביידען...

לאַנגזאַם, מיט א פערהאַלטענעם אָטעם בין איך אַוועק פון די בלויע פאָרטיערען. א באַק האָט מיר געפייערט און אין די שלייפען האָט געהאַקט. איך האָב נישט געוואוסט, וואוהין און נאָך וואָס איך געה, און איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיין מאַמע טהוט אַנ'עבירה — נאָר מיר האָט זיך געוואָלט וויינען. מיט מיר איז מיטגעגאַנגען דער שאָטען פון מיין טאַטען, א קליינטשיקער, א מאָגערער, א געל-בלאַסער, מיט פערשמאַכטע שטומע אויגען און מיט א מינע פון א געפאַלענעם מענשען. אין אַלע צימערען איז געווען שטיל, אימה'דיג-שטיל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ווענד און דאָס מעבעל לעבען, האָבען שכל, און אַז פריהער, בעת איך בין געשטאַנען הינטער די בלויע פאָרטיערען, האָבען זיי זיך איבערגערעדט צווישען זיך וועגען מיין מאַמען מיט'ן דאָקטאָר ראַצקין.

איך האָב מיך דערמאָהנט אָן דער באָבען און אַוועק צו איהר אין צימער. דאָרט האָט אויך אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער

אַ פּאַרנאַכט־הימעל, נאָר שוין אַ בלויערער, אַן אָנגעזאַפּטער מיט אָווענד, און אויפ'ן קישען פון בעט האָט זיך ווייך, ווי וואַקס, געגעלט דער באָבעס אַלט גוט פּנים. די באָבע האָט לייכט געדרעמעלט, אָבער באַלד האָט זי געעפענט די אויגען ברייט און פערוואונדערט, ווי עס טהוען אַלע אַלטע אין דרעמלען. אַ ווייַלע האָט זי מיך אָנגעקוקט פרעמד און נייַגיריג, פּונקט ווי זי וואָלט מיך נישט דערקענט, אין דערנאָך אַרייַנגענומען אין בעט און אַוועקגעלעגט הינטער איהר מאָגערער אויסגעוואַרימטער פּלייצע. וואָס האָט געשמעקט מיט היים און מיט אַלטען לייב.

הינטער דער באָבעס פּלייצע איז געווען גוט צו ליגען מיט פערמאַכטע אויגען. האָב איך פערגעסען אָן טאַטען מיט דער מאַמען, מיט'ן דאָקטאָר, נאָר צוויי מאָל האָב איך דאָך אַ כלי־פּע געטהון: אין האַלז האָבען מיר נאָך אַלץ געשטיקט די טרערען. די באָבע האָט זיך תיכף אומגעקעהרט צו מיר מיט'ן פּנים, איבערגעווישט מיר דאָס בעקעל מיט דער מאָגערער האַנד און וואָרים אַרויסגעשעפּטשעט:

— וואָס איז דיר, קינד מיינס? מיר זאָל זיין פאַר דיר. מיר פאַר דיר, רבונו־של־עולם!...

און גיך־גיך אויסגעשפּייט עטליכע מאָל. זי איז געווען דער איינציגער פרומער מענש ביי אונז אין שטוב.

אַ קיהל ווינדטעל איז ווילעוויי אַריין אין אַרויס פון צימער. די באָבע האָט רעגעלמעסיג געאָטעמט. אַז איך האָב געעפענט די אויגען, האָב איך געזעהן, ווי אין דרויסען בלויט אין בלויט — און פּאַמעליך בין איך איינגעשלאָפען.

אויפגעוועקט האָט מיך די באָבע, אין בײדע זענען מיר אַוועק אין עס־צימער. די באָבע האָט מיך געפיהרט פאַר'ן הענטעל. אין עס־צימער איז די מאַמע געזעסען ביים טיש, עס האָט געברענט די לאָמפּ, און נאָך פון ווייטען האָט זי צו מיר געשמייכעלט. אַ שמייכלענדיגע האָט זי מיך אַ רוף געטהון, און אַז איך בין צוגעגאַנגען, האָט זי מיך צוגעשטעלט נעבען איהרע קניע. אָנגענומען פאַר די הענדטלעך און אַ קוש געטהין אין שטערן. זי איז געווען בלאַס, געלאַסען, אין עפּים מיד־גיט. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב מיך עטוואָס צוריקגעצויגען, אָבער באַלד זיך אונטערגעגעבען: פון דער מאַמען האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט אַוועקגעהן. ווייניג האָט זי מיך געצערטעלט, אָבער אַז איך האָב דערפיהלט אויף זיך איהר האַנד, פלעגט זיך מיר ווע־

לען ווײנען פון תענוג. מיט'ן גלעט פון א פרוי בין איך דערנאך בעקאנט געווארען, אבער קיין איין פרוי האט נישט פערמעגט מיין מאמעס גלעט. זי האט געהאט בעזונדערע פינגער און איבערהויפט די בעוועגונג פון זיי — אנ'איידעלע, א רונדע אין אנ'אבגעהאלטענע, אזא, וואס קאן געבען מעהר און דערגיט נישט.

איך געדענק, אז פיל מאל פלעג איך מיך אומישנע ארומדרעהען ארום איהר: טאמער וועט קומען איהר האנד צו מיין בעקעל, אדער א ווארט וועט זי זאגען, מיין נאמען אויסרעדען — איהר קול האט אויף מיר אזוי געווירקט, ווי איהר גלעט. טייל מאל האב איך אין איהם, אין איהר קול, קאלירען געזעהן. א רעגענבויגען פון פארבען. די מאמע זאגט עפּיס, און מיר דאכט זיך, אז איבער דער שטוב האט זיך דורכגעצויגען א בלויער אדער א העל-גרינער פאס מיט א קלאנג פון זילבער...

מיין מאמע האט געהאט געדאנקען — איהרע, בעזונדערע, אונפערשטענדליכע פאר דער שטוב, און מיך פלעגט זי וועניג בעמערקען. אין איהר איז געזעהן מעהר טרוים, ווי בלוט, מעהר שטילקייט, ווי בעוועגונג. טייל מאל פלעגט זי זיך פלוצלונג פערטראכטען אדער גאר אבזיפצען. זי האט קיינמאל נישט געוואוסט און זיך נישט אינטערעסירט דערמיט, ווי אזוי איך ווער איינגעשלאפען, צי איז אויסגעלופטערט געווארען דאס צימער פאר'ן שלאף, צי האב איך פריהער געגעסען, צי האט מען מיר געוואשען די הענדטלעך, צי איז אויסגעבעט דאס בעטעל גוט. פאר'ן שלאפען-געהן האב איך נור בעדארפט א קוש טהון דער מאמעס האנד, שוין א נייג טהון זיך, זאגען „א גוטע נאכט“ און אוועקגעהן אין שלאף-צימער מיט דער הויכער און דארער עמע'ן, מיין באנע, וואס האט געהאט מעהר נאז, איידער פנים... עמע איז געווען א בייזע, א שלעכטע, און אז איך פלעג באלד נישט איינשלאפען, פלעגט זי מיך סטראשען מיט וועלף און שרייען אויף מיר.

מען האט אבער בעדארפט קענען מיין מאמען. דאס איז געווען א וואונדער-שענע פרוי. דערין איבערצייג איך מיך יעדען טאג, בעת איך קוק אויף איהר קליין פאטאגראפיש בילד. פון זכרון קען איך זי אבער בעסער, לעבעדיגער, און איך ווייס גענוי, ווי אזוי צו מאלען זי. שלאנק און בלאס און דין איז זי געווען, מיט עכטע בלויע אויגען און מיט א געזארענעם צארטען שאטען אונטער די דאזיגע אויגען. צוליעב אט דעם שאטען האט מען קיינמאל אקוראט נישט געוואוסט, וואס זי לעבט-איבער, וואס

זי טראַכט, און איהר לאַכען האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק פון געלעכטער. דאָס פנים איז פערגאָסען מיט שמייכעל, נאָר זי אַליין איז, דאַכט זיך, ערגעץ אַנדערש...

שוואַרצע קליידער האָבען זיך וואונדערליך געפּאַסט צו איהר, נאָר דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ פאַרב אין דער וועלט, וואָס זאָל זיך צו איהר נישט פּאַסען. און דאָס רוב געדענק איך זי אין שוואַרצען. ווי איך האָב מיך שפּעטער דער־וואוסט, האָט זי ליעב געהאַט קליינע צימערען, בין־השמשות און שוואַרצע דינע קליידער. געשלאָפען האָט זי שפּעט, און פאַר'ן אָנ־טהון־זיך פלעגט זי נאָך ליעגען אַ פּאָר שעה אין בעט מיט אַ בוך. איך געדענק זי אין בעט ליעגענדיג: אויפ'ן קישען שווימען, ווי דונקעלע זיידענע חוואַליעס, איהרע האָר, פון איהר בלאַסען פנים לייכטען פריש אַרויס איהרע בלויע אויגען, נאָר דאָך ליעגט אויס־געגאָסען אויף איהר עפּיס אַ מידקייט און אַ שטילקייט, וואָס לאָזט זיך נישט דערנעהנטערן צו איהר. און איהר לאַנגער נאַקעטער האַנד, וואָס פערנעהמט זיך פילער, רונדער צום אַקסעל, ליעגט אַ פונאַנדערגעעפענט בוך. אַ קוק אין בוך און אַ קוק אויפ'ן באַלקען. מעסיג און זאַכט הויבט זיך אויף איהר ברוסט דער געקרויזטער זוים פון העמד.

אַ קוק אין בוך, אַ קוק אויפ'ן באַלקען און — אויף מיר... איך האָב ליעב צו בעזוכען די מאַמען נאָכ'ן שלאָף. די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב איך וויל אַריינגעהן צו איהר אין צי־מער, זאָל איך פריהער אָנקלאַפּען אין טהיר. אַזוי טהו איך, נאָר אין צימער שווייגט מען. הויב איך מיך אויף אויף די שפּיץ פינ־גער, דריק־אָן דאָס מעשענע טהיר־הענדטעל און געה אַריין. אַ צייט דאַרף איך מיך אומדרעהען, ביז די מאַמע בעמערקט מיך. אַליין צוגעהן צו איהר בעט האָב איך קיין מוט נישט. און דאָ געהט עס צו: אַ קוק אין בוך, אַ קוק אויפ'ן באַלקען און — אַ קוק אויף מיר.

איצט געה איך צו צום בעט, אָבער דאָך נישט זיכער. לאַנג־זאַם שפּראָצט־אַרויס אַ שמייכעל אויף איהר געזיכט, און מיר גיט זי מיר אַ גלעט פאַר'ן בעקעל. מיט דערזעלבער מידקייט וואַרפט זי אַ בליק צום פענסטער.

— זאָל עמע געהן מיט דיר שפּאַצירען. אַ שען וועטער אין דרויסען, — גלעט זי מיר ווידער דאָס בעקעל.

אַרום דער מאַמעס בעט חוואַליעט זיך אַ וואַרימקייט מיט

אַ בעזונדער לייב־ריח. דער ריח איז זעהר אַ בעקאַנטער און זעהר אַ נאָהענטער. איך שפּיר איהם אויך פון מיין לייב און פון מיין בעטעל און געדענק איהם נאָך פון יענעם טאָג אָן, ווען איך האָב בעקומען די פעהיגקייט פון שפּירען עפּיס אַזוינס. און איך קאָן נישט אַוועק פון דעם בעט, וואו עס ליגט די דאָזיגע פרוי מיט די דונקעלע זיידענע האָר, מיט די בלויע אויגען, מיט דער צאַרטער בלאַסער הויט פון פּנים, די פרוי, וואָס איז מיין מאַמע, וואָס גלעט מיך טיילמאָל פאַר'ן בעקעל און וואָס אַז זי זיפצט־אָב, דערפיהל איך אַ ווייה אין דער נשמה. נאָר איך וויים שוין, אַז לאַנג שטעהן נעבען איהר בעט וועל איך נישט קאָנען. די מאַמע וועט נאָכאַמאָל אַ קוק טהון צום פענסטער, וועט מיר ווידער אַ גלעט טהון פאַר'ן בעקעל, און אָנגעהמענדיג דאָס בוך מיט אַ מידער אין נאַקעטער האַנד, וועט זי זאָגען:

— געה, מיין קינד, צו עמען. אַ שעהן וועטער: שפּאַצירען דאַרף מען..

לאַנגזאַם געה איך אַוועק, און מיט דער פּליצע, אַוועקגע־העהנדיג, זעה איך מיין מאַמען — איך זעה, ווי זי ליגט אין בעט און קוקט אין בוך און אויפ'ן באַלקאָן און צום פענסטער. און טרעהרען גנב'ענען זיך מיר אין האַלז. און אַז איך גיה מיט עמען אויפ'ן סקווער, אינטערעסירען מיר שוין נישט קיין פערד און סאָל־דאַטען, וואָס איך האָב ליעבער פון אַלעס אין גאַס. עס איז מיר גרוי די וועלט אין דער זוניגער טאָג און די קראָמען מיט קינדערישע צאַצקעס. און מיר דאַכט זיך, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך אין מיר געוועקט דאָס בעוואוסטזיין פון אַ קליינטשקען זעלבסטמער־דער... זאָל מיך איבערפאָהרען אַ פערד אין מיטען גאַס, זאָל איך מיך אָנשלאָגען מיט'ן קאָפּ אָן אַ סלופּ, זאָל איך אומקומען. פאַר עמע'ס האַנד האַלט איך מיך שוין נישט. בגנבה האָב איך מיין האַנט אַרויסגעצויגען פון איהר האַנד און אַ טריט שטעל איך נישט פאָרזיכטיג.

נאָר וואָס פעהלט מיין מאַמען, אָט דער פרוי, וואָס ליגט שפּעט אין בעט מיט אַ בוך אין דער האַנד און מיט צוואָרפענע זיי־דענע האָר אויפ'ן קישען, אַ פרעמדע, אַ זייטיגע, אַ מיד־קאַלטע?

אַ תשובה דערויף האָב איך בעקומען ערשט שפּעטער, אין די דערוואַקסענע יאָהרען.

אויסערליך איז דאָס געווען אַ געוועהנליכע זאַך: מיין מוטער האָט חתונה געהאַט מיט'ן טאַטען איבער־געוואַלט. קיין טראָפּען

ליבע צו איהם נישט געפיהלט. זי האט איהם נישט געוואלט. עס איז איהר געווען פרעמד לויט'ן כאראקטער און לויט'ן אויסזעהן. נאר מיין טאטע האט געוואקסען פון זעהר שטארקע, רייכע אויפגעקומענע מענשען, אליין געהאט א סך געלד — און ער האט דערגרייכט. מיט געוואלט, מיט אויסערגעוועהנליכער אנשטרענגונג, מיט אונגעהויערער מיה — נאר דערגרייכט. פון־דערהיים האט מיין מוטער געוואקסען פונקט דער היפך ווי מיין טאטע. איהרע עלטערן זענען געווען שוואכע מענשען, יורדים, יחוס'דיגע ארימע־לייט. ביי זיי אין שטוב זענען געשטאנען אלמערס מיט ספרים, אלטע זילבערנע בעכערס, וואונדערליכע גלעזער פון פארצייטען, נאר אויפ'ן טיש איז קיין ברויט נישט געווען און געלעבט האט מען פון אזוינע הלוואות, וואס זענען עהנליך צו א קלוגער נדבה. זיי איז נור פערבליבען שענע, בלאסע, יחוס'דיגע פנים'ער און רוהיגע פיינע מאניערען פון א פערגאנגענעם אריסטאקראטישען עבר — און נישט מעהר.

דער שידוך איז געווען אנ'אוצר פאר זיי, אבער מיין טאטע האט געגרייזט. דער הויכער ברייטביינינגער יונגערמאן מיט שווארצע הענד, אבגעברענטע פון דער זון, האט זיך אהן זין אריינגעריסען אין א שענעם טויטען הויז, וואו קיינער האט איהם נישט מיטגעפיהלט און נישט געליעבט. דארטען האט מען געצויגען די ווערטער, געמאסטען די טריט, געקוקט מיט שטילע נישט־דערקוקטע בליקען. און מיין טאטע איז געווען א קאכיגער, אנ'איילִיגער, א רוישיגער, א מענש, וואס איז געוועהנט צו שרייען, צו שאפען־זיך מיט יענעם, און וואס האט געהאט דאס בעוואוסטזיין, אז ער איז א בריה און אז איהם שטעהט־פאר א סך פרנסה פון זיינע וועלדער און פאדריאדען. ער האט געמיינט צו זיין גליקליך און האט איינגעארדענט א ברייט און רייך לעבען. דער טעות האט איהם באלד ניכטער געמאכט, אבער דעם קודאש האט ער דאך נישט פערלארען. אין שטוב פלעגט ער אריינקומען א בעוועגליכער, א פרעהליכער, א צוזייהטער, מיט סוחרישע וויצען, מיט געלעכטער און מיט מתנות פאר דער מאמען. נאר איך געדענק דער מאמעס קוק דערויף: א רוהיגער, א העפליכער און א זייטיגער...

א פרעמדע, א זייטיגע איז זי געווען, א גאסט, וואס איז אונצופריעדען מיט'ן איינגענעם קומען, א קרוב, וואס האלט זיך דערווייטערט פון די קרובים. דאס האט געלעגט אנ'אומעט אויף

מײַן קינדהײט, נאָר איך האָב געמײנט, אַז אין אַלע הײַזער איז אַזוי און זײַנען אַלע מאַמעס.

פֿון יענעם פּאַרנאַכט אָן האָב איך די מאַמען נאָך עטלעכע מאָל געזען מיט׳ן דאָקטאָר. זײַן קומען האָב איך שױן געפֿילט פֿאָראױס. אָן די װענט האָב איך עס דערקענט, דאָס מײַזעל האָט מיר אָנגעװאונקען, אַ באַזונדער שטוב־שטילקײט האָט מיך אױפֿמערקזאַם געמאַכט, פּונקט װי אַ חיהלע, װאָס דערשפּירט איר פֿײַנד אומגעזעהנערהײט — און איך פֿלעג זיך גנבענען צו די בלױע פּאָרטיערן. דאָרט, הינטער די פּאָרטיערן, אין צימערל, איז שטענדיק פֿאָרגעקומען דאָסזעלבע: דער דאָקטאָר באַװעגט מיט די הענט, רעדט נישט הױך, כאַפּט זיך װײַלעװײַז צו דער מאַמעס אַקסל, און די שװאַרצע לאָקן זענען איהם צושאָטען איבער׳ן שטערן. און די מאַמע זיצט אומבאַװעגלעך, געלאַסען, אָנגעלעהנט מיט דער פּלײצע אָן שטוהל, די פֿיס װײַט אױסגעצױגען, נאָר איהר קוק צום דאָקטאָר איז אַ נאָהענטער און אַ װאַרימער. איך פֿאַרשטעה נישט און הער נישט, װאָס זײ רעדען, נאָר איך פֿיהל, אַז דאָס, װאָס זײ רעדען, איז אָנגעזאַפּט מיט אײַנגעהאַלטענער ליבע. די מאַמע האָט מיט קײנעם אַזױ נישט גערעדט און אױף קײנעם אַזױ נישט געקוקט...

זײער געשפּרעך האָט זיך שטענדיק געענדיקט מיט קישען. נאָר דאָ פֿלעג איך אַװעקגעהן, כאָטש עס האָט שטאַרק געצױגען צו קוקען, װאָס דאָרטען װעט װײַטער זײַן. דער קאָפּ פֿלעגט מיר נעהמען ברענען און מיך פֿלעגט אָנהײבען שרעקען די אומהײמליכקײט פֿון פּאַרנאַכט און די שטילקײט פֿון שטוב. צו דער באָבעס צימער פֿלעג איך געהן מיט געװאַקעלטע טריט, און װײנען האָט זיך געװאָלט. קײנעם נישט דערצעהלען, נור שװײַגען און װײנען.

דערנאָך איז געקומען דער טאַטע מיט טשעמאָדאַנעס, מיט סוחרישע װיצען, מיט מתנות און מיט מעשיות פֿון גרױסע פֿאַרדינסטען. ער איז געקומען פּלוצלונג, בײַם באַהן האָט איהם קײנער נישט אָבגעװאַרט, און אין שטוב האָט ער זיך צוקושט מיט דער מאַמען. איך האָב געזעהן זײער קיש: די מאַמע — רוהיג, געלאַסען, העפֿליך, דער טאַטע — הײס, טרײַ, מיט אימפּעט... נאָר דער טאַטע איז שױן בײַ מיר נישט געװען קײן הױכער, כאָטש ער האָט מיר געבראַכט אַ סך טשיקאַװע צאַצקעס און מיך שטאַרק געדריקט צום האַרצען. קלײן האָט ער מיר אױסגעזעהן, קלײן און

עלענד און פערשמאכט, און זיינע צאצקעס האב איך שטילערהייד פערוואָרפען אין א ווינקעל.

אין עטליכע טעג ארום האט ער זיך פלוצלונג פעראענדערט, אויפגעהערט צו רעדען, גענומען קוקען כסדר אויף דער ערד און קנייטשען מיט'ן שטערן. מיך האט ער אויפגעהערט צו בעמערקען, און אלע אינדערפריה האט ער זיך געסודעט מיט דער מוהמע דאבע'ן, וואס האט פון שטענדיג אן פיינט געהאט מיין מאמען. די מוהמע דאבע האט עפיס געשעפטשעט בלוטיג-בייז, און דער טאטע האט געקנייטשט דעם שטערן און געקוקט אויף דער ערד. אזוינע סודות'דיגע געשפרעכען האט דער טאטע אויך געהאט מיט'ן סוחר שאפירא, וואס האט איהם אימגעפיהרט פאר א לאץ איבער'ן צימער, און דער טאטע איז איהם נאכגעגאנגען א געהארכזאמער און א דערשלאגענער. די מאמע איז געזעסען ביי זיך אין צימער, נישט ארויסגעגאנגען אפילו צום עסען, און א שווערע מרה-שחורה מיט סודות איז געהאנגען איבער אלץ און אלעם.

די באבע האט געוויינט.

אין אט די שרעקליכע שווייגענדיגע טעג בין איך איינמאל אנגעגאנגען אויף א געשפרעך צווישען דעם טאטען מיט דער מאמען. זיי האבען זיך ביידע, קענטיג, אימגערן אנגעטראפען אין זאל. דער טאטע האט גערעדט נישט מיט זיין קול: הייזעריג, נידעריג, געדיכט און מאכטלאָז, פינקט ווי ביי איהם וואלט עפיס צוריסען געווארען אין האלז. געשטאנען איז ער קרים, מיט אראבגעהאנגענע הענד און מיט א פערשמאכטען, געבויגענעם פראפיל, און איך האב געזעהן, ווי עס ציטערען די הויזען ביי זיינע קניע. הויך און ברייט איז ער געווען, נאר אויסגעזעהן האט ער פארט קליין און עלענד און שוואך. די מאמע האט געקוקט צום פענסטער מיט א מינע פון עקעל, און א האנד איז ביי איהר געווען אויפגעהויבען, פונקט ווי זי וואלט געוואלט מיט דער האנד אפטרייבען דאס, וואס עס ווערט צו איהר גערעדט. דערנאך האט זי זיך פלוצלונג פונאנדערגעלאכט, א פאל געטהון אויף א שטיהל און ציגעטראגען א ווייס טיכעל צו די אויגען. איהר געלעכטער קאן איך קיינמאל נישט פערגעסען. קודם האט ער לאנג געדויערט און טרעהרען זענען אין איהם געשטאנען, און געדאכט האט זיך, אז א נשמה איז אין איהם דערשטיקט געווארען. אט געלעבט און אט דערשטיקט געווארען.

איך בין אנטלאפען אין דרויסען.

דאָס איז געשעהן אין־דערפריה, און פאַרנאַכט, אַז איך בין געגאַנגען מיט עמעצ'ן פון שפּאַציר, האָב איך געטראָפען אַ גרויסע און אַנ'אייניגע מחנה מענשען אַרום אונזער הויז. די דאָזיגע מחנה האָט געשאָקעלט מיט די קעפּ, געצויגען מיט די ליפּען און פאַר מיר מיט עמעצ'ן האָט מען מאָדנע לייכט געמאַכט אַ וועג.

— דאָס יונגעלע איהרס... דאָס יונגעלע... — האָט מען גערעדט צווישען זיך און אָנגעוויזען אויף מיר מיט'ן פינגער.

נאָר אין שטוב איז אויך געווען איינג פון פרעמדע און נייגיריגע מענשען, וואָס האָבען זיך פריי אַרומגעדרעהט איבער די צימערן. אין צווישען זיי איז דורכגעלאָפען מיין טאַטע מיט צוגעקלעבטע האָר צום שטערן און אָהן אַ רעקעל. די אַרבעל פונ'ם ווייסען העמד האָבען עפּיס אין־דער־גיך דערצעהלט פון אַ גרויסער און שווערער צרה.

אין איין מינוט איז עמיצער עהנליך געוואָרען צו די מענשען, וואָס זענען געשטאַנען אין דער מחנה אין וואָס האָבען זיך אומגעדרעהט אין שטוב. בלאַס איז זי געוואָרען, מיט אַ גרויסער נייגיריגער נאָז, מיט אַנ'אָפענעם מויל אין אַרויסגעשפּאַרטע אויגען, און איהר האַנד, וואָס האָט געהאַלטען מיינע, האָט געציטערט און קאָנוואולסיוו מיך געשלעפּט צו מיין מוטער אין צימער אַריין. איך האָב נישט דערקענט מיין מוטערס צימער. שוואַרצע רעשטעלעך וואַכער האָבען זיך געצויגען איבער דער פּאָדלאָגע, נעבען פּיעמישעל זענען געלעגען צובראָכענע שמאָלע פלעשלעך, און סאַמע אין מיטען צימער האָט קאַלט אין רוהיג געבליבען עמיצענס אַ פערוואַלגערטער מאַנושעט.

עמעצער האָט מיך האַסטיג דערשלעפּט ביז צו דער מאַמעס בעט. און דאָבע, די מומע, מיט צעשויבערטע האָר אין אַנ'אויפגעריסענער בלוזקע, האָט מיד און מיט בעקריצטע ציינער געטריבען פון צימער צוויי אָרימע איינגעשפּאַרטע ווייבער, וואָס האָבען נישט געוואָלט אַוועקגעהן. נאָר אין בעט איז נישט געלעגען מיין מאַמע. אין בעט איז געלעגען אַנ'אַלטע פרוי מיט מיין מאַמעס האָר, מיט מיין מאַמעס פינגערלעך אויף פערטריקענטע געלע פינגער, דאָס פּנים איינגעשרומפּען, ביי די אויגען — שאָטענדיגע גריבלעך. און אויף די ליפּען — בלוטיג־פערטריקענטער שוים. געלעגען איז זי אומבעוועגליך אין לאַנג אין שטאַר און עפּיס געל, און געדאַכט האָט זיך, אַז זי האָט פיינליך פערהאַלטען דעם אָטעם און

אַז בײַ איר אין קאָפּ קריכט לאַנגזאַם אום אַ שווערע און שוואַרצע מחשבה.

עמע האָט זיך הויך, אויפ'ן קול פֿונאַנדערגעוויינט. איך האָב נישט געוואוסט, אַז דאָס איז טויט און אַז מען דאַרף דאָס בעוויינען, און האָב מיך פֿערקוקט אויפ'ן ראַנד פֿון הימעל. דער דאָזיגער הימעל־ראַנד, אויף וועלכען עס האָט זיך געצייכעט אַ לאַנגער דונקעלער פּאַס פֿון דעכער מיט הויכע פֿאַבריקען־קוימענס, איז געווען בלוטיג־רויט. נאָר אויסגעזעהן האָט ער קאַלט און רוהיג און גלייכגילטיג מיט עפּיס אַ האַרטער שטענדיגקייט — און דערפֿון איז געווען נאָך שרעקליכער, אידער פֿונ'ם בעט מיט דער טויטער פֿרוי. דער הימעל האָט נישט צוגעזאָגט קיין הילף און קיין מיטגעפֿיהל, און קיין איין פֿלעק האָט זיך אויף איהם נישט פֿערענדערט דערפֿון, וואָס אין שטוב איז פֿאָרגעקומען. דערנאָך, אַז איך בין עלטער געוואָרען און געטראַכט וועגען דעם, איז מיר איינגעפֿאַלען: בײַ אַ טאַטען אַן'אַכזר טרינקען זיך די קינדער, און ער שטעהט און קוקט דערויף גלייכגילטיג און קאַלט. פֿון דעמאָלט אָן האָט אָנגעהויבען ווירקען אויף מיר שלעכט אַ זון־אונטערגאַנג. ער דערמאָהנט מיר אָן טויט און אָן גלייכגילטיגקייט און אָן דעם עלענד פֿון אַ מענשענס נשמה...

לאַנג האָט דער הימעל קאַלט און רויט געברענט, און אַז עס איז געוואָרען נאַכט און איך האָב מיך אַליין געלעגט שלאָפֿען, נישט קיין געגעסענער, זענען פֿון די ווענד אַרויס עטראָטען קעפּ פֿון שדים, מיט בערדלעך, מיט הערנער און מיט שוידערליכע אויגען. זיי האָבען אַלע עפּיס קנאַקעדיגעס געקייט און געשאָקעלט צו מיר מיט די קעפּ. די דאָזיגע קעפּ האָב איך פֿריהער געזעהן אין אַ בוך מיט בילדער, וואָס דער טאַטע האָט מיר געקויפֿט, און אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלעגען אין שווייס און שרעק.

דרײַ טעג איז בײַ אונז אין שטוב געווען אַ צומישעניש. מען האָט געוויינט, אַרומגעלאָפֿען איבער די צימערען, נישט געגעסען, און מיך האָט מען גאָר נישט בעמערקט. געוויינט האָב איך אויך, נור אויפ'ן צווייטען טאָג, און אויפ'ן דריטען האָב איך שטיל געשפּיעלט מיט אַ קאַץ הינטער אינזערע טרעפּ. די קאַץ האָט געהאַט וואַרימע האָר און האָט זיך וויך געשאַרט מיט'ן בויך אַרום מיינע פֿינגער. בײַנאַכט האָט מיך קיינער נישט אויסגעטהון, און עמע איז געוואָרען אַ גאַנצע בעל־הבית'טע. זי איז אומגעלאָפֿען איבער די צימערען, געקאַמט די האָר פֿאַר יעדען שפּיגעל, געשאַט

זיך מיט דער דינסט, געשריגען אויף דער באָבען און דעם טאַטען געהייסען טרינקען כסדר טהיי און שווייגען. נאָר די מומע דאָבע האָט אויך גע'בעל־הבית'עוועט, און אונזער שטוב איז פיל געווען מיט קרובים און שלעפּער. די מומע האָט זיי געטריבען און געזידעלט, נאָר זיי האָבען זיך געזעצט אויבענאָן, צוגעקנאַקט מיט די פינגער און געמיטליך געבעטען עסען.

אויפ'ן דריטען טאָג איז שטיל געוואָרען מיט זיי. די מומע האָט זיי אויסגעצאָהלט געלד, און עמע האָט מיך געשלאָגען אין אַ ווינקעל. עמע האָט געוואָלט, איך זאָל איהר נישט נאָכגעהן און זאָל שפּיעלען אַליין. זי דאַרף זיך פּוצען אין אַלע שפּיגלען און קוקען אויף דער נאָז, וואָס איז איהר געווען גרעסער פאַר'ן פּנים.

וועגען דער מאַמען האָט מען גאָרנישט גערעדט. דעם פּרייז פון איהר טויט האָב איך דערנאָך בעגריפען. די אַלטע פרוי, וואָס איז אינבעוועגט געלעגען אין בעט מיט מיין מאַמעס האָר און פינגערלעך, איז געווען מיין מוטער, וואָס האָט זיך געסמ'ט מיט עפּיס אַ געוועהנליכען סם. זי האָט ליעב געהאַט דעם דאָקטאָר און פיינט געהאַט מיין טאַטען... איהר לויה האָב איך נישט געזעהן: די מומע דאָבע האָט מיך דעמאָלט אָבגעשיקט מיט אַנ'אונבעקאַנטען מענשען צו איהרע קינדער — שפּיעלען זיך דאָרטען.

אין דער מאַמעס צימער איז נאָך אַלץ געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע דער מאַנושעט מיט די צובראָכענע שמאָלע פלעשלעך, נאָר דאָס בעט איז געווען לעדיג. און אַז איך פלעג דאָרטען שטעהן, האָב איך מורא געהאַט צו קוקען פון פענסטער אויפ'ן הימעל — טאָמער וועט ער זיין רויט, ווי דעמאָלט. אין־דער־פריה פלעג איך בענקען נאָך מיין מאַמען: עס האָט מיר געפעהלט איהר גלעז, איהר טרויעריגער קוק, איהר פערטראַכטער און אומעטיגער שמייכעל אין די גרויסע, רייכע, שווייגענדיגע צימערען אונזערע.

אָט די צייט, וואָס האָט געדויערט ביי אַ האַלב יאָהר, איז פאַר מיר געווען די סאַמע פרייסטע און די סאַמע שווערסטע. איך בין געווען פריי, קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר. אָבער איך בין געווען שמוציג, פערוואָרפען, פערלאָזען, בעזאָקען, עלענד און טיילמאָל אפילו הונגעריג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין ענליך צום הויף־סלופּ, וואָס האָט אויסגעזעהן גרוי פון ווינד און רעגען, און אַ רחמנות צו זיך פלעגט מיך בעפאַלען. דער עלענדסטער בין איך, דער עלענדסטער און דער הונגעריגסטער.

דערנאָך האָט מען עמע'ן געחאַפּט ביי אַ גנבה, און מען האָט

זי אַרויסגעטריבן. דער טאַטע האָט זיך דערין נישט געמישט. מע האָט געוויינט, נאָר די מומע האָט זי געטריבן מיט שוים אויף די ליפּן. אויף עמעצנס אָרט איז באַלד אָנגעקומען אַ בלאָנד מיידעל מיט אַ האַרציקן קול, און זי האָט מיך געפֿירט שפּאַצירן, געוואַשן, אָבגעשאָרן די נעגל, און אין די שפּילן האָב איך דערקענט מיין פֿריערדיק געזיכט, אַזאַ, ווי בעת די מאַמע האָט געלעבט.

דער טאַטע האָט אָנגעהויבן אַוועקצופֿאָרן צו זיינע געשעפֿטן. נאָך דער מאַמעס טויט איז ער אַ צייט קאַלט געווען צו מיר, נאָר דערנאָך, פֿאַר'ן אַוועקפֿאָרן, האָט ער מיך מאָרגנס הייס געקושט. געדריקט צום האַרצן, און אויף מיין באַק האָב איך דערפֿילט זיינע אַ טרער. גערעדט האָט ער גאָרנישט. ביים אַרויסטראָגן די טשעמאָדאַנעס צום פֿוהר האָט ער אָנגעזאָגט דעם בלאָנדן מיידל, אַז זי זאָל מיך היטן און אַ סך שפּאַצירן מיט מיר.

פֿון די רייזעס פֿלעגט ער קומען אַ דערפֿרישטער, אַ בעוועגלעכער, אַן אויסגעלייטערטער, נאָר אָהן סוחרישע וויצן און אַ שווייגנדיקער. מתנות פֿלעגט ער מיר ברענגען אַ סך און דערביי גוט און שטום שמייכלען.

אין אַזאַ מינוט האָב איך איהם איינמאָל פּלוצלונג אַ פֿרעג געטהון:

— וואו איז די מאַמע? זאָג, טאַטע...

איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, דאָס הייסט, אַז זי וועט שוין מעהר נישט זיין נישט ביי אונז אין שטוב און נישט אין גאַס און אין ערגעץ נישט, נאָר איך האָב עס געפֿרעגט, ווייל איך האָב נישט געקאָנט נישט־פֿרעגן. דערויף האָט דער טאַטע עפּעס אַרויסגעבורמט אונטער דער נאָז און אין דעם געעפֿענטן פֿענסטער באַהאַלטן דאָס פּנים. דרויסן איז געווען פֿון־דאָס־ניי אַ זומער מיט אַ ברייטן בלויען הימל, און פֿון אויבן, אַזוי ווי איבער'ן קאָפּ, האָט זיך דערטראָגן פֿון ערגעץ אַ הייס און קנאַקעדיק פֿויגל־געזאַנג.

דער טאַטע האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ פֿון פֿענסטער און אויך פּלוצלונג אַ זאָג געטהון:

— דו ביסט געראָטן אין דער מאַמען, ווי צוויי טראָפּן וואַסער...

און אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב עס נישט גוט פֿערשטאַנען, נאָר פֿאַר די אויגן האָט

מיר געשוועבט די מאַמע מיט דעם לענגלעך־בלאַסן געזיכט, מיט די בלויע שאָטנדיקע אויגן, אין עס האָט זיך געוואָלט זי חאַפּן פֿון דערלויפֿטן, אַזוי ווי דער דמיון מאָלט זי, און צוציִען צו זיך...

דעם זומער האָבן מיר געוווינט אויף אַ דאַטשע. אין אַ דערבײַאיִקן הויז מיט אַ רויטער וועראַנדע האָט געוווינט אײנע אַ דאַמע מיט ווײַסע שאָרכנדיקע קליידער און פֿאַרנאַכט פֿלעגט דער טאַטע שפּאַצירן מיט איר. טריט־בײַ־טריט פֿלעגט ער גיין, אַ הויכער, אַ ברייט־ביינער, מיט אַ שטרוי־היט און ווײַסע הויזן, נאָר עפּיס עלנטעס און שווײַגנדיקעס איז געלעגן אין זײַן פֿיגור.

און אַז ער פֿלעגט פֿאַרשווינדן אין וואַלד מיט איר, פֿלעג איך זיך זעצן נעבן שטוב אויפֿן גראָז, און אין לופֿטן, אַנטקעגן רויטן פֿאַרנאַכט־הימל, פֿלעגט זיך לאַנגזאַם וויגן פֿאַר מײַנע אויגן די מאַמע...

און דעם טאַטן האָב איך נישט ליב געהאַט מער. צווישן זיך האָבן מיר בײדע דאָס גאַנצע לעבן געשוויגן...

לייב נײַדוס.

אָריענטאַלישע מאָטיווען.

I

בײַם האַפען.

ווי ריזען, שטעהען נעבען ברעג די שיפען,
צום אָבשווימען אין ווײַטען לאַנד געגרייט.
דער ים איז העל און זוניג־בלוי געשליפען,
און זעגלען ווינגען, יום־טוב׳דיג צושפּרייט.

אין ווײַסע פאַלדען ברומט דער מאָרגען־אָטעם,
און אונגעדולדיג צאַפּלט דאָס געוואַנד,
און רײַסט זיך צו די ווײַטע ווילדע שְׁבָטִים,
און איז דעם דראַנג נישט אײַנהאַלטען אימשטאַנד.

ס׳וועט אויפשטײַגען פון וואַסער באַלד דער אַנקער
און זעגענען זיך רואיג מיט דעם ברעג;

אַ שוימען=פּאַס, אַ זילבערנער און שלאַנקער,
וועט מיטגעהן אין דעם אונענדליכען וועג.

און איך וועל בלייבען ווידער דאָ ביים האַפען,
בעגלייטענדיג דאָס שיף צום האָריזאָנט.
צום לאַנד פֿון זאַמד, פֿון אָבגעבּרענטע שקלאַפען,
צום לאַנד פֿון זון, וואָס איז פֿון=לאַנג מיר נאָהענט.

ווי פֿריהער, וועט די שטאָדט מיט רויך און אייזען
מיך איינרינגלען און דריקען מיט איהר לאַסט —
ביז ס'וועט אויפ'ס-ניי אין ווייטקייט זיך בעווייזען
ביים זונען=גלאַנץ דער דינער שפּיץ פֿון מאַסט.

כ'וועל לויפען אַ בעגרויסטער צו די ברעגען
און צופּאַלען מיט טרעהרען צו דעם שיף,
און איינזאַפּען דעם סוד פֿון מִדְבָּר=וועגען,
וואָס איז געהיים, ווי מיין פערלאַנג, און טיעף.

II

דאָס ליעד פֿון שקלאַף.

איך בין דער מַלְכָּה'ס טרייער דינער,
איך שיץ איהר רוהיגקייט און היט,
און ווי איהר זיידען=שלייף דער דינער,
געה איך איהר נאָכ'עט טריט=ביי=טריט.

מײַן הײמאַטס־לאַנד איז װײַט פֿון דאַנען,
און קײנעם אַרט נישט אין די נאַכט,
װאָס ערגעץ צװישען די פּלאַטאַנען
פֿערלירט אַ טרעהר דער שװאַרצער קנעכט.

כ׳בין קאַלט צום שלאָס פֿון ראָזער יאַשמע,
צום טראָהן פֿון גאָלדיגען בורסטין —
איך קוש מיט װײה די קלענסטע טאַשמע,
דעם קלענסטען באַנד פֿון קעניגין.

װען, מיט די איבעריגע טרעגער,
איך טראָג זי לאַנגזאַם אויף איהר בעט,
דאַן פֿיהלט זי נישט אויף איהר געלעגער,
װי צאַרט איך קוק, װי שטיל איך בעט.

זי עפֿענט אָפּטמאָל אויף די שפּאַלטען
פֿון פּיאָלעטען פֿאָרהאַנג־זײַד —
דאָך מוז איך שטום מײַן בליק בעהאַלטען,
און נישט דערצעהלען װי איך לײַד.

אַ דינער רֵיחַ פֿון באַלזאַמען,
פֿון בְּשָׂמִים זוניגע שלאָגט־אָב
מיט דופט פֿון פֿרויען־לײַב צוזאַמען
און נעבעלט שִׁכּור׳דיג מײַן קאָפּ.

די בלויזע אָרעמס אין בראַסלעטען,
און רינגען גאָלדענע אין נאָז —

נור איהרע אויגען, דוכט זיך שפּעטען,
און ס'טהוט מיט שטאָלץ פון זיי א בלאָז.

עס קומט די נאכט. איך ווייס, פון וואַנען
ס'קלינגט-אָב א ליידענשאַפטליך קום.
ב'ליעג ערגעץ צווישען די פלאַטאַנען
און שיק מיין קללה און מיין גרוס.

י. מאַסטבוים.

אַ חלום פון פּערעלע׳ס יאָהרען.

(אַ פּאָעמע).

I

די צויבערין.

אַז פּערעלע איז געקומען אין זיעבעצעהנטען יאָהר, האָט זי ביסלעכווייז אויפגעשיינט ווי די זון דורך אַ פריהלינגס־וואָלקען, דאַן ווען די ערד איז שוין געניג רייף צום שפּראָצען. זי האָט שטיל געשמייכעלט און נאָך שטילער איהרע ליעבעס־טרעהרען בעהאַלטען. זי איז פריה שלאָפען געגאַנגען און פריה אויפגעשטאַנען. אין דער פריה האָט זי געשאָנקען אַ מילדען בליק אין דער זון אַריין: „ווי שען ביסטו אויפגעגאַנגען!“ פאַרנאַכט: „ווי שען ביסטו פערגאַנגען!“ זי האָט פערמאָגט אַ זעהר אויסגערעכענטען טריט, וואָס פלעגט זיך אָבשטעלען ביי אַ פאַרקאַן, ביי אַ ברונען און אין דער מיט גאַס. געדאַכט האָט זיך איהר, אַז זי זעהט עפּיס, חאָטש איהרע גרויסע פערוואונדערטע אויגען האָבען נישט געוואוסט, וואָס זיי זעהען; געדאַכט האָט זיך איהר, אַז זי הערט עפּיס, חאָטש איהרע אויערען האָבען נישט פערנומען, וואָס זיי הערען.

זי פלעגט וועש ניידען, צירעווען מיט קאָליִרטען באַוועל, רייסען בלומלעך אָדער גאָר זיצען מיט די אויגען פערטיעפט אין וואַסער, ווי זי וואָלט עפּיס אַ ליעב הימעלס-בעשעפעניש זוכען, טיילמאָל פלעגען זיך אין איהר פער'גנב'ענען אַזעלכע טענער: ווייסטו, פערל, אָט די צוויי שטערן, וואָס קוקען אַרויס פון וואַסער, ביי וועלכען דו שטעהסט, — דאָס זענען דיינע אויגען, און דאָס צופלאָסענקייט פון די האָר, וואָס זעהט אויס אין וואַסער ווי עפּיס אַ הימליש געוויקס — דאָס זענען דאָך דיינע האָר. און אויב ס'איז ריכטיג אַלץ ווי ס'איז, טאָ פאַרוואָס זאָלסטו עס נישט בעווייזען דורך אַ האַלבע טהיר אָדער דורך די צווייגען פון אַ גאָרטען, און דיך זאָל גאָר נישט קימערען, ווער דיך זעהן וועט: אַ בעטלער מיט אַ טאָרבע אויף אַ זייט, אַ הענדלער מיט אַ פּאַק אין האַנד, אָדער אַ רויבער מיט אַ מעסער. אויב די זון האָט זיך היינט בעוויזען — ס'ערשטע, זאָל זי זעהן דיין געשטאַלט; די לבנה — אָנבליקען פריהער דיין געשטאַלט. — דען ביי דיר איז פאַרהאַן רויזע באַקען, פרישע האָר און אַ שמייכעלע אויף די ליפּען.

ביי דיר איז פאַרהאַן רויזע באַקען, וואָס זייער פאַרב איז אַזוי יוגענדס-פערגעסליך ווי די נעכטיגע שטראַהלען אויפ'ן היינטיגען הימעל און אַזוי נישט געדענקליך אויף מאָרגען ווי די היינטיגע שטראָמען אויף די מאָרגענדיגע וואַסערן. און פערגעס, אַז רויזע באַקען וועלקען פון טרעהרען ווי אַ בלאַט פון פערשפּעטיגטען רעגען; און פערגעס, אַז רויזע באַקען, ענהליך צו ערד-פערגעסענע בלומען, לאָזען זיך אַראָב דאָרט אַהין צו די שוואַרצע זאַמדען מיט די גרינע ווערים. ביי דיר איז פאַרהאַן רויזע באַקען, וואָס זעהען בליהענד אין זייער פריהלינג ווי ערשטע קוים-קוים בעמערקבאַרע בלומענרויטקייט, און וועלקענד אין הערבסט ווי די בלום, וואָס די הערבסט-זון האָט זי שוין לאַנג-לאַנג דורכגעברענט, דורכגעברענט און צו די פיס פון אייגענעם בלומענשטרויס געוואָרפען. טאָ זאָלען וואָס שנעלער אויפקימען אויפ'ן הימעל פון דיין לעבענס-שייקזאַל יענע שטערן, וואָס האָבען נאָך נישט דיינע אויגען געזעהן און קענען שוין דעם בליק פון זיי; וואָס האָבען נאָך נישט דיינע רייד געהערט און קענען דעם קלאַנג פון זיי; וואָס האָבען נאָך נישט דיינע באַקען בעמערקט און קענען די פאַרב פון זיי. אַזעלכע ווערטער האָט פערעלע איינמאָל פריהלינגס-צייט געשעפּטשעט צו זיך אַליין, ווערטער, וואָס קימען עפּיס ווי פון אַ פרעמדער וועלט.

אין דרויסען איז נאָך אָנהויב פריהלינג געוועזען. איהר האָט זיך געדוכט, אַז זומער איז היינט. די ערשטע געוואוקס־שפּורען האָבען זיך ניר־וואָס בעוויזען. אויסגעדוכט האָט זיך איהר, אַז דאָס האָבען, שוין די צייטיגע בלומען לאַנג־לאַנג די מיילעכלעך געעפענט.

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען אַרום פּערעלעס קאָפּ האָבען געשוועבט ווינטלעך פון בלומען־דופט אין שטערן־שיין, איז נעבען איהר פאַרביי אַנ׳אַלטע בעקאַנטע. דאָס איז געוועזען די צויבערין פון דאָרף, די, וואָס פּערעלע פרעגט שטענדיג, צי אין איהר לעבען וועלען קיין וואונדער געשעהן. זי האָט די האַנד אויף איהר אַ לעג אַוועק געטהין און געזאָגט:

— אין די בלישטשענדיגע פייערלעך פון דיינע אויגען און אין די שמייכלען פון דיינע ליפּען לייען איך, אַז פון איצט אָן וועלען אין דיין לעבען וואונדער געשעהן. צוערשט וועט דיין אויער פון ערגעץ דערהערען עפּיס אַ פערצויבערטע פאַסטוך־שטים, שפּעטער ווידער אַ שטים ווי פון אַ וואַנדערער, דערנאָך ווידער אַ פאַסטוך־שטים און ווידער ווי פון אַ דורכגעהער און אַזוי אָהן אַן עק ווי אַ ראָר אַ לויפּעדיגס. נאָר מיין נישט, אַז דאָ איז עפּיס אַנדערש ווי די בייזע קראַפט פון מאַן. אַלץ איז דאָ מאַן, די פאַסטוך־שטים — מאַן. די שטים פון דורכגעהער — מאַן. הער זשע: זאָל פון איצט אָן אין דיין לעבען וואונדער געשעהן; זאָל ערגעץ־וואו פאַר דיר אַ שטערן אויפגעהן און אַ שטערן פערגעהן אַ מעסער מיט׳ן שפּיץ צו דר׳ערד פאַלען און אַ מעסער זיך איבערדרעהען. אַ ווינד בלאָזט אַרעגען וועט געהן, ס׳וועלען די נאַכט וואונדער געשעהן! — אַזוי האָט די צויבערין געזאָגט, אַמאָל פערטאַיענדיג דעם אָטעם אין זיך, אַמאָל הויך — און פערשוואונדען אויף לאַנגע־לאַנגע יאָהרען!

———

II

וואו ביסטו, פּערעלע?

פרעהליכע צייטען קומען אָן איבער פּערעלע׳ס הימעל. זי זיצט צווישען איהרע וואַזאָן־בלומען, שפּאַצירט אין גאָרטען, ניהט ווייסע העמדער, צייכענט מיט באַוועל אָדער גיסט מיט אונבעוואוסטע טרערען. אָדער פערלעגט די הענד און לעבט אין ערוואַרטונג, און די ערוואַרטונגס־טעג זענען עפּיס אַזעלכע געהיימ-

ניס־פולע ווי א פריהמאָרגען, אין וועלכען ס׳דאַרף פערגעניגענ־
דע פערברעכענס געשעהן. זי זיצט אזוי אין דער ט׳עפּסטער פער־
טראכטונג, צוהערענדיג זיך צום האַסטיגען האַרץ־קלאַפּען, וואָס
שלאָגט מיט א שנעלקייט פון א פויגעלע, וועלכעס האָט דאָס
ערשטע פריהלינגס־ווינטעל דירשפירט, און פלוצלונג פאַר די
אויגען הויבט אָן שוועבען עפּיס אַזעלכעס, וואָס מ׳האָט עס נאָך
נישט געזעהן, און אין די אויערן — א קלינגעריי אין רוישעריי, ווי
ערגעץ וואָלט א פאַסטוכל געקלונגען און געבייפט:

— וואו ביסטו, פערעלע?

דאָס פנים שיינט אויף פון פערגעניגעניס־זיסקייט, די הענד
לאָזען זיך אהנמעכטיג אַראָב ווי ביי א כלה, וואָס האָט שוין איהר
רויטע חופה דערזעהן. און אין די אויערן א וואונדערליך קלינ־
גערייי און רוישערייי:

— וואו ביסטו, פערעלע?

זי בלייבט שטעהן, ווי א פער׳שכורטער, וואָס האָט דעם
וועג פערלוירען, איהרע הענד ציהען זיך געגומען צו ווערען, איהר
שטים צוגיסט זיך ווי עפּיס א נאַכטיגאַל־געזאַנג אין א פריהמאָרגען,
נור פאַר איינציגע פריינד געהערט צו ווערען:

— וואו ביסטו? וואו ביסטו?

— וואו ביסטו מיט׳ן לויטערן מיידעל־בלישטש פון די אויגען,
וואָס זענען אזוי שטראַהלען־קנאַלענד ווי די שטערן אין טונקעל־
בלויען הימעל אין פריהלינג מיט דיין נאָך נישט פון תאוה
צורייצטער מיידעל־שטים, וואָס איז אזוי קלענגענפול ווי מלאכים־
שפראַך אין מענשליכע אויערן.

מיט׳ן צושאָטענקייט פון דיינע האָר אין די שטילע שמע־
קעדיגע פאַרנאַכטען אין הויפטיגען קעפּער־ריח ביים בלומענאויפ־
שטאַנד אין־דער־פריה, מיט׳ן בלישטש פון דיין ציערונג צוזאַמען
מיט׳ן בלישטש פון די צייהן.

וואו ביסטו מיט יענע פלוצלינג־אויפשיינענדע־בליקען, ווען
עפּיס געהיים־וואונדערליכעס געשעהט אין דיין לעבען און מיט
דיינע אויגען קוישען דאַן, ווען צופאַלס־דונערען דעשלאָגען דיך
מיט דיין שיקזאַל?

— וואו ביסטו? וואו ביסטו?

III

אַ דורכגעהער.

אַליך, וועגען וואָס פערעלע טרוימט, הויבט אָן געשעהן. זי טרוימט פון קלאָרע וואַסערן, וואָס זאָלען פון דער זין דערוואַרימט ווערען, פון ווייטע שטימען, וואָס זאָלען דערהערט ווערען, און פון אַזעלכע געזאַנגען, וואָס זאָלען אָפּקלינגען ביי עפּיס אַ שכן אָדער דורכגעהער.

איהר ברוסט ברויזט מיט עפּיס אַזעלכע פערבעהאַלטענע פערגעניגענס פון געניסען און צושטערען, פון ליעבען און פערגעסען, און דורך איהר געדאַנק רייסט זיך דורך עפּיס אַ מין וואונדערליכע פראַגע:

ווער איז דאָס פאַסטוכ׳ל, אַ קליינס צי אַ גרויס? אַ איבינג־זינגענדיגס? אָדער אַזעלכעס, וואָס וויינט און מאַכט וויינען אַנדערע? קומט עס נור אין די יונגערע יאָהרען און אין די עלטערע יאָהרען שטאַרבט אָב דאָס פאַסטוכ׳ל צוזאַמען מיט׳ן ליעד? אָדער לעבט עס פון דער צייט, וואָס דאָס אויער הערט ביז דאָס געהער געהט אויס? נאָר פאַר פערעלע׳ן איז איצט ווייניג, וואָס ערגעץ־וואו האָט עפּיס אַ שטים אָנגעקלונגען; אַצינד וויל זי זעהן, זעהן עפּיס אַ פאַרבייגעהער מיט אַ וואַרימען גוט־מאָרגען און מיט אַ הייסען האַנד־דרוק, אַ פאַרבייגעהער מיט שעפּטשענדע ליפּען און מיט פאַלענדע קניעהען: „דאָס בין איך געקומען צו דיר, דאָס בין איך פאַר דיר, דאָס בין איך פאַר דיר!“ איינמאָל אין האַלבען טאָג פון איהר לעבען האָט פערעלע אין זיך דערשפּירט אַ שטאַרקייט אין די גלידער. דאָס איז נישט געוועזען יענע שטאַרקייט, וואָס וועקט צו רוה; דאָס איז געוועזען אַ ברויזענדע שטאַרקייט, אַ איבערפלוס פון כוחות, וואָס וועקט צו געשריי און געזאַנג. זי האָט פּלוצלונג איהרע פויסטען צום הימעל געוואָרפען און געזונגען מיט ליעבע־שכרות פון פערגעסליכקייט. זי האָט געזונגען פון איהרע גוטע טעג אין פיין, איהרע גוטע אָוענ־טען, פון איהר געהיימניספולען צויבער און פערבעהאַלטענעם גליק. פּלוצלונג האָט זי דערזעהן נעבען איהר פענסטער אַ פאַרבייגעהער, וואָס האָט אַזוי געזאָגט:

— דיין געזאַנג, וואָס קלינגט ווי דאָס עכאָ פון פריהלינגס־פויגעל דאָרט ווייט אין וואַלד, האָב איך אויסגעהערט, מיין פריינד.

איך קאן דעם אנפאנג פון דיין ליעד און דעם סוף, דו אבער דארפסט נישט פרעגען, ווער איך בין און ווען מיין ליעד האט זיך אנגעפאנגען, דו, ליעבענדע, וואס דו ביסט אזוי צום דערקענען אין דיין בליהען, ווי די בלום אין אלע איהרע שטופען פון וואקסען און וועלקען; ביסט צו אונזעהבאר צו וויסען, ווען ס'פאנגט זיך אן די ערשטע בליהונג פון בוים און ווען — זיין סוף.

„איך בין דאס שטילע פאסטוך־ליעדעל אין דיינע מיידעליאהרען און אין די פרויען־יאהרען — דער בעפעהלענדער מאן.

איך בין דער, וועגען וועלכען דו האסט געטרוימט אין דיין זינדיגער שטילקייט, און נישט פרעג, וואס וועל איך ברענגען מיט זיך, — געבורטס־וועהען, ווייבליכע איינזאמקייט, פרייד אדער טרויער פון קינדער? און נישט פרעג, וויפיעל טעג ביי אונז וועלען זיין גוטע און שלעכטע, וויפיעל שטערען אויפגעהענדע און וויפיעל פערגעהענדע, דען איך בין דער ליעבענדער, וואס איז געקומען מיטוויינען מיט דיין איינזאמקייט, מיטפרעהען מיט דיין פרעהליכקייט און מיטשטארבען מיט דיין טויט.

אזוי האט דער דורכגעהער געזאגט, איבערלאזענדיג אויף איהרע ליפען עטליכע מורמעלדיגע קושען און — פערשוואנדען אויף לאנגע־לאנגע יאהרען.

IV.

דאס הייראטס־ליעד.

חע־חע! וואסער פריהמארגען האט היינט אריינגעשיינט אין מיין פענסטער? — פינקט א שטייגער ווי עמיץ פון די המלישע וואלט די נאכט דארט אויבען א חופה געשטעלט און די פייערן פון דער חופה וואלטען זיין אזוי גרויס, אז ס'האט אזש אריינגעדרונגען אין מיין פענסטערל די נאכט. וועלען באלד איבער'ן הימעל קיין מחנות פויגעל נישט פליהען? וועלען זיך נישט בעווייזען קיין ווייסע טויבען איבער מיין פענסטער? און צי וועלען נישט שוועבען קיין פער'כשופ'טע ווינטלעך איבער מיין קאפ?

עך, מיידען, מיידען! ווי אייערע הענד זענען פיל און די אויגען שלעפעריג! קאנט איהר פאראוים נישט זאגען, וואסער זיסער שלאף מיך וועט ארומחאפען די נאכט? וועל איך בלייבען דאס איבוג־צוביבערענדע מיידעל אדער שטענדיג שוואנגערע פרוי? וועט

איהר נאך, מיידלעך — פריינדינס, פערברענגען מיט מיר אין יענע פערשעמונגס-שמועסען? אדער איהר וועט זיך אבקעהרען פון מיר און קיינמאל נישט שמועסען?

אוי, כלי-זמרימלעך, כלי-זמרימלעך! ווי אייערע אינסטרומענטען — שלעכט, און די הענד שפיעללאז! קאנט איהר פאראויס נישט זאגען, וואס פאר א לעבענס-ליעדעל איהר וועט אויסשפיעלען די נאכט? וועל איך נאך בלייבען דאס אייביג פאר אלע צוויבערענדע מיידעל אדער איינמאל אויף שטענדיג פאר איינעם שוואנגערע פרוי? וועלען מיינע טאטע-מאמע בלייבען אייביג חופה-בענטשענדע אדער גאר אין דער שטילקייט פון הארץ טראגען קנאה-פייערלעך אויף מיר? וועל איך געניסען וואסער פון קלארען פריה-מארגענס-קוואל, אדער מיינע ליפען וועלען צוגעהאקט ווערען און קיינמאל נישט טרינקען? וועל איך נאך ווי א שטיפעריש קינד לויפען צו די וואסערן, דאס קלארקייט פון מיינע אויגען זעהען, אדער ווי א איינזאמע מוטער מיט בלינדע אויגען פערוויעגען דאס נייגעבוירענע, און זיך, די איגענע שיין, קיינמאל נישט זעהען?

אך! די הענד אהנמעכטיג, די אויגען שלעפעריג,—און אין די אויערן — א גערויש, פונקט ווי ערגעץ וואלט עפיס א געשלעג פארקומען! טראגען זיך נישט קיין שלעכטע ווינדטען אבער מיין קאפ? איז אמאל קיין שטערען פון הימעל נישט צו דר'ערד געפאלען? פויקט עמיץ נישט פאר'ן טויט פון וועלכען ליעבעס-געפאלענעם? אדער גאר דאס וויינען ערגעץ קינדער אויפ'ן שטערן פון זייער לעבענס-שיקזאל?

אך! דעם וויין אהער! און די ליכט לעשט אויס! און ס'חופה-קלייד אוועק, ווייל אט-אט נאך איין מינוט — דער טרומייט הערט אויף, דער טרומייט הערט אויף!

מיט די געדאנקען האט פערעלע איינמאל אין איהר חופה-נאכט איהרע מיידעל-יאהרען בעגלייט. זי איז געזעסען מיט האלב-פערמאכטע אויגען, און פאר איהרע אויערן האט זיך געוועבט דאס קלינגען פון וויין-גלעזלעך צוזאמען מיט'ן פריהלינגס-עכא פ'ן פעלד-געזאנג — עס האט גערוישט אין איהר — פון וויין-זיסקייט, און די ליפען האבען געשעפטשעט עפיס אינבעוואוסטעס, און בעוואוסטעס, וואס ציהט אוועק ערגעץ צו ווייטער ערד, אין ווייסע תכריכים צווישען ווייסע געשטאלטען. נאר דא איז צו הילף געקומען די צויבערין מיט איהר רייך-געלעכטעל און ווייזען כלימעל אין מויל: „היי, נארישע מויד, נאך וואס טראכטען פון לע-

בעט אין פון טויט? האסטו א בלימעל א וואוילס — דעם היפש דערפון טרינק אויס און דעם גיפט פון דער שלאנג צוהיליע, גיין אויס, און איז דאס בעקעל רויט — פערמאך אנ׳אויג און שלאף דיך אויס!״

די צויבערין האט מיט דער האנד א מאך געגעבען, איהר פערפיהרעריש געלעכטער געטהון, עמיץ האט פערעלע׳ן צו דער חופה א שלעפ געטהון, און אויער עפיס א זאג געגעבען:

— וואס איז געשעהן? וואס איז געשעהן?

III

וואנדערונג.

אין א פארנאכט, ווען די שטוב איז נישט געווען צוגערוימט, און עפיס א געלע שיין פון דער זון האט פויל דורכגעקוקט דורכ׳ן געדיכטען צוין פון פארהאנג, האט פערעלע דערשפירט א מיד־קייט און שלאפלאזיגקייט אויף די ברעמען, זי האט באלד פער־טרויט איהר מאן:

— הערסטו, אין מיין פערלאנג איז פארהאן א ווילען צו מאכען א רייזע אין א ווייטען וועג אריין.

— אין א ווייטען וועג אריין? — האט דער מאן נישט צו־פריעדען געענטפערט — דער מאן, וואס וויל נור נעבען זיין פרוי טרייסט געפינען.

— געוויס, געוויס אין אזא לאנד, וואו פריהלינג איז אזוי אייביג, אז קיין רייד קאן קיינמאל נישט זיין פון קיין זומערדיגע היץ. פיהר מיך אהין, וואו אינשולדיגע פרויען פון דער נעכטיגער זון, זאלען זיך נישט פערשעמען פאר די יונגע פארבען פון היינטיגען הימעל, און שולדיגע פרויען פון נעכטיגען הימעל, זאלען זיך נישט שולדיג געפינען, פאר דער היינטיגער זון. נישט טראכט איצט וועגען מיינע ערשטע פרויען־לייַדען און פארמוטערליכע שאנד.

— פיהר מיך אהין!

אהין, וואו די יונגע בלומענקעפ פערמאגען אזוי פיעל זאפט אין זיך, אז זיי גיהט גארנישט דערין, צי ס׳וועט ערגין זייער יונגע רויטקייט דערזעהן, און וואו שטילע וואכען פערמאגען אזוי פיעל שפיגעלדיגע זויבערקייט, אז זיי גארען גאר נישט נאך קיין זון און לבנה; אהין, וואו ס׳צויבערט קיין מלאך שמייכעלט קיין

מיידעל און ס׳געבוירט נישט קיין פרוי; אַהין, וואו דאָס ערפאַהרענע קינד זאָל נישט קאָנען דערגעהן, פאַרוואָס האָבען זיך פלוצלונג מוטערליכע באַקען פערוויטעלט און פאַרוואָס פלוצלונג זייער בלאַסקייט דערשפירט.

— פיהר מיך אַהין, פיהר מיך אַהין!

מיט די געדאַנקען האָט פערעלע אויסגעשטרעקט אירע הענד צום מאַן, דאַן ווען פאַר אירע אויגען זענען געשטאַנען יענע שלאָפלאָזע נעכט, פיל מיט ווייבערשען לייכטזין, און עקעלהאַפטע חלומות, פון יענע טעג, ווען די זון אין הימעל זעהט אויס פאַר דער שוואַנגערער פרוי ווי עפּיס אַ אומגעלומפערט הימעלס־געשטאַלט איבערצושרעקען נייגעבוירענע. זי האָט געוואָלט אויפּס׳ניי זינגען און קיין ליעד נישט געפונען, איהר שיקזאַל־שטערן זעהען און קיין ליכט פאַר די אויגען נישט געהאַט, איהר צויבער און חן בעווייזען, נאָר אַנשטאָט דעם וועבען זיך איבער די באַקען עפּיס אַזעלכע פוילע געניצען, עפּיס אַזאַ מין קיקען אויף דער אומרוה פון זייגער אין אַ שטים, וואָס רופט אונאויפהערליך: פערשווינד! פערשווינד!

VI

דאָס פאָרמוטערליכע געבעט.

אַך! וואָס פאַר אַ שטילגעהענדע טעג, ווי קיין זאַך וואָלט זיך נישט רייסען צום געבורט, ווי עפּיס ערגעץ וואָלט אַ טיר צום טויט געפאַלען, און דער לעצטער טויט־געשריי וואָלט זיין אַזוי שרעקבאַר, אַז קיין זאַך רייסט זיך נישט צום וואוקס, דאָך אין מיר שפּיר איך עפּיס אויפוואַכונג פון עפּיס, וואָס וועט זיין אַזי נאָהענט פון מיר ווי אַ קינד פון דער ברוסט, אַזי ווייט ווי אַ מענש פון אַ חלום. מיר איז נישט בעוואוסט, וואָס די זאַך וועט מיר ברענגען, גרויסע מוטערליכע פרייד אָדער ליידען — בעט איך דיך, גאָט, אַז מיין קינד זאָל נישט ווייט זיין פון קיין מענש און נישט נאָהענט זיין פון גאָט, פיהר עס אין וועג פון זיידעס און עלטער־זיידעס און די הויפּטזאַך — נישט פיהר מיין קינד צו קיין ברונען ביינאַכט! דאַן שפּעט ביינאַכט, ווען די אָפּענע קינדער־אויגען זוכען אין־דער־פינסטער וואַכער־טיעפקייט עפּיס אַ שיין פון זייער שטערן, איז פאַרהאַן ביי מיר פורכט, טאָמער פערגעסט עס

אין פאטערליכען און אין מוטערליכען; טאמער פערגעסט עס, אז דארט, הינטען, אין דער וועלט פון זיידעס און עלטער־זיידעס, געוועלטיגט נאך עפיס אזוינס, וואס פערבינדט מיט'ן פאטערליכען און מוטערליכען.

בעט איך דיך, גאט, נישט ברענג פאר די אויגען ציפיעל פינסטערניש, כדי דער ווילען צום ליכט זאל עס נישט דורכנעהמען, און נישט צופיעל בלענדענדען שיין, אז די אויגען זאלען נישט פון מידקייט פערפינסטערט ווערען. פיהר עס אין געוועהנליכען וועג, פון מיטעלען רעגען אין מיטעלען געוואוקס, פון מיטעלען זאמען־פערזייהען אין מיטעלען שניט.

— נישט פיהר מיין קינד צו קיין ברונען ביינאכט!

דאן שפעט ביינאכט, ווען דאס קריאת־שמע־געלייענטע מיידעלע האט זיך אין דער טיעפער פינסטערניש פערטראכט, איז שוין פארהאן יענער לוסטיגער מיידעל־קוויטש פון פריה־מארגען־לעבען, און יענער צויבערדער געלעכטער פון האלבען טאג.

פיהר־זשע עס אין געוועהנליכען וועג, פון מיטעלען רעגען אין מיטעלען געוואוקס, פון מיטעלען זאמען־פערזייהען אין מיטעלען שניט.

אזוי האט פערעלע איינמאל געטראכט אין א פארנאכט, ווען פון הינטערן פענסטער איז אנגעקומען א פישטש פון א איינזאם פויגעלע, וואס איז פערלוירען געגאנגען אין שטוב ווי עפיס א קוויטש פון א איינזאם קינד. פערעלע גרייט צו ווייסע ווינדלען, ציערעוועט וועש, אדער טראכט פון ניי־וואס צונויפגעשלאגענע וויעגען.

— חא־חא, ווי איך האב זיך היינט פערטראכט, ווי איך האב זיך היינט פערטראכט!

VII

ווען די פרוי איז אין פערלעגענהייט.

ניין, כ'וועל מעהר נישט! ווערט פערשאלטען איהר פערבעהאלטענע שמייכעלעך און איהר צויבערענדע וויגטען, וואס שאפען די שמייכלען! זאל דאס ערשטע וואהנזיניגע טיר לויפען צו פערצוקונג דורך אייך. און דו, מיטליידענדער מאן, ביי מיין צוקאפענס — אומזיסט! אומזיסט פאלען איצט דיינע מיטליידס־בליקען אויף מיר, זיי מיינען דאך שוין צו וועקען דעם קינפטיגען צויבער; אומזיסט

בײַטען זיך אַזוי דײַנע פערצװײַפלונגס-בליקען; זײ װילען דאָך אַרויסרופען דעם קינפטיגען שמײכעל.

— כ'װעל מעהר ניט!

כ'װעל מעהר ניט זינגען װי קײן פויגעל, טרוימען װי קײן קינד און צויבערן װי קײן מלאך; כ'װעל מעהר ניט פרעגען מײַן שיקזאַל, װאָס פאַר אַ טאָג ס'װעלען קומען אויף מײַן הימעל, װאָס פאַר אַ געסט, װאָס פאַר אַ גוטע דורכגײער.

כ'װעל מעהר ניט טאַנצען נאָך קײן ליעד, זינגען נאָך קײן שטורם און װײנען נאָך קײן זון.

כ'װעל מעהר ניט פרעגען מײַן שיקזאַל אויף װאָסערע װעגען מײַנע פיס װעלען געהן, שטרויכלענדיג און װי דער ריכטיגען װעג צו געפינען.

פערעלע'ס ליפען האָבען געמורמעלט אײנמאָל אין אַ געבורטס-נאַכט, — דאָס זענען איהרע פערלעגענהײטס-מינוטען געװעזען!

VIII

שלאָף מײַן קינד.

אין דאָך האָב איך מיר דערױף ניט געריכט, ס'איז אַ געשטאַלט, ס'איז אַ אױגען! שלאָף-זשע, שלאָף-זשע, מײַן קינד! אין דרױסען איז איצט װינטיג און שנײאיג; זאָלען גוטע חלומות קומען אויף דײַן קאָפּ, און זעהן זאָלסטו דײַן מאַמען. זאָלען גוטע חלומות קומען אויף דײַן קאָפּ, נאָר ניט קײן בעסערע װי בײַ דײַן מאַמען. מיט נאָהענטע זאַכען זאָלסט זיך בעגעגענען, עלטער װערען, קינד מײַנס, װינש איך דיר הימלישע שענהײט, נאָר מײַן שטילער פערלאַנג איז, אַז זי זאָל ניט הימלישער זײַן װי דער מאַמעס, װעלט-קלוגשאַפט, נאָר ניט קליגער װי די מאַמע. דו זאָלסט פערמאָגען די גאַנצע װעלט װיסען, נאָר דו זאָלסט ניט װיכען פון דער שטילער זינדיגקײט דײַן מאַמעס.

אַז דו װעסט עלטער װערען און אין דײַן פערשטאַנד װעלען אָנקלינגען די רײד דײַן מאַמעס, זאָלסטו נור שפּירען די פערבײטערונגס-טרעהרען, אָבער ניט די בערשעמטע זינד דער מאַמעס. שלאָף-זשע, שלאָף-זשע, מײַן קינד. אין דרױסען איז איצט װינטיג און שנײאיג, זאָלען גוטע געדאַנקען קומען אויף דײַן קאָפּ, זעהן זאָלסטו דײַן מאַמען.

XI

איינמאל אין א פריהמארגען.

אין א קלארען הערבסט־פריהמארגען, ווען די זומערדיגע זון שיקט איהרע לעצטע זעגען־שטראהלען דער ערד, האט זיך פערעלע צוריק דערזעהן אין וואסער א פרעהליכע ווי אין 17־טען יאהר פון איהר לעבען. דער מאן איז אין שטוב נישטא, קינדער לויפען ארום אין דרויסען, ווער ווייס — אפשר זוכען זיי דעם ברונען, די שטערן אדער גאר דאס האט שוין א פאסטוך־שטים אנגעקלונגען אין זייערע אויערן?

אין שטוב איז קיינער נישטא און אין די אויערן רייסט זיך נאך אב דער לעצטער פאלשער קלאנג פון קושען, וואס זי האט היינט דעם מאן געגעבען, די לעצטע איינטעניגע שטראף־רייד, וואס זי האט די קינדער איבערגעלאזט.

אין שטוב איז קיינער נישטא, פערגעסען שוין לאנג די שמועסען פון געבוירען און פערלוירען, פון בעטען אויף ניי־געבוירענע און וויגען, און זי שפירט אין זיך איצט עפיס א מין ערוואכען פון כחות, עפיס א מין ווילען ביים שפיגעל שטעהן און פערשעמט ווערען און עפיס א פערלאנג אוועקצווארפען וואס און אנטלויפען ווייט־ווייט ווי א מלחמה־מענש פון שלאכט, און איהרע אויערן האט זיך איצט געטראגען א שטראם פון שטימען—ניין! דאס זענען נישט געוועזען יענע בעדויערענדע שטימען אויף די פיעל פאלשע ליעבעס, וואס מ'האט אין לעבען געהאט, אויף די פאלשע טרעהרען און פאלשע קושען, וואס מ'האט אין לעבען געגעבען; דאס זענען געוועזען שטימען ווילדע, נאך צויבער און פעררעט דורשטיגע:

— וואו ביסטו, פערעלע?

וואו ביסטו, פערעלע, מיט דיינע ערשטע מינוטען פון לייכטזין און פעררעט, מיט דיין שנעל ברגז ווערען און פלוצלינג גוט ווערען, מיט'ן שמעקעדיגקייט פון דיין האלז און געזונדטקייט פון דיינע האר, מיט'ן ווייסקייט פון דיינע צייהן און בלויקייט פון דיינע אויגען?

— פערגעס, פערגעס, פערעלע!

פערגעס אין דיינע ווייבליכע פליכטען און אין די מוטערליכע

שטראָף-רייד, אין די איביגע גליק-וואונשען פון דער חופּה און אין די געניס-מינוטען פון דיין הייראַט.

— וואו ביסטו, פערעלע? פערגעס, פערעלע!

X

ס'געהט — זאָל עס געהן.

מאָדנע טעג קומען אָן איבער פערעלע'ס הימעל. זי בענקט און געבוירט, בענקט און געבוירט, און פון בענקען און געבוירען בלייבט זי שטעהן מיט איהרע ענטטוישטע בליקען ווי אַ בוים, וואָס קאָן זיך נישט וועהרען קעגען זיין פּלוצלונגען בלעטער-פאַלען. פאַמעליכעל-פאַמעליכעל הויבט אָן שוואַך ווערען אין איהרע אויערן די פאַסטוך-שטימען פון איהרע מיידעל-יאָהרען. אין די צויבער-פערלאַנגען פון איהרע פרויען-יאָהרען. פאַמעליכעל טרעט אָב די זון פון פענסטער און די לבנה בעזילבערט שוין איהר פאָרהאַנג נישט, נאָר אין האַרצען פרעסט נאָך איין געדאַנק:

אמת טאַקי, אַז מיך האָט שוין דער ליעבעס-בליק פון וואַנדערער לאַנג פערלאָזט, נאָר איך וויל נישט פערלאָזען דאָס, וואָס בעצויבערט מיך פאַר זיך אַליין.

איך וועל נישט פערלאָזען דעם זינגען גלאַנץ פון שפּיגעל, וואָס צערטעלט מיך פאַר זיך אַליין, און נישט די בלום אויף מיין ברוסט, וואָס דערמאָהנט מיט איהר פאַרבען-פרישקייט אין מיר אַליין.

איך וועל נישט פערלאָזען פון מיינע באַקען יענע לעבהאַפטע שמייכלען, וואָס לייקענען פאַר מיר, און דעם קראַנקען קערפּער-וועלקען, און נישט דעם געלעכטער, וואָס בעווייזט מיט זיין פרייד-אויסשאָס, אַז דאָרט אין דער ברוסט-טיעפקייט איז נאָך גענוג מיידעל-לוסט פאַרהאַן.

איך וועל נישט פערוואַרפען די קאַם פון מיינע האָר, און דאָס ציערונג פון מיין האַלז.

איך וועל פאַר זיך, פאַר'ן איינענעם פערגעניגען נישט פערדעקען דעם בלישטש פון מיין צייהן-ווייסקייט, און נישט פערבאָרגען דעם רונד-בליק פון מיינע אויגען.

אַזוי האָט זיך פערעלע געטראַכט אין אָנפאַנג פון איהרע הערבסט-יאָהרען. דאַן ווען פון איהר האָט זיך דערווייטערט דאָס

וואונדערליכע און צויבערענדע פאר פרעמדע. און חאטש אין דרויסען האט שוין די צולעצט-זומערדיגע זון געשיינט, נאר איהר האט זיך אויסגעדוכט, אז פריהלינג איז היינט. טריבע טרעהרען פון די סוף-זומערדיגע יאהרען זענען אין איהרע אויגען געשטאנען, נאר איהר האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס זענען די טוי-טראפען פון די ערשטע פריהלינגס-טעג.

איינמאל שפעט ביינאכט האט פערעל'ען ארומגעחאפט א שלאף. דאס איז געוועזען א שלאף, וואס בעפאלט נאך א מאנאטאנעם זייגער-קלאנג, אין ווינט און שניי אין דרויסען. א שלאף, אין וועלכען עס קלינגען געשטארבענע טענער פון פידלען, וואס האבען אמאל אויף דיין חתונה געשפיעלט, פון ווין-גלעזער, וואס האבען אויף דיינע שמחות זיך געשוימט; א שלאף א פערצווייפעלטער און א געשפענסטליכער. פלוצלונג האט זיך איהר אויסגעדוכט, אז עמיץ רוקט זיך נאהענט צו איהר.

נאכ'ן אויסזעהן פון איהר פנים האט זי דערקענט, אז דאס איז די, וואס פלעגט אין די טרויריגסטע צייטען פון איהר לעבען מיט א שמייכעלע אויף איהרע ליפען קומען.

— און וואס איז דיין פערלאנג? — האט פערעלע שטאמלענדיג געפרעגט.

— מיין פערלאנג?

— אפשר האסטו צווישען דיינע צייהן א צויבער-בלומעל?

— ניין, — ענטפערט יענע.

— אפשר א בשורה אדער א גוט ווארט?

— ניין, — ענטפערט יענע.

— אפשר ביסטו געקומען עפיס א גוט שליחות אבטהאן?

— איך בין געקומען, — האט איהר שטום פערפיהרעריש געשמייכעלט — אנזאגען, אז אלץ מיט דיר איז געענדיגט. איך, וואנדערענדע צויבערין, וואס צינדט אן אייערע הערצער אין 17-18-טען יאהר פון אייער לעבען, קאן נור איבערלאזען מיינע חנ'דלעך אין אייך, דאן ווען די פארהאנגען פון אייער פענסטער רוקען זיך אוועק פאר פוס-געהער און וואנדערער; דאן, ווען אייער קערפער ווערט געצויגען צום שפיגעל פון טייך און אייער אויער צום געזאנג פון פאסטוכער; דאן, ווען אין אייך פלאקערט דאס פייער פון מענער-פערראט און קינד-פערלאזען. נאר קוים ווערט איהר קאלט דערפון, רויב איך אוועק דעם בלישטש פון די אויגען צוזאמען מיט'ן דורשטיגען פערלאנג נאך צירונג און גאלד, נעהם

איך אַוועק דעם שייַן פון פנים צוזאַמען מיט דעם זילבער־שייַן פון שפיגעל, רייס איך אַוועק די ליבעס־געזאַנגען פון איער צוזאַמען מיט די ליבעס־ווערטער פון מויל — און אַצינד, אָ, קינד, נישט געטראַכט, וואָס ליבע איז וואָס זינד, זאָל ערגעץ־וואו אַ פרוי געבוירען און אַ פרוי פערגעהן, אַ וויעג צונויפגעשטעלט ווערען און אַ וויעג זיך איבערדרעהען — אַ חלום האָט זיך אויסגעלאָזט, אַ שטערן וועט פערגעהן, ס'רעדעל געהט, זאָל עס געהן!

עפיס אַ מורמלעריי פון ווערטער האָט זיך געטראָגען צו פערעלע'ס אויערען. זי האָט געוואָלט עפיס רעדען און נישט געקאָנט, עפיס אָבהאַלטען — און נישט געקאָנט, עפיס נישט אַוועקגעבען און נישט געוואוסט, ווי אַזוי מ'גיט נישט אַוועק. און די שעה'ען פון זייגער האָבען זיך גערוקט מיט זייער קאַלטען ווייזער־גאַנג און מיט'ן מאָנאָטאָנעם מעטאַל־קלאַנג: אַ חלום האָט זיך אויסגעלאָזט, אַ שטערן וועט פערגעהן, ס'רעדעל געהט — זאָל עס געהן!

שׂרה רייזען.

דער ערשטער פריהלינגס-טאָג.

ס'האָט דער ערשטער פריהלינגס-טאָג
ליעב בעגריסט מיך היינט,
און האָט גלייך אַ פרעג געטהון
וועגען דיר, מיין פריינד.

און געוואונדערט האָט ער זיך,
וואָס דו ביסט נישטאָ, —
און געפרעגט, ווען קומסטו פאָרט
און אין וועלכער שָעה?

שוויַיג איך שטיל און רעד קיין וואָרט,
און דער פריהלינג וואַרט, —
ביז איך האָב איהם אויסגעזאָגט,
אַז דו האָסט גענאַרט...

וועַרט דער פריהלינג טרויעריג,
קושט די בוימער קאַלט, —

און אַ גרויער נעבעל קומט,
און בעדעקט דעם וואַלד.

און אַ שוואַרצער וואָלקען קומט
דעקט דעם הימעל צו...
אָ, מײַן פֿרײַנד, דער פֿריהלינג וויינט, —
וואָס גענאַרט האָסט דו!...

פֿאָלקס-ליעדער.

(פון פ. גראַובאַרד'ס זאַמלונגען).

✿

I.

אוי שלעכט, שלעכט האָט דאָך גישט קיין גרונד,
עס קען מיר שוין ערגער נישט זיין.
אַכט טאָג נאָך די חתונה אַ שטיקעל ברויט מיט זאַלץ צו עסען,
און מיט דיר צוזאַמען, צוזאַמען זיין!

די לבנה שיינט נאָך אַזוי שען,
אַזוי ווי דער מאָרגען-שטערן —
ווי קריג איך אַהער דאָס שענע פנים'ל,
בעגאָסען וואָלט איך עס מיט טרעהרען!

בעגאָסען וואָלט איך עס מיט טרעהרען,
וואָלט עס דאָך אַודאי געוואָרען נאַס...
און ווי אַנ'אומגליק צו מיר איז געקומען,
איך שעם מיך אַרויסצוגעהן אויף די גאַס!

און ווי אַנ'אומגליק צו מיר איז געקימען,
איך קען אויף דעם וואַסערל נישט שווימען;
דאָ געהט ער, דאָרט שטעהט ער פאַר מיינע אויגען —
איך קען צו איהם נישט קומען!

———

II

האַלבע נאַכט, עס שײַנט די לבנה,
יטעלע שטעהט בײַ די טהיר,
זי שטעהט און װײַנט, די הענט פערלעגט —
אַ װעהטאָג איז צו איהר...

טהוט זי זיך אָן אַ העמדעלע,
איז עס װײַס, װי קרײַד;
אַז זי דערמאָהנט זיך איהרע צרות,
פערשעלט זי זיך די צײַט.

טהוט זי זיך אָן אַ יאַקעלע,
איז עס רויט און בלאָה;
אַז זי דערמאָהנט זיך איהרע צרות,
פערשעלט זי זיך די שעה...

זי שטעהט, זי שטעהט, זי ברעכט די הענד,
עס עקט זיך איהר די װעלט —
איהר ליעבער חתן מאיר'לע
ליעגט אויפ'ן פרײַען פעלד!

ער ליעגט, ער ליעגט, ער איז שוין טויט —
ער זאָל זיך דאַרטען מיהען!
דאָס שענע פנים ליעגט אין דר'ערד,
די בלאָנדע לאָקען בליהען...

פון איהרע אויגען ריינען טרעהרען,
אַזוי װי אַ װאַסער פון קװאַלען;
גאָט האָט איהר אַ פּאַטש געגעבען
דער פּאַטש איז שוין פערפאַלען!

III

די ערשטע ליעבע איז גרונה פון הערצען,
די צווייטע ליעבע ברענט צו־היים...
ווי אומגליקליך איז דאס מיידעל,
וואס פון דער ליעבע ווייס!

וואס טויג מיר אזוי א מעסער,
וואס קיין ברויט שניידען קען?
וואס טויג מיר אזוי א ליעבע,
וואס קיין מענש גלויבען קען?

איך בין אמאל אין שטראסע געגאנגען,
איז מיין בעליעבטער פארביי געגאנגען;
ער גערט אדורך — ער גריסט מיך נישט,
איך גערע אדורך — ער דערקענט מיך נישט!

ער האלט אנ׳אפעל אין דער האנד,
גלאנגט ער מיר — נעהם איך נישט;
אזוי א ליעבע, ווי דו ביסט,
געפין איך גלייך אף דען מיסט!...

אז מען פערליעבט זיך אין א געמיינעם יונג —
אוי געוואלד, ס׳איז מיר שלאכט!
מענשען האבען מיך גענוג געווארענט,
איך זאל נישט גערהן ביי די נאכט.

כ׳האב נישט גערארכט מענשענס רייד,
כ׳בין געגאנגען פראנק און פריי...
אזוי ווי די ווייסעל גערט א קוואל,
אזוי זענען מיינע יאהרען שוין פארביי!

IV

— אַ קויל, אַ קויל, אַ פײַערדיגע קויל
זאָל די מאַמע דײַנע דערשיסען!
אוי, אַך, פאַרוואָס זי האָט דיך אָבגערעדט פון מיר,
זאָלסט ווערען מיט אַ צווייט מיידעלע אַ חתן!

— איך בין דאָך שוין מיט מזל אַ חתן!...
— איך ווינש דאָך דיר, עס זאָל דיר זײַן נור מיט גליק!
אוי, איך בין דאָך קיין כלה נישט געוואָרען —
דו קענסט דאָך נאָך אומקעהרען צו מיר קריק!...

שפּאַצירען זענען מיר ביידע געגאַנגען,
די אַלעקסאַנדער־גאַס איז געוועזען אונז צו־ברייט...
אוי, אַ וויסטען סוף זאָל די מאַמע דײַנע האָבען,
וואָס זי האָט אונז ביידע צושיידט!

צושיידט האָט זי דאָך אונז אַלע־ביידע,
אַזוי ווי אַ גוף מיט איין נשמה;
אוי, אַז מײַנע קאָלישאַנקעס*) וועלען זיך דאָס דערוויסען,
וועלען זיי אין מיר דערלעבען איין נקמה.

שפּאַצירען, דושקוניע, זענען מיר ביידע געגאַנגען,
דעם גלח׳ס גאַס איז געווען פאַר אונז צו־שמאָל...
אוי, אַ וויסטען סוף זאָל די מאַמע דײַנע האָבען,
אַז ליגען זאָל זי אין גוייִשען שפּיטאָל!

אין גוייִשען שפּיטאָל זאָל זי אַרײַנקומען,
קיין קרענק זאָל זי זיך נישט שפּירען!
אוי, וויפיעל דאָקטוירים עס געפינען זיך אין שפּיטאָל
קיין איינער זאָל זי נישט קענען אויסקורירען!

מײַן חתן האָט מיר געקויפט אַיין גאָלדענעם זייגער,
דער זייגער איז געווען מיט צוויי ווײַזער;
אוי, אַ וויסטען סוף זאָל די מאַמע דײַנע האָבען,
אַז געהן זאָל זי נאָך אין די הײַזער!

*) חברט׳עס.

אין אַלע הייזער זאָל זי נאָך גײען,
אין יעדע שטוב זאָל זי בלײַבען בעשטעהן!
אוי, אין יעדע שטוב, וואו זי וועט אַרײַנקומען,
זאָל מען זאָגען, אז זי איז שוין דאָ געוועזן!...

V

איך האָב דיך ליעב,
דו מעגסט מיר זיכער גלויבען —
כ'קאָן נישט לעבען
אָהן דיר איין מינוט!
דו ביסט ביי מיר טייערער ווי מײַן לעבען —
חתונה האָבען קאָן איך מיט דיר נישט;
איך שטעה,
איך שטעה אין מיטען ים
און שווימען קאָן איך נישט צו קיין ברעג!
צײַט איך האָב דערקענט
אין די ליעבע אַ טעם,
שטרעק איך מײַן לעבען אָהן איין עק;
שטרעק שוין אויס
דײַנע צוויי ווײַסע הענד
און געב אַ דריק
צו מײַנעם הערצען צו —
וועסטו זעהן,
ווי די ליעבע פלאַקערט און ברענט,
אַז מײַן פנים איז אַש רויט ווי בלוט!...
אוי, איך געדענק,
איך בין אַמאָל שען געוועזען,
מײַן פנים האָט ווי די זון געשײַנט;
אַ שוואַרצער וואָלקען
האָט פאַרדעקט מײַנע אויגען —
אַלץ דורך דעם פאַלשען גוטען-פרײַנד!...

VI

לִיעג אִיך מִיר אָף מײַן געלעגער,
אַנטשלאָפען װערען קאָן אִיך נִישט;
צװעלף שלאָגט דאָך שױן דער זײגער...
דאָס בעט אִיז נאַס פון הײסע טרערען;
מִיט הײסע טו אִיך זײ גִיסען,
מִיט קאַלטע טו אִיך זײ לעשען....
אַ פײַער ברענט אִין מײַנעם הערצען —
אָ גאָט, אִיך קאָן עס נִישט פערגעסען!
געדענקסטו, געדענקסטו
אונזער לִיעבע נאַכט,
מִיר זענען געזעסען,
מִיר האָבען געלאַכט,
מִיר האָבען געזונגען לִיעדער...
גאָט זאָל אונז באַשערען,
מִיר זאָלען זִיך זעהן װִידער!

מִיר זענען געזעסען,
מִיר האָבען געטראַכט...
דִי לבנה מִיט דִי שטערען
זענען אַרױסגעקומען...
דרײַ יאָהר אַ לִיעבע געפִיהרט —
דעם סוף האָט זִי גענומען!

VII

װאָכ האָסטו געװאָלט פון מִיר האָבען,
װאָכ האָסטו מִיר דעם קאָפּ פערדרעהט?
אִיך װאָלט דאָך שױן לאַנג אַ כלה געװאָרען
און אָפשר אױך חתונה געהאַט!

אַפשר גערהט עס דיר אין נדן —
ווען די מאַמע פערקויפען די שטיב
און מיר וועלען ביידע חתונה האָבען,
ווייל איך האָב דיך ליעב!

VIII

אַ טייערע בלום האָב איך געפלאַנצט,
ס'איז געפלאַנצט ביי מיר אין הערצען;
היינט האָב איך די בלום פון מיין הארץ אַרויסגעריסען,
און ביי מיר זענען געבליבען די שמערצען.

זיץ איך מיר אין שטיבעלע
איינע אַליין, שרעקליך פערטראַכט —
די שענע זון איז מיר אונטערגעגאַנגען,
ס'קומט מיר אָן די פינסטערע נאַכט!

די שענע זון האָט מיין בלום פערברענט,
וואָס קיין שום רעגען קאָן זי נישט לעשען; —
אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען,
אָן דיר, הושקו, קאָן איך נישט פערגעסען!

IX

(באַלאַדאַ).

עס וואַר איינמאָל אַ יונגער קניאַז,
ער ליעבט אַ מיידעל פון אַכצעהן יאָהר;
ער ליעבט זי יאָ,
ער ליעבט זי ניין —
ער ליעבט קיין צווייטע,
נור זי אַליין.

דער קניאַז פֿערדרייזט
אין אַ פֿרעמדעס לאַנד,
ער בעקומט אַ בריעף:
די ליעבע איז קראַנק!
ער לאָזט־איבער
האָב און גוטס
און פֿאָהרט זעהן,
וואָס די ליעבע טהוט.

— גוטען טאָג, גוטען טאָג,
געליעבטע מײַנע!
וואָס ליעגסט דו דאָ
אין בעט אַלײַנע?

— איך דאַנק, איך דאַנק,
געליעבטער קניאַז!
נישט ווײַט פֿון בעט
ביז צום סמענטאַזש*)...

ער נעהמט דעם קאָפּ
אין זײַנעם אָרעם —
דער קאָפּ איז קאַלט,
שוין מעהר נישט וואַרעם!
די ליפּען זענען רויט,
דאָס געזיכט איז ווײַס,
די הענד זענען קאַלט,
אַזוי ווי אייז.

— „געשווינד, געשווינד ליכט געבראַכט —
מײַן געליעבטע שטאַרבט שוין די נאַכט!
געשווינד, געשווינד ליכט געצינד —
מײַן געליעבטע שטאַרבט אַצינד!“

---

*) בית־עלמין.

ער נעהמט אַרוים
די שווערד פון שייט,
ער שטעקט זיך איין
און בלייבט שוין טויט.

די מאַמע געהט אַרוים
אין אַ יאָמער און אַ קלאָג:
צוויי געליעבטע אין איין טאָג!...
דריי פיערטעל יאָהר —
די ליעבע האָט אַנ'ענדע גענומען!...

אויף זייער קבר
וואַקסען שוין ראָזע בלומען,
אויף די ראָזע בלומען
שטעהט אויפגעשריבען,
אַז צוויי געליעבטע
אין איין גרוב ליעגען.

(פון ש. לעהמאַנ'ס זאַמלונגען).

X

געה איך צו דעם ברונענ'לע,
אַ ביסעל וואַסער נעהמען;
דאָרט שטעהט זיך אַ מיידעלע,
וויל זי מיך נישט נעהמען.

— „הער נור, דו שען מיידעלע, דו פיין מיידעלע,
וואָס ווילסטו מיך נישט נעהמען, וואָס טהוסטו צו מיר נישט רעדען?"
— „געהם אַרוים אַ בער פון וואַלד
און לעהרן איהם אוים שרייבען".

— „אַ בער פון וואַלד וועל איך אַרויסנעהמען,
לעהרנען וועל איך איהם שרייבען, —

דאַן זיעבען קינדערלעך זאָלסטו האָבען
און אַ יונגעס מערכען פערבלייבען".

— „זיעבען קינדערלעך וועל איך האָבען
און אַ יונגעס מערכען — פערבלייבען,
דאַן זאָלסטו מיר מאַכען זיעבען העמדעלעך
אָהן נאָדעל און אָהן גאַרען".

— „זיעבען העמדעלעך וועל איך מאַכען
אָהן נאָדעל און אָהן גאַרען, —
דאַן זאָלסטו מאַכען זיעבען וויעגעלעך
אָהן מעסער און אָהן געצייגען".

— „זיעבען וויעגעלעך וועל איך דיר מאַכען
אָהן מעסער און אָהן געצייגען, —
דאַן זאָלסטו מיר אַ לייטערל מאַכען,
איך זאָל קענען צום הימעל דערשטייגען",

— „אַ לייטערל וועל איך דיר מאַכען,
צום הימעל וועסטו דערשטייגען, —
דאַן צעהל מיר איבער די שטערען פון הימעל.
קיין איינעם זאָלסטו נישט מיידען!"

— „די שטערען פון הימעל וועל איך איבערצעהלען,
קיין איינעם וועל איך נישט מיידען, —
דאַן נעהם אַרויס די פיש פון ים,
קיין איינער זאָל נישט בלייבען!"

— „די פיש פון ים וועל איך דיר אַרויסנעהמען,
קיין איינער זאָל נישט בלייבען;
דו ביסט שען און איך בין קלוג —
לאָמיר ביידע תנאים שרייבען!"...

XI

(באלאדא).

אמאָל איז געווען אַ שניידער־מיידעל,
איז זי שטענדיג געזעסען אין שטיב;
אַדורכגעגאַנגען אַנ'אונטער־אָפיציער
און ר'האָט זיך אין איהר פערליעבט.

ווי ער איז אין שטוב אַריינגעקומען —
זי איז איהם זעהר געפעלען,
נעהמט ער אַרויס צעהן טויזענד רובל:
— „לאָמיר אַ חופה שטעלען!"

— „פאָהר אַהיים צו דיינע עלטערן,
דיין רעדען איז דאָך אומזיסט;
כ'קאָן דאָך מיט דיר נישט חתונה האָבען,
ווייל דו ביסט אַ קריסט"...

אַזוי ווי ער האָט די רייד דערהערט,
די רייד האָבען איהם פערדראָסען, —
נעהמט ער אַרויס די ביקס פון דער שייד
און ר'האָט זי צום טויט געשאָסען.

— „שוועסטער דו מיין, קום נור אַריין,
ראַטעווע מיך פון מיין נויט!" —
איידער די שוועסטער איז אַריינגעקומען,
איז זי געבליבען טויט.